STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02465

SEFER SIPURE ANSHE SHEM

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ספר

ספורי אנשי שם

און דיזען ספר ווערד בעשריבען וואס עס האט זיך פאסירט ביי דיזע גאונים.

- א מעשה נורא פון בעהמ"ח לחם הפנים.
- א מעשה נורא פון הנביא ברוך בן נריה ע"ה.
- א ווינדערליכע מעשה מהצדיק ר' יוסף מיאנפאליא.
- א ווינדערליכע מעשה מהצדיק ר' ברוך קאסיבער.
- א ווינדערליכע מעשה פון א צדיק וואס ער איז געוועזן איינער אליין שבת און דער מדבר.
- א מעשה נורא פון צוויי שותפים
- א ווינדערליכע מעשה מהרב הגאון ר' חיים דעם מהר"ל'ס א ברודער.
- א מעשה נורא מהחיד"א זצ"ל.
- א מעשה נורא פון רמ"א זצ"ל.

הוצאת בית מסחר הספרים של ר' אברהם כהנא נאלעווקא 39

ווארשא

שנת תרפ"ד לפ"ק

SIPURAJ ANSZAJ SZEJM
Wydanie księgarnie
A. KAHAN Warszawa Nalewki № 39
konto czekowe P. K. O. 5723.
1924.

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

ספורי אנשי שם

אַ ווינדערליכע מעשה פון לחם הפנים וואס עס האט זיך געטראפען און דער שטאדט צפת.

אַמאָהל האט דער רב פון צפת געזאגט אַ דרשה און מיטען דער דרשה האט ער גערייד פון דעם לחם הפנים וואס מען פלעגט אַרויף לייגען יעדען שבת אויף דעם הייליגען שלחן אין בית המקדש. און דער רב האט זייער בעדויערט די יעצטיגע צייט וואס מיר האבען נישט קיין בית המקדש און מיר האבען ניט קיין זאך וואס דורך דער זאך זאל אויף אונז חל זיין די שפע פון הימעל. (דער רב האט ערקלערט דעם טעם פאר וואס מען האט בעדארפען יעדען שבת לייגען דאס לחם הפנים כדי דורך דעם הפנים זאל אונז גאט משפיע זיין פרנסה פון הימעל) ביי דער דרשה איז געשטאנען איינער פון די אנוסים (דאס הייסט בשעת עס איז געוועזען די אונקוויזיציע אין שפניא און פורטיגאל וועלכעס פיהל יודען האבען זיך געמוזט טויפען און בישלעכווייס האבען זיי זיך אויסגעצויגען פון שפניא און פון פורטיגאל און זיי זענין געווארען צוריק יודען דאך איז צווישען זיי געוועזען אַזעלכע וואס זיי זענען נאך געטויפט געווארען ווען זיי זענען נאך געוועזען יונג אפילו יעצט ווען זיי זענען געווארען צוריק יודען דאך זענען זיי געוועזען שטארק אונבעוויסט און דער יודישער תורה:

ווי ער האט גיהערט די דרשה פון דעם רב איז ער אַ היים געגאנגען און ער האט געהייסען זיי חייב אַז יעדען פרייטאג זאל זי אָב באַקען צוויי חלות פון שעהן מעהל און זי זאל זעהן אַז דאס טייג זאל ניט טמא ווערין און זיי זאלען זיין שעהן אָבגעבאַקען און ער האט יעדען פרייטאג גענומען די צוויי חלות און ער איז מיט זיי געגאנגען אין שוהל אַריין און ער האט זיי אַנידער געלייגט לעבען ארון הקודש און ער האט מתפלל גיוועזען צו גאט אַז ער זאל עסען זיינע צוויי חלות און ער זאל זיי מקבל זיין גלייך ווי

ווי דעם לחם הפנים וואָס מען האָט אַרויף געלייגט אין בית המקדש און נאָך אַזעלכע בקשות און איז אַ היים געגאַנגען. דער ווייל איז דער שמש געקומען פאַר נאַכט אין שוהל אַריין און ער האָט געזעהן די צוויי חלות האָט ער זיי צו גענומען. דער יוד (אנוס) פלעגט ביי מעריב צו געהן זעהן צו זיינע חלות ליגען נאָך אַז ער האָט זיי ניט געזעהן האָט ער גירעכינט אַז גאָט האָט זיי מקבל געוועזען און ער האָט זיי אויף גיגעסען. האָט ער זיך שטאַרק געפרייט און ער האָט געזאָגט זיין ווייב מיר דאַרפען לויבען גאָט אַז ער האָט אויף גיגעסען אונזערע חלות און ער איז ניט ממאס און אונזער מתנה ע״כ דאַרפען מיר זיך שטאַרקען און מיר זאָלען ניט אויף הערען די חלות צו באַקען און זיי מקריב זיין פאַר גאָט ווייל מיר האָבען ניט מיט וואָס איהם מכבד צו זיין נאָר מיט די חלות און די חלות זענען ביי איהם חשוב דאַרפען מיר זעהן די חלות זאָלען זיין און בעסטען אָרדינונג. און ער פלעגט יעדען פרייטאָג אַנידער לייגען די צוויי חלות און מתפלל זיין פאַר השי״ת אַז ער זאָל עסען זיינע צוויי חלות:

אַמאָהל איז דער רב געוועזען פרייטיג און שוהל ער האָט זיך געחזר׳ת די דרשה וואָס ער וועט מאָרגען זאָגען. און דער יוד איז אַריין געקומען און שוהל אַריין מיט די צוויי חלות און ער איז גאַנץ ערענסט צו געגאַנגען צום ארון הקודש און ער האָט אַ ניבער געלייגט די צוויי חלות און ער האָט געבעטין צו השי״ת אַז ער זאָל עסען זיינע חלות און ער האָט ניט בעמערקט אַז דער רב שטעהט און שוהל און דער רב האָט געזעהן ווי דער יוד לייגט אַנידער די צוויי חלות און ער איז מתפלל פאַר השי״ת. האָט איהם פערדראָסען אויף דעם יוד און ער האָט איהם צו גערופען און ער האָט אויף איהם אָהנגעשריגען און ער האָט איהם געזאָגט די שוטה אונזער גאָט עסט דען? דער שמש נעמט זיכער צו די חלות און די גלייבסט אַזוי אַז גאָט עסט זיי אויף? דאָס איז אַ גרויסע עבירה צו קלערען אַז גאָט איז אַ דבר גשמי אַז ער האָט אַ גוף. ביין אונזער גאָט איז ניט קיין גוף און קיין מענש קען און איהם ניט האָבען קיין השגה:

דער ווייל איז דער שמש אָהנגעקומען כדי ער זאָל צו נעמען די חלות אַזוי ווי זיין מנהג איז געוועזען יעדען פרייטאָג דער רב האָט צו גערופען דעם שמש און ער האָט איהם געזאָגט זיי מודה. אויף וואָס די ביסט יעצט אַריין געקומען און שוהל אַריין און וואָר נעמט צו יעדען פרייטאָג די חלות וואָס דער יוד לייגט זיי אַנידער יעדען פרייטאג לעבען ארון הקודש. דער שמש האָט מודה געוועזען אַז ער נעמט יעדען פרייטאָג

צו די חלות. ווי דער יוד האָט דאָס דערהערט האָט ער אָהנגעהויבען צו וויינען און ער האָט געבעטען אַז דער רב זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט אַ טעות געהאַט און זיין דרשה און ער האָט גירעכענט צו טוהן אַ מצוה צום סוף האָט ער גאָהר געטוהן אַ עברה. תיכף נאָך דעם איז געקומען אשליח פון האר״י הקדוש צום רב און ער האָט איהם געזאָגט אַז ער זאָל אַהיים געהן און שרייבען אַ צואה ווייל מאָרגען איידער ער וועט געהן זאָגען די דרשה וועט ער שטאַרבען עס איז אַזוי נגזר געוואָרען אויף דעם הימעל:

דער רב איז דערשראָקען געוואָרען פון די רייד און ער איז געגאַנגען להר״י הקדוש און ער האָט איהם גיפרעגט פאַר וואָס עס איז אויף אים נגזר געוואָרען מיתה האָט איהם האר״י הקדוש גיענטפערט איך האָב גיהערט און הימעל ווייל די האָסט מבטל געוועזען דעם נחת רוח וואָס השי״ת האָט געהאַט פון דעם יוד וואָס ער האָט יעדען פרייטאָג גיבראַכט אַ מתנה פאַר גאָט די צוויי חלות מיט אַזאַ ערענסטקייט. זינד דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען האָט נאָך השי״ת פון קיין שום מענש ניט געהאַט קיין אַזאַ נחת רוח ווי פון דעם יוד. און ווייל די האָסט מבטל גיוועזען דעם יוד פון ברענגען די צוויי חלות האָסטו מבטל גיוועזען דעם נחת רוח פון השי״ת ע״כ איז אויף דיר נגזר געוואָרען מיתה. און עס איז אַזוי געוועזען דער רב איז שבת פאַר דער דרשה נפטר געוואָרען. פון דאַנען זעהן מיר ווי מען טאָהר ניט לאַכען פון אַ פראָסטען מענש וואָס ער טוהט אַ זאַך ערענסט הגם די זאַך איז ניט קיין מצוה ווייל השי״ת וויל נאָר דאָס ערענסטקייט פון מענש. השי״ת זאָל אונז העלפען אַז מיר זאָלען איהם קענען דינען מיט ערינסטע מחשבות:

אַ וואונדערליכע מעשה פון קבר הנביא ברוך בן נרי׳ ע״ה

אַמאָהל האָט דער קיסר פון דער מדינה כוש געזאָגט צו אַ יוד ער האָט געהייסען ר׳ שלמה קום מיט מיר איך וועל אויף עפענען דאָס קבר פון יחזקאל הנביא. איך האָב געהערט אַז ער האָט געטוהן גרויסע ניסים די יודען וויל איך איהם זעהן. האָט איהם ר׳ שלמה גיענטפערט חס וחלילה

וחלילה מען טאר ניט עפינען זיין קבר און די וועסט עס ניט קענען עפענען און די וועסט איהם ניט קענען זעהן. נאר איך וועל דיר געבען א עצה לעבין יחזקאל הנביא ליגט זיין תלמוד ברוך בן נריה און ער איז אויך געוועזען א נביא פראביר צום ערשטען צו עפענען זיין קבר אויב די וועסט קענען עפענען וועסט די אפשר יחזקאל הנביא'ס קבר אויך קענען עפינען. דעם קיסר איז די עצה געפעלען און ער האט געשיקט רופען זיינע שרים זיי זאלען זעהן דעם ברוך בן נריה. אלע שרים זענען זיך צו זאמען געקימען און מען איז געגאנגען עפענען דאס קבר אזוי ווי מען האט אהנגעהויבען צו גראבען זענען אלע מענשען וואס זיי האבען געגראבען דאס קבר זענען אנידער געפאלען טויט. איז דאט געשטאנען א אלטער טערק האט ער געזאגט צום קיסר אדוני המלך דער נביא איז געוועזען א יוד און די יודען לערנען זיין תורה ע"כ זאלסטו גוזר זיין אויף די יודען אז זיי זאלען עפענען דאס קבר זיי וועט ניט שאדען:

דער קיסר האט אזוי געטוהן און ער האט געשיקט נאך די יודען און ער האט זיי געזאגט אז זיי זאלען עפינען דאס קבר. די יודען האבען גיבעטען ביי דעם קיסר אז ער זאל זיי געבין צייט דריי טעג זיי זאלען תשובה טוהן אז דער אייבישטער זאל זיי מוחל זיין זייערע חטאים אפשר וועלען זיי קענין עפינען דאס קבר. דער קיסר האט זיי גיגעבען צייט דריי טעג די יודען האבען גוזר תענית געוועזען און זיי האבען געפאסט דריי טעג און תפלה געטוהן און דעם דריטען טאג זענען זיי געגאנגען עפינען דאס קבר נאך און תעניות און זיי האבען איהם פריהער גיבעטען מחילה און עס האט קיינעם ניט געשאדט. און זיי האבען גיעפענט דאס קבר און ער איז גילעגען און א מערמילשטיינער ארון און זיין הייליג פנים האט געשיינט גלייך ווי ער וואלט גילעבט האט דער קיסר געזאגט אז עס איז ניט ריכטיג אז זיי זאלען ביידע יחזקאל מיט זיין תלמיד ברוך בן נריה זאלען ליגען בעזאמען און ער האט געהייסען נעמען דעם ארון און מען זאל איהם אוועק פיהרען ווייטער. מען האט אזוי געטוהן מען האט גענומען דעם ארון און מען האט איהם אוועק געפיהרט ווייטער א תחום שבת און מעהר האט מען איהם ניט געקענט פיהרען מען האט איינגעשפאנט קעמליך מיט אייזלען און מען האט אלץ ניט געקענט פיהרען דעם ארון ווייטער. האט ר' שלמה געזאגט צום קיסר אפשר האט ער זיך אויסגעקליבען דאס קבר נאך ביי זיין לעבען איבער דעם קען מען דעם ארון ניט פיהרען ווייטער. האט דער קיסר געהייסען אז

מען

מען זאָל איהם קובר זיין אויף דעם אָרט ווי דער ארון איז געבליבען שטעהן מען האט אזוי געטורן און מען האט אויף געמויערט אויף דעם קבר א שעהנעם בנין און א בית המדרש.

ווי דער קיסר האט געזעהן אז ברוך בן נריה איז אזוי פריש האט ער געזאָגט יעצט וועלען מיר עפינען דאס קבר פון נביא „מחמד" און דער קיסר איז געפאָהרען מיט זיינע שרים קיין מעגאוואו און ער האט געהייסען עפינען דעם מחמד'ס קבר, ווי מען האט עס געעפענט האבען זיי געזעהן ווי עס ליגט נאר צושיטע ביינער און ער איז פערשטינקען און עס איז ניט מעגליך צו שטעהן לעבען דעם קבר ווי דער קיסר האט דאס דערזעהן האט ער זיך מיט זיינע שרים מגייר געוועזען און זיי האבען געזאָגט יעצט זעהן מיר אז גאט איז אמת און משה מיט אלע נביאים זענען אמת און אויף דעם קבר פון ברוך בן נריה וואקסט אמין גראז וואס אויף די בלעטער וואקסען גאלדינע שטראלען ביינאכט זעהט מען זיי און אויב מען וויל אבריסען דאס גאלד קומט מען ביינאכט און מען מאכט זיך א צייכען אויף דעם בלאט ביז וואנען דאס גאלד איז. און בייטאג רייסט מען עס אב. און אויף דעם קבר פון יחזקאל הנביא אויב עס לייגט עמיצער אנידער דארט עפיס א זאך אדער געלד קען עס קיינער ניט אראב נעמען נאר דער אייגינער וואס ער האט עס אנידער געלייגט און אויב דער אייגענטימער שטארבט קענען עס די יורשים אראב נעמען. זכות הנביאים יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

א וואונדערליכע מעשה מהצדיק ר' יוסף מיאמפלא בן הרב הצדיק הקדוש מור"ר מיכל מזלאטשוב.

ער רבי ר' יוסף מיאמפלא פלעגט צו דאווינען מיט גרויס כונה ובפרט מעריב פלעגט ער דאווינען גאר מיט גרויס כונה. אמאהל איז ער שלאף געווארען און ער איז געוועזען נוטה למות. און בעת ער איז שלאף געוועזען האט ער געזעהן אז מען וועגט און הימעל זיינע זכיות און מען האט גיבראכט אלע זיינע תפלות וואס ער האט געדאווענד און מען האט זיי

זיי ארויף געלייגט אויף דער וואג שאהל און עס איז געקומען א מלאך און ער האט געזאגט וואס זענען די תפלות און ער האט גיגעבען אבלאהז אויף די תפלות זענען זיך אלע תפלות צופלויגען און עס ניט געבליבען אויף די וואגשאהל נאר איין ה וואס זי האט געלויכטין, און ער איז געשטאנען פאר דעם בית דין של מעלה און ער האט געציטערט פאר מורא. און דעם זעלבען טאג איז זייער פאטער דער רבי ר׳ מיכל נפטר געווארען און ער האט גיהערט א כרוז אויף דעם הימעל אז אלע צדיקים פון הימעל זאל אקעגען געהן דעם צדיק ר׳ מיכל:

דער וויל איז ר׳ יוסף׳ס רבי ר׳ ישראל בן אלעזר אויך אקייגען געגאנגען דעם רבין ר׳ מיכל ווי דער רבי ר׳ ישראל האט דערזעהן ר׳ יוסף׳ן שטעהן פאר דעם בית דין של מעלה האט ער איהם גיפרעגט יוסף וואס טוהסטו דא? האט ער איהם דערציילט די גאנצע מעשה. האט זיך ר׳ ישראל אהנגערופען צום בית דין של מעלה ואס וילט איהר האבען פון יוסף׳ן איך זאג אייך אז ער דאווענד בכונה והא ראי׳ הייסט איהם דאווינען שחרית וועט איהר זעהן ווי ער דאווינד בכונה און ר׳ ישראל האט איהם צו גערופען און ער האט איהם געהייסען דאווינען און ער האט אהנגעהויבען צו דאווינען מיט גרויס התלהבות און ער האט אהנגעהויבען צו שוויצען און ער איז געזונד געווארען פון דאנען זעהן מיר ווי מען דארף זיין נזהר צו דאווינען בכונה. די מעשה האט דער רבי ר׳ יוסף מיאמפלא אליין דער ציילט און ער איז געזונד געווארען זי״ע ועכי״א:

א שעהנע מעשה מהרב הצדיק מוהר״ר ברוך קאסיבער

דער רבי ר׳ ברוך קאסיבער איז אמאהל אריין געקומען און א בית המדרש אריין האט ער געזעהן א חברה יונגע לייט שטעהן און זיי זענען זיך מפלפל און לערנען און דער רבי ר׳ ברוך האט אבער גיזעהן אז זיי זענען זיך ניט מפלפל לשם שמים נאר יעדער איינער מיינט נאר ארויס צו ווייזען זיין קענטיגעס האט דער רבי געזאגט מיט געלעכטער גוט איך בין אריין געקומען און א בית המדרש אריין וואס עס איז פיהל מיט תורה די יונגע לייט זענען געווארען פרייליך זיי האבען גירעכענט אז ער זאגט דאס ערענסט

האט

האט זיי דער רבי געזאגט ניין איהר האט נאר א טעות איהר רעכענט אז איך לויב אייך מיט דעם ? ניין ! איהר זאלט וויסען אז ווען דער מענש לערענט תורה לשמה איז יעדען ווארט תורה וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל פליהט עס גלייך און הימעל אריין עס בלייבט ניט אויף דער וועלט אפילו קיין רגע. אבער אז מען לערענט ניט לשמה בלייבט דאס לערנען איבער אויף דער וועלט און דא אין בית המדרש זעה איך אז דאס גאנצע לערנען איז דא און בית המדרש עס איז קיין ווארט ניט ארויף אויף דעם הימעל דאס האב איך געמיינט וואס איך האב געזאגט אז דאס בית המדרש איז פיהל מיט תורה. דער זכות פון דעם צדיק זאל אונז ביי שטעהן אז מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט כל טוב און מיר זאלען קענען דינען גאט מיט אמת'דיגע הערצער ובזכות זה וועלען מיר זוכה זיין צו א גאולה שלמה בקרוב אמן :

א וואונדערליכע מעשה פון א סוחר וואס ער האט געגעבען צדקה א בלינדען אויף דעם וועג און ער איז דורך דעם ניצול געווארען פון טויט.

א סוחר איז אמאהל געגאנגען און וועג אויף דעם וועג האט ער זיך געטראפען מיט נאך איינעם און זיי זענען ביידע געגאנגען און וועג האבען זיי בעגעגענט א בלינדען זיצען אונטער דער שטאדט האט דער סוחר ארויס גענומען א גילדען און ער האט געגעבען דעם בלינדען א נדבה און ער האט געזאגט צום צווייטען גיב דו אויך דעם בלינדען א נדבה. האט איהם דער צווייטער געענטפערט איך וועל איהם ניט געבען קיין נדבה ווייל איך קען איהם ניט איך וויים ווער ער איז ווייל איך איהם ניט געבען. זיי זענען אוועק געגאנגען ווייטער האבען זיי בעגעגענט דעם מלאך המות און זיי האבען ניט געוויסט צו ער איז דער מלאך המות ווייל ער איז געוועזען גלייך ווי א מענש האט ער זיי געפרעגט ווי געהט איהר ? האבען זיי איהם געענטפערט מיר געהן האנדלען. האט ער זיי געזאגט איהר זאלט וויסען אז איך בין דער מלאך המות זענען זיי אנידער געפאלען אויף דער

ערד

ערד פאַר פחד האָט דער מלאך המות געזאָגט צו דעם סוחר וואָס ער האָט געגעבען אַ נדבה דעם בלינדען און ווייל די האָסט געגעבען צדקה דורך דער צדקה ביסטו אויס געלייזט געוואָרען פון טוידט די וועסט נאָך לעבען פופציג יאָהר און צו דעם צווייטען האָט ער געזאָגט די ביסט שוין בעטפערט צו מיר און דיין סוף איז שוין געקומען די מוזט שוין שטאַרבען האָט זיך דער מענש אָהנגערופען צום מלאך המות מיר זענען ביידע גלייך און וועג זאָל ער אַהיים געהן און איך זאָל שטאַרבען אויף דעם וועג? האָט איהם דער מלאך המות געענטפערט דיין חבר האָט געגעבען צדקה איז ער ניצול געוואָרען אָבער די. ווייל די האָסט ניט געוואָלט געבען קיין צדקה דאַרפסטו שטאַרבען און וועג. האָט דער מענש ווייטער געזאָגט צום מלאך המות לאָזט מיך וועל איך יעצט געבען צדקה. האָט איהם דער מלאך המות געענטפערט ניין ביז יעצט איז צייט געוועזען די זאָלסט געבען צדקה אָבער יעצט איז שוין פערפאַלען. האָט דער מענש ווייטער געזאָגט צום מלאך המות וואַרט מיר ביז איך וועל לויבען גאָט. האָט איהם דער מלאך המות געזאָגט אַז די ווילסט לויבען גאָט וועל איך דיך ניט טייטען און ער האָט איהם אויך געלאָזט לעבען. ליעבער לעזער דער מענש פון דעם זכות פון איין מאָהל צדקה געבען האָט מען איהם גישענקט פופציג יאָהר לעבען דער מענש וואָס ער גיט צדקה יעדען טאָג וועט דאָך אַודאי האָבען אַ גרויסען שכר בזכות הצדקה וועלען מיר געהאָלפען ווערען מיט כל טוב אמן:

אַ וואונדערליכע מעשה וואָס דער רבי ר' אַברהם מרדכי זצ"ל מפינטשוב האָט דערציילט.

אַ סוחר איז אַמאָהל געפאָהרען אויף אַ שיף האָט זיך געמאַכט אַ שטורם ווינד און די שיף האָט געהאַלטען ביי אונטער געהן האָט דער סוחר מתפלל געוועזען צו השי"ת אַז ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און זיין ווייבס זכות. השי"ת האָט צו געהערט זיין געבעט און דער שטורם ווינד האָט זיך אָב געשטעלט און זיי זענען ניצול געוואָרען. אויף דער שיף איז געוועזען

געוועזען אַ גוי און ער האָט געהערט ווי דער סוחר האָט מתפ"ל געוועזען און זיין ווייבס זכות האָט ער זיך זייער געוואונדערט פאַר וואָס דער סוחר האָט מתפלל געוועזען און זיין ווייבס זכות האָט איהם דער סוחר געזאָגט זי איז באמת אַ אשה צנועה וואָס איהר זכות איז כדאי אַז עס זאָל אויף מיר מגין זיין האָט דער גוי געזאָגט איך וועל זי פּרובען און איך וועל זי איבער ריידען צו אַ עבירה וועל איך זעהן צו זי איז באמת אַ אשה צנועה. האָט צו איהם דער סוחר געזאָגט ווי אַזוי וועל איך וויסען אַז די האָסט זי איבער גערעדט האָט דער גוי געזאָגט וואָס פאַר אַ סימן ווילסטו? האָט איהם דער סוחר געענטפערט זי האָט אַ טייער פינגערל אויף איהר האַנד אויב די וועסט מיר ברענגען דאָס פינגערל וועל איך וויסען אַז די האָסט איבער גערעדט און איך וועל דיר אַוועק געבען מיין גאַנצע סחורה וואָס איך האָב מיט זיך און אויב די וועסט מיר ניט ברענגען דאָס פינגערל איז אַ סימן אַז די האָסט זי ניט געקענט איבער ריידען זאָלסטו מיר אַוועק געבען דיין סחורה זיי האָבען צווישען זיך אַזוי אָב געמאַכט. און דער גוי איז געפאָהרען און דער שטאָדט אריין ווי דער יוד האָט געוואָהנט און ער איז אַריין געגאַנגען צו דער אשה זי האָט אָבער ניט צו זיך צו געלאָזט אַזוי האָט געדויערט עטליכע טעג און ער האָט אַלץ ניט געקענט צו איהר אפילו צו קומען. ווי דער גוי האָט געזעהן אַז ער קען זי ניט בייקומען האָט ער דאָך געזעהן אַז ער וועט פערשפּילען האָט ער גוט בעצאָהלט איהר דינסט אַז זי זאָל צו גנב'נען ביי איהר בעל הבית'טע דאָס פינגערל כדי ער זאָל וויזען דעם סוחר דעם סימן אַז ער האָט זי איבער גערעדט. און ער איז געקומען צום סוחר און ער האָט איהם געוויזען דאָס פינגערל האָט דאָך דער סוחר געזעהן אַז עס איז אמת אַז ער האָט זי איבער גערעדט האָט דער סוחר איהם אַוועק געגעבען די סחורה און ער איז אַ היים געפאָהרען ליידיג:

ווי די אשה האָט געהערט אַז איהר מאַן קומט אָהן האָט זי זיך שעהן אָהנגעטוהן און זי איז אַקעגען געגאַנגען איהר מאַן מיט שמחה און אהבה אַזוי ווי זי איז געוועזען געוואָהנט. זיין האַרץ איז אָבער ניט געוועזען צו איהר אין ער האָט זי ניט געוואָלט אָהנקוקען און ער האָט זי פון זיך אַוועק געשיקט אויף אַ שיף און ער האָט ניט געדינגען קיין שיף קאַפּיטאַן נאָר ער אַליין האָט געפיהרט די שיף נאָר ער האָט זיך אָהנגעטוהן אַנדערע מלבושים כדי זי זאָל איהם ניט דערקענען און ער האָט איהר ניט מיט געגעבען קיין עסען זי איז אַזוי געפאָהרען עטליכע טעג אָהן עסען ביז די שיף איז צו געקומען צו אַ אינזל און ער האָט זי אראָב געשטעלט פון דער

שיף

שיף אויף דעם אינזל זיין כוונה איז געווען אז זי זאל דארט שטארבען זי איז אזוי ארום געגאנגען אויף דעם אינזל זיכען עפיס צו עסין האט זי געפינען צווי ביימער מיט פרות זי האט געגעסען פון איין בוים די פירות איז זי קרעציג געווארען זי האט אבער גענומען עסין די פירות פון דעם צווייטען בוים איז זי תיכף געהיילט געווארען האט זי אבגעריסען די פירות פון דעם בוים און זי האט זיי ארײן געלייגט און א זעקעל ארײן און זי איז אזוי געגאנגען ביז זי איז געקומען און א שטאדט ארײן האט זי גיהערט אז דער קיסר איז קראנק און מען קען איהם ניט אויסהיילען זי איז ארײן געגאנגען צום קיסר און זי האט איהם געגעבען אויף צו עסען די פירות און ער איז תיכף געזונד געווארען דער קיסר האט איהר פאר דעם געגעבען אהון רב און זי איז צוריק אהיים געפאהרען צו איהר מאן און זי האט איהם גיפרעגט פאר וואס ער איז אויף איהר און כעס און פאר וואס ער האט זי אוועק געשיקט אויף א אינזל דער מאן האט איהר דערציילט די גאנצע מעשה זי האט אבער די גאנצע זאך אב געלייקענט דער מאן האט גיט חוקר ודורש געווען און ער איז געוואהר געווארען אז די גאנצע מעשה איז שקר האט ער מיט איהר צוריק געוואהנט פריינדליך. לייעבער לעזער און דער מעשה איז פערוויקעלט גרויסע סודות נאר וויל זי איז אזוי גיוועגטליך אויך א שעהנע מעשה האבען מיר זי אייך דא גישטעלט :

א ווינדערליך ערצעהלונג ווי אזוי דער תנא ר׳ יהודא בן בתירה איז געבאהרען געווארען .

אמאהל איז רבן גמליאל מיט אליעזר ור׳ יהושע געגאנגען און וועג האבין זיי דערהערט א קול פון א יוד זיי זאגען צו איהם צו געגאנגען ער האט זיי ארײן גיבעטען אין שטיב ארײן און ער האט פאר זייערט וועגען געמאכט א סעודה און ער האט זיי גרויס כבוד אב געגעבען ביי דעם עסען האבען זיי געזעהן אז וואס פאר א עסען ער טראגט זיי צו טראגט ער פריהער ארײן א פארציע און אבעזינדער שטיבעל ארײן האבען זיי געמיינט אז ער טוהט דא א כישוף האבען זיי איהם גיפרעגט פאר וואס ער טראגט

ארײן

ארײן עסען אין דעם שטיבעל ארײן האט ער זײ דערצײלט אז ער האט א נדר געטוהן אז ער זאל ניט ארויס געהן פון דעם שטיבעל ביז ער וועט זעהן צום ערשטען תלמודי חכמים איבער דעם מוז איך איהם ארײן טראגין אין דעם שטיבעל ארײן עסען. האבען זײ צו איהם געזאגט זאג דײן פאטער אז מיר זענען תלמודי חכמים ער מעג ארײן קומען צו אונז. דער אלטער איז צו זײ ארײן געגאנגען האבען זײ איהם געפרעגט פאר וואס ער האט אזו א נדר געטוהן האט ער זײ געענטפערט אז שוין צוועלף יאהר זינד זײן זוהן האט חתונה געהאט און מען האט איהם כישוף געטוהן און ער קען זיך ניט צו זאמען קומען מיט זײן ווײב ע״כ האב איך א נדר געטוהן אז איך זאל ניט ארויס געהן פון מײן שטיב ביז איך וועל זעהן תלמודי חכמים אפשר וועט גאט אויף מיר רחמנות האבען און ער וועט מיר צו שיקען תלמודי חכמים און זײ זאלען מײן זוהן העלפען. האבען זײ געהייסען אז מען זאל זײ געבען זריעות פון פלאקס און זײ האבען עס ארויף געשיט אויף א ברעט און דאס פלאקס האט תיכף אהנגעהויבען צו וואקסען און זײ האבען אהנגעהויבען צו רײסען דאס פלאקס איז אהנגעקומען א אשה און זי האט זיך געריסען בײ די האר (ווײל אזוי ווי זײ האבען געריסען דאס פלאקס האט די אשה געליטען גרויסע יסורים) האבען זײ געזאגט צו דער אשה אז זי זאל מתקן זײן וואס זי האט געטוהן האט זי געזאגט אז זי קען ניט האבען זײ געזאגט אויב די וועסט נישט מבטל זײן דײן כישוף וועלען מיר דיך מפרסם זײן האט זי געזאגט איך קען נישט מבטל זײן דעם כישוף ווײל איך האב דעם כישוף ארײן געווארפען אין ים ארײן. דאס קול פון דער אשה האט יעדער גיהערט אבער געזעהן האט זי ניט קײנער נאר די תנאים האבען גוזר געוועזען אויף דעם שר של ים און ער האט ארויס געשפיגען דעם כישוף פון וואסער און דער מאן האט שוין געקענט וואהנען מיט זײן ווײב און עס איז פון זײ ארויס געקומען ר׳ יהודא בן בתירה זכות התנאים יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

אַ וואונדערליכע מַעֲשֶׂה פון אַ צַדִיק וָואס עֶר איז גֶעוֶועזֶען איינֶער אַלֵיין שַׁבָּת אוֹן דֶער מִדְבָּר.

עֶס איז אַמָאהל געפָאהרֶען אַ חברה אין דֶער מדבר און צווישֶען זיי איז געוועזֶען אַ יוד אַ צדיק וואָס ער האָט ניט געוואָלט פאָהרען און שבת האָט עֶר געבֶּעטֶען ביי דעם עֶלצטֶען אַז שבת זאָל מען רוהֶען דֶער עלצטֶער האָט איהם צוליעב געטוהן. איינמאָהל פרייטאָג פאַר נאַכט האָט דער עלצטער ניט געוואָלט רוהֶען נאָר עֶר האָט געוואָלט ווייטֶער פאָהרען דער צדיק האָט גיבעטען אַז ער זאָל דאָ זיין ביז איבער שבת דֶער עלצטער האָט אָבער נישט גיוואָלט וואַרטֶען דער יוד האָט גיקלֶעהרט וואָס עֶר זאָל טוהן זאָל ער דאָ זיין איז עֶר דאָך און אַ סכנה עֶס איז דאָך אַ מדבר זאָל עֶר פאָהרֶען ווייטֶער וועט ער דאָך מחלל שבת זיין עֶר האָט ביי זיך אָבגעפּאַסט אַז עֶר זאָל דאָ פערבלייבֶען עֶר וועט ניט פערשפּילען יֶענֶע וועלט פאַר די וועלט. און עֶר האָט זיך אַראָב גענומֶען זיין פּעקעל פון דֶער פיהר און עֶר איז דאָ פערבליבֶען אויף שבת און די חברה זֶענען געפאָהרען ווייטֶער זיי האָבען אויס איהם געלאַכט זיי האָבֶען איהם געהאַלטֶען פאַר אַמשוגנעם. ער האָט זיך גישטעלט דאַווינֶען און עֶר האָט גֶעדאַוועֶנט מיט גרויס כוונה נאָך דעם דאַווינען האָט ער אַרויס גענומען פון זעקעל וויין מיט ברויט און ער האָט קידוש געמאַכט און ער האָט גיגעסען. פּלוצלינג האָט עֶר דערזעהן אַקייגֶען זיך אַ לייב און דֶער לייב האָט זיך דערנֶעהנטערט צו איהם און עֶר האָט געברימט. עֶר האָט זיך שוין ניט געגלייבט אַז עֶר זאָל בלייבֶען לעבען. דער לייב האָט זיך לעבֶען איהם אַנידער געלייגט און עֶר האָט אויף איהם געקוקט מיט פריינדליכֶע אויגֶען דער מענש איז אַביסעל רוהיגער געוואָרען און עֶר האָט געענדיגט דאָס עֶסין און עֶר האָט גֶעזאָגט זמירות און עֶר האָט זיך געלייגט שלאָפען דֶער לייב איז אַנשלאָפען געוואָרען און דער פריה האָט ער זיך אויף געכאַפּט האָט עֶר זיך אומגעקוקט און עֶר האָט געזעהן אַז דער לייב ליגט נאָך אַ קייגען איהם האָט עֶר פערשטאַנען אַז מען האָט איהם געשיקט דעם לייב פון הימעל אַז עֶר זאָל איהם אָב היטען עֶר האָט זיך ווייטער אָב גֶעדאַווינט און אָב גיגעסען און געזאָגט זמירות עֶר האָט אַזוי געפיהרט אַ גאַנצען שבת ביינאַכט האָט עֶר אָב גֶעדאַוועֶנט מעריב און עֶר האָט געמאַכט הבדלה האָט זיך דער לייב אויף געשטעלט און עֶר איז צו איהם צו געגאַנגען און עֶר האָט

איהם

איהם גילעקט זיינע הענד און ער האט זיך געדרעהט ארום איהם אזוי ווי א געטריייער הינד צו זיין בעל הבית דער לייב האט זיך אנידער געלייגט לעבען איהם ער האט פערשטאנען אז ער וויל אז ער זאל זיך אויף איהם אויף זעצען. דער צדיק האט גענומען זיין פעקעל און ער האט ארויף בעלייגט אויף דעם לייב און ער האט זיך אויף ארויף געזעצט אויף דעם לייב און ער האט זיך אהנגעהאלטען אין די האהר פון לייב און דער לייב איז מיט איהם געלאפען א גאנצע נאכט און דער פריה האט ער איהם צו גישטעלט צו זיין חברה דער לייב האט זיך אנידער געלייגט און דער יוד איז אראב געגאנגען. דער לייב האט גיגעבען א שאקעל מיט דעם וויידיל און ער האט גיגעבען א געשריי און ער איז צוריק געלאפען אויף זיין ארט די חברה האבען דאס דערזעהן האבען זיי הערשט געזעהן וואס פאר א צדיק דער מענש איז. און זיי האבען און איהם נוהג כבוד געוועזען. זכות הצדיקים יגן עלינו. און גאט זאל מיט אונז טוהן נסים און מיר זאלען זוכה זיין צו א גאולה שלימה בקרב אמן:

א וואונדערליכע מעשה ווי א מכשף האט געוואלט בעקומען א אשה און ווי אזוי זי איז ניצול געווארען.

א פרוי האט זיך אמאהל געגעבען צו א שניידער א שעהן קלייד אויף צו נייען איז אדורך געגאנגען דורך דעם שניידער אגוי א מכשף ווי ער האט געזעהן דאס קלייד האט ער געזאגט זיכער איז די אשה פון דעם קלייד אשעהנע אשה און ער האט זי געוואלט בעקומען ער זאל מיט איהר זינדיגען. האט ער אויף געשריבען א כישוף אויף אשטיקעל פאפיר און ער האט גיט בעצאהלט דעם שניידער אז ער זאל דעם כישוף ארייז נייען און קלייד אז די אשה וועט אהנטוהן דאס קלייד וועט זי מוזען צו איהם קומען און ער וועט קענען מיט איהר טוהן וואס ער וועט וועלען. דער שניידער האט אזוי געטוהן און ער האט דעם כישוף איינגענייט און דעם קלייד. ערב יום כפור פאר נאכט נאך דער סעודה המפסקת ווען די אשה האט אהנגעטוהן דאס קלייד האט עס זי געצויגען צו דעם מכשף דער מאן האט

זי גערופען זיי זאלען געהן און שוהל אריין דאווינען האט זי איהם געהייסען פרוהר געהן און זי וועט דער נאך געהן דער מאן האט ניט געוויסט פון קיין שום זאך און ער איז געגאנגען און שוהל אריין און די אשה איז געגאנגען צום מכשף. זי איז צו איהם אריין געקומען האט ער פערמאכט דעם טויער פון הויף און ער האט זי ארום גענומען און ער האט זי געקושט און געהאלצט און ער האט איהר געגעבען צו עסען און צו טרונקען ווי זיי האבען שון געוואלט טוהן א עבירה און זי האט אהנגעהויבען זיך אויס צו טוהן ווי זי האט זיך אויסגעטוהן דאס קלייד וואס דער כישוף איז געוועזען איינגענייט איז זי געקומען צו איהרע געדאנקען און זי האט זיך בעטראכט וואס זי געהט טוהן זי האט אבער ניט געוויסט ווי אזוי זי זאל זיך ראטעווען פון איהם. איז איהר איינגעפאלען און געדאנק אז זי זאל ארויס געהן פון זיין שטיב און הויף אריין הגם זי האט געוויסט אז דער הויף איז פערשלאסען זי האט זיך פערזיכערט און גאט אז ער וועט איהר העלפען. זי האט אזוי געטוהן זי האט געזאגט צום מכשף אז זי דארף ארויס צו געהן אויף דעם הויף דער מכשף האט זי געלאזט ארויס געהן ווייל ער האט דאך געוויסט אז זי וועט ניט קענען אנטלויפען ווייל דער טויער איז געוועזן פערשלאסען. זי איז ארויס געגאנגען אויף דעם הויף און זי האט איבער געלאזט דאס קלייד ביי דעם מכשף אין שטיב און זי האט זיך אנידער געשטעלט און זי האט מתפלל געוועזען צו גאט און זי האט געזאגט מיט א געוויין רבונו של עולם גידענק ווי אזוי איך האב דיך ביז יעצט געדינט מיט מיין גאנצען הארץ גידענק מיינע מעשים טובים און מיין צדקה ע״כ בעט איך דיך גאט אז די זאלסט מיך מציל זיין פון דעם רשע ער זאל מיך ניט מטמא זיין יעצט איז דאך א עת רצון און א זמן סליחות עון צו אלע יודען בעט איך דיך גאט האב אויף מיר רחמנות און בעוויין מיר נסים און זיי מיך מציל פון דעם רשע:

באלד האט צו גיהערט איהר געוויין און ער האט געשיקט א שטורם ווינד און ער האט די אשה ארויס גענומען פון דעם מכשף'ס הויף און ער האט זי אריין בעטראגען צו איהר אין שטיב אריין און זי האט זיך געלייגט און בעט אריין ווייל זי איז געוועזען פער שכורית פון דער סעודה וואס זי האט גיגעסען און געטרינקען ביי דעם מכשף. דער מאן איז א היים בעקומען פון שוהל האט ער זי גיפרעגט צו זי איז גיוועזען אין שוהל דאווינען האט זי איהם גיענטפערט אז זי איז ניט גיוועזען ווייל זי איז ניט געזונד

און

גְעוואָרְעֶן אִיבֶּער דֶעם אִיז זיא נִיט גְעַגאַנגְעֶן דאַווינֶעֶן אִין זיא מוז לִיגְעֶן צוּא בֶּעט. אוּן אַ צַייט אַרוּם הָאט דֶער מכשף גְעגֶעבֶּען דָאס קְלֵייד צוּ אַ מֶעקְלֶער אַז עֶר זָאל עֶס פֶערְקוֹיפֶען. דֶער מַאן פוּן דֶער אשה אִיז גְעגַאנגֶען אוּן מַארק הָאט עֶר דֶערזֶעהְן דָאס קְלֵייד בַּיי דֶעם מֶעקְלֶער עֶר הָאט דָאס קְלֵייד דֶערקֶענְט אוּן עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶעקְלֶער וויא עֶר הָאט גֶענוּמֶען דָאס קְלֵייד וואָס עֶר טְרָאגְט ; עֶס אַרוּם צוּא פַאר קוֹיפִין. הָאט אִיהם דֶער מֶעקְלֶער גֶעֶנְטפֶערט אַז אַ גוֹי הָאט עֶס אִיהם גֶעגֶעבֶּען עֶר זָאל עֶס פֶערְקוֹיפֶען דער מַאן הָאט בַּיי אִיהם גענומען דָאס קְלֵייד זַיין ווייב זָאל עס אָהנמעסטען צוּ עס וועט אוֹיף אִיהר גוּט זַיין. אוּן עֶר אִיז אַ הַיים געגַאנגען מִיט דעם קְלֵייד אוּן ער הָאט גֶפרעגט זַיין ווייב ווי קומט אִיהר קְלֵייד צוּ אַ גוֹי אוּן דִי האנד אַריין זִי הָאט אִיהם דערצֵיילט דִי גַאנצע מעשה מען הָאט דערצֵיילט דִי גאנצע מעשה דעם שר העיר מען הָאט דעם שנֵיידער גֶגעבען אַ פסק אוּן דעם מכשף הָאט מען אוֹיף געהַאנגֶען כן יאבדו כל אויביך ד' :

אַ ווינְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן צְווייא שׁוּתָּפִים.

אַמָאהְל אִיז גְעגַאנגֶען אוּן קָאנְסטַנטִינָאפָאל אַ מלמד ווֶעלְכֶעס עֶר הָאט גִילֶערְנְט מִיט אָרִימֶע קִינְדֶער מִיט יתומים אוּן דִי שְׁטָאדְט הָאט אִיהם פַאר דֶעם גֶעצָאהְלְט. אוּן ער הָאט געהַאט רשות ווֶעלכער תלמיד ער הָאט זִיך עפִּיס פֶּערזִינדִיגְט אז עֶר זָאל אִיהם מעגען ארויס ווארפען פון חדר אוּן בֶּעזוּנדער אִיז געוועזען אַ קֶעך וועלכעס מען הָאט געגעבען דִי יונגלעך עסען אוּן אלעס וואָס זַיי הָאבען בעדאַרפען. אַמָאהל הָאבען צווייא יונגלעך נִיט געוואָלט פָאלְגען זֵייער רבין אוּן אוֹיך הָאבען זַיי זִיך פערשפעטִיגט אוּן זַיי זֶענֶען נִיט גֶעקוּמֶען צוּ דֶער צַייט אוּן חדר אַריין דֶער מלמד הָאט זַיי אַרוֹיס גֶעוואָרְפֶען פוּן חדר אוּן עֶר הָאט זַיי גֶעזָאגְט אַז זַיי זָאלֶען זִיך נִיט דֶערוואַגען אַריין צוּ קוּמֶען אוּן חדר אַריין. דִי צווייא יונגלעך זֶענען אַרויס גֶעגאַנגֶען פוּן חדר זֵייער טְרוֹיעֶריג אוּן אֵיינֶער הָאט געזָאגט צוּם צווייטען וואָס ווֶעלֶען מִיר יֶעצְט טוּהן ווי ווֶעלֶען מִיר יֶעצְט נֶעמֶען צוּ עסין אַז מִיר לֶערנֶען נִיט אוּן חדר וועט מען דאך אוּנז נִיט געבען צוּ עסען זַיי

זיי האבען אהנגעהויבען צו געהן אויף די מיסטען קלויבען שטיקלעך שמאטעס און שטיקלעך אייזען וואס מען ווארפט ארויס אויף דעם מוסט זיי האבען אויף געקליבען שמאטיס מיט שטיקלעך אייזען פאר פיהר פרוטות און אגאנצע טאג און זיי האבען דאס געלד ניט אויס געגעבען נאר זיי זענען אהיים געגאנגען צו זייערע מוטערס און זיי האבען דארט עפיס געגעסען, דעם צווייטען טאג האבען זיי אויף געקלויבען פאר אכט פרוטות און זיי האבען זיך נאר געקויפט טריקען ברויט און המותר געלד האבען זיי בעהאלטען און זיי האבען יעדען טאג אזוי געטוהן זיי האבען גילעבט בצמצום און זיי האבען נאר געזעהן איינצושפארען עפיס געלד:

ווייז האבען צווישען זיך אבגעמאכט א שותפות און אייגער האט דעם צווייטען צו געשוואהרען אז זיי זאלען זיך פיהרען ערליך און זייער שותפות זיי האבען אזוי איינגעשפארט פונף גילדען און זיי האבען שוין פערלאזט זייער ערשטען מסחר נאר זיי האבען געקויפט פאר די פונף גילדען סחורה און זיי זענען ארום געגאנגען און די הייף מיט דער סחורה. זיי האבען נושא חן געוועזען ביי יעדען איינעם עס האט יעדער איינעם ביי זיי געקויפט און זיי האבען שעהן פערדינט זיי האבען שוין געהאט זייערס פופציג גולדען האבען זיי זיך מיישב געוועזען אז עס איז ניט קיין תכלית ארום צו טראגען זיך און די הייף מיט סחורה עס איז גלייכער צו דינגען א ארט און מארק און זיי זאלען זיצען און פערקויפען ביער און נאך געטראנקען, זיי האבען טאקי געדינגען א ארט אין מארק זיי האבען זיך געקויפט כלים און זיי זענען אריבער געגאנגען צו א פאבריקאנט פון ביער און פון מעד און זיי האבען ביי איהם געקויפט משקה און זיי זענען געזעסען און פערקויפט זיי האבען שטארק מצליח געוועזען זיי האבען פערקויפט די משקה זענען זיי געגאנגען צום פאבריקאנט און זיי האבען ביי איהם געקויפט אנדערע משקה נאר אלץ פאר מזומן בארגען האבען זיי ניט געוואלט. זיי האבען זיך אזוי געפיהרט א לאנגע צייט זיי האבען שטארק מצליח געוועזען:

ווי דער פאבריקאנט האט געזעהן אז זיי זענען ערליכע לייט האט ער זיי געזאגט אפשר פעהלט אייך אמאהל צו געלד וועל איך אייך בארגען און בעזינדער פאר וואס דארפט איהר בעצאהלען פאר דעם ארט איך וועל אייך געבען א ארט לעבען מיין הויז אומזוסט איהר וועט ניט דארפען צו בעצאהלען קיין געלד. זיי האבען איהם זייער געדאנקט פאר דער טובה און זיי האבען תיכף איבער געטראגען זייער האנדיל אויף דעם ארט וואס דער פאבריקאנט

פאבריקאנט האט זיי געגעבען און זיי האבען שטארק מצליח געוועזען, און זיי האבען זיך געפיהרט ערליך אז זיי האבען אמאהל עפיס געבארגט האבען זיי תיכף בעצאהלט זיי האבען שטארק מצליח געוועזען אז זיי האבען שוין געהאט זייער אייגענס צוואנציג טויזענד גולדען:

און א צייט ארום איז דער פאבריקאנט געשטארבען און די יורשים האבען צווישען זיך ניט געקענט א דורך קומען עס איז ביי זיי גיבליבען במוסכם אז מען זאל פערקויפען די פאבריק מיט דעם הויז, די צוויי שותפים איז זייער א שאהד געוועזען אז מען זאל פערקויפען די פאבריק אפשר וועט די ארייז פאלען צו א שלעכטען מענש און דער האנד אריין און ער וועט צו זיי ניט זיין אזוי גוט ווי יענער בעל הבית, זיי האבען זיך געטראכט ווי גוט וואלט אונז געוועזען אז מיר זאלען קענען קויפען די פאבריק, זיי האבען זיך מיישב געוועזען אז זיי זאלען געהן אויף דער ליצטאציע אפשר וועט זיי געלונגען אז זיי זאלען קויפען די פאבריק הגם זיי האבען געוויסט אז זיי פערמאגען ניט אזוי פיעל וויפיעל די פאבריק דארף קאסטען אפשר וועט זיי געלונגען אז זיי וועלען קענען בארגען המותר געלד, זיי האבען אזוי געטוהן זיי זענען געגאנגען אויף דער ליצטאציע און זיי זענען אויך געוועזען ליצטאנטען זיי האבען געגעבען מעהר ווי אנדערע קונים און די פאבריק איז ביי זיי פערבליבען פאר זעכציג טויזענד גילדען און איין זייט האבען זיי זיך געפריידט וואס זיי האבען דערהאלטען די פאבריק און דער צווייטער זייט האבען זיי געזארגט וואס זיי האבען ניט דאס גאנצע געלד צו בעצאהלען:

דיי זענען דריבער געגאנגען צום אפטרופוס און זיי האבען איהם גיבעטען אז זיי ווילען בעצאהלען דאס געלד ביסליכווייז. דער אפטרופוס האט זיי גיקענט אז זיי זענען ערליכע לייט און דער בעל הבית ביי זיין לעבען האט זיי שטארק ליעב געהאט און ער האט זיי געבארגט שטענדיג גרויסע סומעס געלד. האט ער זיי בעשטעטיגט און האט מיט זיי געמאכט טערמינען ווען זיי זאלען צו צאהלען המותר געלד. זיי האבען איהם אוועק געגעבען דאס געלד וואס זיי האבען ביי זיך געהאט און אויף דעם מותר האבען זיי איהם געגעבען וועקסלען און זיי האבען איבער גענומען די שליסלען פון דער פאבריק און זיי האבען אהנגעהויבען צו פיהרען די פאבריק. זיי האבען דערזעהן אז די פאבריק איז ווערד צוויי מאהל אזוי פיעל וויפיעל זיי האבען גיגעבען, זיי האבען מצליח גיוועזען און זיי האבען און א קורצע צייט בעצאהלט זייער חוב. זיי האבען חתונה געהאט יעדער איינער האט

זיך

זיך געקויפט אבעזינדער הויז צו וואהנען זיי האבען זיך זייער ערענטליך געפיהרט איינער פון צווייטען האט ניט מעלים געוועזען קיין פרוטה וואס איינער האט אראב גענומען עפיס געלד האט ער עס תיכף פערשריבען און בוך אריין:

און א צייט ארום האט זיך דער שטן אריין געמושט צווישען זיי און ער האט אהנגערעדט איין שותף אז ער זאל צו נעמען זיך צוואנציג טויזינד גילדען און ער זאל ניט אויס זאגען דעם צווייטען שותף (ליעבער לעזער מיר וועלען די שותפים געבען נעמען איינער הייסט ראובן און דער צווייטער הייסט שמעון די צוואנציג טויזענד גילדען האט ראובן געגנבת) און עטליכע טעג ארום נאך דער גנבה האט ראובן געוואלט אביסעל פאהרען קיין ירושלים האט ער געזאגט צו זיין שותף איך וויל פאהרען קיין ירושלים געהן אויף די קברי הצדיקים מתפלל זיין איך וועל מיך דארט זאמען דריי חדשים ע״כ בעט איך דיך אז די זאלסט אכטונג געבען אויף מיין בני בית גלייך ווי אויף דיין בני בית די זאלסט זעהן אז עס זאל זיי ניט פעהלען קיין געלד די זאלסט זיי געבען וואס זיי וועלען דארפען און די זאלסט עס אויף שרייבען אויף מיין חשבון און אויב די ווערסט אמאהל וועלען ערגיץ פאהרען וועל איך אויף דיין בני בית אויך משגיח זיין. האט איהם שמעון גיענטפערט פאהר געזונד גאט זאל דיין רייזע בעגליקען איך וועל אויף דיין בני בית אכטונג געבען גלייך ווי די איינן. ראובן האט זיך צו געגרייט צו דער רייזע און ער האט זיך גענומען פון גישעפט ארויס געלד אויף הוצאות און עטליכע טעג איז ער אוועק געפאהרען זיי האבען זיך פריינדליך גיזעגענט און שמעון האט אליין געפיהרט דעם מסחר און ער האט געהאט גרויס השגחה אויף ראובן׳ס בני בית:

ווי די שיף האט זיך דערווייטערט מיט ראובן פון שטאדט א ערך פון צוואנציג דרייסיג מייל האט ער דערזעהן ווי א קליין שיפעל יאגט זיי נאך ראובן האט פערשטאנען אז זיכער יאגט עמיצער איהם נאך האט ער געהייסען די שיף שטעלען און מען זאל ווארטען אוף דעם קליינעם שיפעל זיי האבען זיך אב געשטעלט און זיי האבען געווארט ביז דאס קליינע שיפעל איז צו געקומען האט ער דערזעהן אז דאס איז זיין שותף שמעון. און שמעון האט געשריגען אז ראובן זאל צוריק א היים פאהרען ער קען זיך ניט אליין פארען און געשעפט און נאך האבען א עול פון זיין בני בית. בקיצור האט שמעון געזאגט ווילסטו צוריק פאהרען איז גוט און אויב ניט זאלען מיר זיך צו טהיילען. ראובן איז געבליבען דערשראקען פון שמעון׳ס

רייד

רייד און ער האָט איהם געפרעגט היתכן אזוי טרייז איין שותף דעם צווייטען בפרט אזעלכע גוטע פריינד ווי מיר זענען זיך און בפרט ווען איך האב דיך גיפרעגט און די האסט מיר ערלויבט צו פאהרען יעצט זאלסטו מיך הייסען צוריק פאָהרען פון מיטען וועג ווען די זאָלסט מיר געוועזען זאָגען און דער היים וואָלט איך ניט געוועזען געפאָהרען אָבער יעצט אַז איך בין שוין און מיטען וועג און איך האָב שוין אויף מיר גענומען צו פאָהרען ווילסטו אַז איך זאָל אַ היים פאָהרען. שמעון האָט געשוויגען די האָסט אַ ברירה צוריק אַ היים צו פאָהרען און אויב ניט מוזען מיר זיך צו טיילען מיט דער פאַבריק. ראובן האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל איהם ערלויבען צו פאָהרען קיין ירושלים שמעון האָט אָבער זיך געהאַלטען ביי זיינעם ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָך געבען. ווי ראובן האָט געזעהן אַז ער האָט ניט קיין ברירה ער קען מיט איהם גאָר ניט מאַכען און צוריק אַ היים פאָהרען האָט ער ניט געוואָלט האָט ער געמוזט איינשטימען צו אַ חלוקה נאָר ער האָט געפרעגט זיין שותף ווי אַזוי וועלען מיר זיך צוטיילען האָט שמעון גיענטפערט אַז איינער פון זיי זאָל דערהאַלטען די פאַבריק און ער זאָל דעם צווייטען אַרויס צאָהלען מען האָט אָבגעשאַצט די פאַבריק וויפיעל זי איז ווערד און ראובן האָט געפרעגט זיין שותף וויפיעל ער גוט אָבטרעט געלד האָט שמעון גיענטפערט כך וכך האָט ראובן מוסיף געוועזען, איינער האָט אַלע מאָהל מוסיף געוועזען אויף דעם צווייטען ביז ראובן האָט דער האַלטען די פאַבריק און ער האָט געגעבען צוואָנציג טויזענט גולדען זיין שותף אָב טרעט געלד:

האָט ראובן גיפרעגט זיין שותף ווי וועלען מיר שרייבען אַ שטר אַז די האָסט מיר פערקויפט דיין חלק האָט שמעון גיענטפערט דאָ ניט ווייט איז דאָ אַ שטאָדט וועלען מיר צו פאָהרען און דער שטאָדט אַריין און מיר וועלען אַריין געהן צום רב און מיר וועלען שרייבען אַ שטר זיי זענען צו געפאָהרען צו דער שטאָדט און זיי זענען אַריין געגאַנגען צום רב און זיי האָבען געשריבען אַ שטר און עדות האָבען זיך גחתמת און ראובן האָט געגעבען שמעון'ן צוואָנציג טויזענד גילדען און ער האָט גענומען צו זיך דעם שטר און ער האָט געזאָגט צו שמעון'ן יעצט איז די פאַבריק שוין מיין אַליין אַזוי ווי די וועסט אַהיים קומען זאָלסטו איבער געבען מיין ווייב דעם שליסעל פון דער פאַבריק און די זאָלסט שוין ניט אַריין קומען און דער פאַבריק אַריין. שמעון האָט איהם מבטיח געוועזען אַז ער וועט אזוי

אזוי טוהן זיי האָבען זיך אָבגעזעגענט ראובן איז געפאָהרען קיין ירושלים און שמעון איז אַהיים געפאָהרען:

ראובן האָט זיך געזוימט און ירושלים פיר חדשים נאָך פיר חדשים איז ער אַהיים געקומען האָט ער תיכף אַזוי ווי ער איז אָהנגעקומען האָט ער גיפרעגט זיין ווייב צו שמעון האָט איהר איבער געגעבען דעם שליסעל פון דער פאַבריק דאָס ווייב האָט איהם אָהנגעקוקט זי ווייסט ניט וואָס ער רעדט. ראובן דערציילט איהר אַז תיכף נאָך זיין אַוועק פאָהרען איז איהם שמעון נאָך געפאָהרען און ער האָט איהם ניט אָבגעלאָזט נאָר אָבער ער זאָל צוריק אַהיים פאָהרען אויב ניט זאָל אייגער פון זיי דערהאַלטען די פאַבריק און ער האָט דערהאַלטען די פאַבריק און ער האָט שמעון'ן געגעבען אָבטרעט געלד און זיי האָבען געמאַכט אַ שטר זיין ווייב ענטפערט איהם איך ווייס גאָר ניט וואָס די ריידסט וועז האָסטו דיך מיט איהם אָב געטהיילט אפשר און חלום. זייט די ביסט אַוועק געפאָהרען האָט שמעון ניט אָב גיטרעטען פון דער פאַבריק און ער האָט אויף מיר אַכטונג געגעבען געטריי גלייך ווי די אַליין:

ראובן איז שטאַרק און כעס געוואָרען און ער האָט געזאָגט ניט געניג ער האָט מיך אַזוי מצער געוועזען האָט ער נאָך מיך בגזלת און ער האָט זיך געפאָרעט און מיין פאַבריק. און ער האָט איהר דערציילט ווי שמעון האט איהם מצער געוועזען און ווי ער האט איהם געגעבען און ער האָט איהם ניט געוואָלט פאָלגען נאָר זיי האָבען געמוזט אַריין פאָהרען און אַ שטאָדט אַריין צום רב און זיי האָבען צווישען זיך געמאַכט אַ ליציטאַציע אויף דער פאַבריק און ער האָט זי דערהאַלטען און ער האָט געגעבען שמעון'ן צוואַנציג טויזענד גולדען אָבטרעט געלד און מען האָט געמאַכט אַ שטר ביי דעם רב. און דער רמאי האָט זיך גאָר ניט וויסענדיג געמאַכט זיין ווייב קוקט איהם ווייטער אָהן זי ווייסט ניט וואָס עס איז מיט איהר מאַן געשעהן ער ווייזט איהר דעם שטר זי שטעהט און קלעהרט וואָס דא איז געשעהן זי האָט און שמעון'ן ניט דערקענט קיין שום ענדערונג און בעזונדער שמעון איז גאָר און דער גאַנצער צייט וואָס ראובן איז ניט געוועזען און דער היים איז שמעון גאָר ניט אַרויס געפאָהרען זי ווייסט ניט וואָס זי זאָל איהר מאַן ענטפערען:

ראובן איז שטאַרק און כעס געוואָרען און ער איז אַריבער געגאַנגען צום רב און ער האָט דעם רב דערציילט די גאַנצע מעשה. דער רב האָט געשיקט רופען שמעון'ן און ער האָט איהם געפרעגט וואָס האָסטו

געטוהן

געטוהן ביי דיין חבר און פאבריק וואס האסטו דיך געפארעט און דער פאבריק נאך דעם ווי די האסט פערקויפט דיין העלפט צו דיין חבר ראובן און די האסט גענומען דאס געלד ? שמעון איז געבליבען שטעהן ווי א צו־דילטער ער האט ניט פערשטאנען וואס דער רב ריידט צו איהם און ער האט גיענטפערט דעם רב איך וויים ניט וואס איהר ריידט איך האב זיך ניט צוטיילט מיט מיין שותף זייט ער איז אוועק געפאהרען האב איך איהם ניט געזעהן ביז היינט. איך האב זיך געפארעט אין דער פאבריק גלייך ווי שטענדיג איך האב נאך געארבייט פאר מיין שותף און איך האב געהאט אויף אכט אויף זיין בני בית אזוי ווי ער האט מיך געהייסען, ווי פאלט ער אויס אויף מיר אויס צו טראכטען אזא זאך וואס עס איז מיר ניט אויף געקומען אויף מיין רעיון, האט איהם דער רב גיענטפערט ראובן האט דאך א שטר ער איז געמאכט אזוי ווי עס דארף צו זיין און עדות זענען גיחתמית און דער שטר איז נאך אונטער געשריבען פון בית דין און פון דעם רב פון דער שטאדט ... וואס איהר זענט דארט א הין צו געפאהרען און ראובן האט אייך געגעבען צוואנציג טויזענדט גולדען אבטרעט געלד פאר דיין חלק ווי אזוי קענסטו אב לייקינען :

ווי שמעון האט דערזעהן דעם שטר איז ער שטארק אויף גערעגט געווארען און ער האט געשווארען אז ער האט זיך ניט אבגעטהיילט און ער האט געזאגט איך קען אויס וויזען מיט הינדערטער עדות אז די גאנצע צייט וואס ראובן איז אוועק געפאהרען פון שטאדט, ראובן שרייט ווי אזוי קענסטו שווערען פאלש און לייקענסט מיך אב און די אויגען אריין צו ביסטו מיר ניט נאך געפאהרען און די האסט דיך מיט מיר געקריגט אז איך זאל צוריק פאהרען וועסט ניט זיין אליין און פאבריק איך האב דיך געבעטען אז די זאלסט מיך לאזען פאהרען און ביסט בשום אופן ניט בייגשטאנען נאר אבער איך זאל צוריק פאהרען און אויב ניט זאלען מיר צווישען זיך פערקויפען די פאבריק און איך האב געזעהן אז איך וועל מיט דיר גאר ניט מאכען און צוריק פאהרען האב איך ניט געוואלט האב איך געמוזט איין שטימען אז מיר זאלען צווישען זיך פערקויפען די פאבריק און איך האב זי דער האלטען און איך האב דיר ארויס געצאהלט פאר דיין חלק צוואנציג טויזענדט גילדען און מיר זענען אריין געפאהרען און דער שטאדט אריין און מיר האבען געמאכט א שטר און איך האב דיך געהייסען אז תיכף אזוי ווי די וועסט א היים קומען זאלסטו איבער געבען מיין ווייב די שליסלען פון דער פאבריק צום סוף האסטו ניט אזוי געטוהן די האסט געהאנדעלט מיט מיין געלד

געלד און די האסט ארויס גענומען ריוח די האסט דאך מיך בעגולית:

דער רב האָט ניט געוויסט וואָס ער זאָל טוהן ראובן שרייט אַז שמעון האָט איהם פערקויפט זיין חלק און שמעון לייקענט עס אָב. האָט דער רב געהייסען פערשליסען די פאַבריק און מען זאָל איהם געבען דעם שליסעל און ער וועט אַוועק שרייבען צו דעם רב וואָס דער שטר איז ביי איהם געמאַכט געוואָרען זיך אָהנפרעגען צו דער שטר איז ביי איהם געמאַכט געוואָרען צו ניין, דער רב פון קאנסטינאָפּאָל האָט געשריבען אַ בריעף צו דעם רב פון דער שטאָדט וואָס דער שטר איז דאָרט געמאַכט געוואָרען און ער האָט איהם געפרעגט צו עס איז ביי איהם געמאַכט געוואָרען און דעם טאָג אַזאַ שטר. דער רב האָט גיענטפערט אַז עס איז אמת עס זענען צו מיר געקומען צוויי שותפים וואָס זיי זענען פון זייער יוגענט אָהן שותפים און זיי האָבען זיך אָב געטיילט און ראובן האָט אַרויס געצאָהלט זיין שותף שמעון'ן צוואָנציג טוזענד גילדען פאַר זיין חלק און די פאַבריק איז געבליבען ביי ראובן'ן און מיר האָבען געשריבען אַ שטר אַזוי ווי דער דין איז און ראובן האָט אָהנגעזאָגט שמעון'ן אַז תיכף אַזוי ווי ער וועט אַ היים קומען זאָל ער איבער געבען די שליסלען זיין ווייב און ער האָט ניט קיין רשות צו געהן און דער פאַבריק אַריין. ווי דער רב האָט דערהאַלטען די תשובה האָט ער געשיקט נאָך די צוויי שותפים און ער האָט זיי געוויזען די תשובה שמעון האָט אָהנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען און זיך וויטער צו שווערען אַז ער ווייסט גאָר ניט פון גאַנצען געשעפט. דער רב האָט פער שטאַנען אַז שמעון ווייסט טאַקע גאָר ניט פון דעם גאַנצען עסק לויט זיינע שבועות און זיין וויינען נאָר ער האָט אָבער ניט געוויסט וואָס ער זאָל טוהן ראובן ווייזט דאָה דעם שטר וואָס דער שטר איז דאָך דער בעסטע בעווייז אַז זיי האָבען זיך צוטיילט און די גאַנצע שטאָדט זאָגען עדות אַז זייט ראובן איז אַוועק געפאָהרען קיין ירושלים האָבען זיי יעדען טאָג געזעהן שמעון'ן און שטאָדט און איבער הויפט דער טאָג וואָס דער שטר איז און איהם געשריבען געוואָרען איז ער זיכער געוועזען און שטאָדט יעדער איינער האָט איהם געזעהן. דער רב האָט דערפין געהאַט גרויסע שמערצען ער האָט ניט געוויסט ווי אַזוי ער זאָל די דין תורה פסק'ענען האָט ער ביידע בעלי דינים געהייסען אַ היים געהן זיי זאָלען קומען און דריי טעג אַרום אפשר וועט גאָט אויף איהם רחמנות האָבען און מען וועט איהם מגלה זיין פון הימעל דעם אמת פון דער זאַך. דער רב האָט געפאַסט און ער האָט תפלה געטוהן צו השי"ת אַז ער זאָל איהם מגלה זיין דעם אמת:

בײנאַכט איז אליהו געקומען צום רב און ער האָט איהם געזאָגט גאָט האט צו געהערט דײַן תפלה און איך בין דיר געקומען מגלה זײַן דעם אמת, די זאָלסט וויסען אַז זײַ זאָגען בײדע אמת די מעשה איז אַזוֹ, ראובן׳ן האָט דער יצר הרע איבער גערײד אַז ער זאָל צו גנבנ׳ן פון שותפות צוואָנציג טויזענד גולדין און עס איז איהם געלונגען און ווײַל השי״ת האָט געזעהן אַז זײַ האָבען זיך ביז יעצט געפיהרט באמונה נאָר דאָס אײנע מאָהל האָט ראובן אַרויס געיגנב׳ת צוואנציג טויזענד גולדין און אויף דעם הימעל איז מען מוחל דאס ערשטע מאהל און כדי עס זאָל ניט בלײַבען בײַ ראובן׳ן קײן פלעק פון דער גנבה האָט הקב״ה מיך אַראָב געשיקט צו ראובן׳ן און געשטאַלט פון זײַן שותף שמעון איך זאָל בײַ איהם אָב נעמען די גנבה כדי ער זאָל נישט האָבען קײן עונש. און די זאָלסט טוהן מיט שכל און זאָלסט רופען ראובן׳ן און די זאָלסט איהם מגלה זײַן בסוד אַז דאָס איז געוועזען מן השמים מען זאָל בײַ איהם מוציא זײַן די גנבה און ער זאָל שוין מעהר ניט גנב׳נען און ער זאָל טוהן תשובה. און די זאָלסט רופען שמעון׳ן און זאָלסט איהם הײסען אַז ער זאָל ראובן׳ן מוחל זײַן. און די זאָלסט מאַכען צווישען זײַ שלום און זײַ זאָלען האַנדלען ווײַטער שותפות און זײַ זאָלען פון הײַנט אָהן האַנדלען ערליך. און די צוואָנציג טויזענד גולדען וואָס איך האָב גענומען בײַ ראובן׳ן ליגען און דער פאַבריק אויף דעם אָרט... ובזכות וואָס זײַ וועלין ווײַטער ערליך האַנדלען וועט זײַא השי״ת העלפען. דער רב האָט זיך אויף געכאַפּט און האָט אָב געגעבען אַ שבח צו השי״ת וואָס ער האָט איהם מגלה געוועזען דעם אמת:

און דער פריה האָט דער רב געשיקט רופען ראובן׳ן און ער האָט איהם אַרײַן גערופען און אַ בעזונדער חדר און ער האָט איהם מגלה געוועזען די גאַנצע זאַך. ראובן האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען און ער איז דער שראָקען געוואָרען און ער האָט מודה געוועזען אַז עס איז אמת דער יצר הרע האָט איהם אָהן גערײד. נאָך דעם האָט דער רב געשיקט רופען שמעון׳ן און ער האָט איהם אויך מגלה געוועזין בסוד. ראובן האָט געבעטין בײַ שמעון׳ן ער זאָל איהם מוחל זײַן און בעזינדער האָט ער געבעטין בײַ דעם רב מחילה פאַר וואָס ער האָט איהם מצער געוועזען און דער רב האָט צווישען זײַ שלום געמאַכט און זײַ האָבען ווײַטער געהאַנדעלט שותפות זאָ וויא דער פויער און זײַ האבען געהאַנדעלט ערליך און זײַ

האָבין

האבען מצליח געוועזען און זיי זענען געוועזען גרויסע עשירים זיי און זייערע קינדער:

א ווינדערליכע מעשה מהרב הצדיק הגאון הקדוש ר' חיים ב"ר בצלאל דעם מהר"ל מפראג'ס א ברודער.

דער רמ"א האט געהאט א חבר פון קליינע הייט אהן דעם גאון ר' חיים ב"ר בצלאל זיי האבען בעזאמען גילערענט פון צעהן יאהר אהן זיי זענען שטענדיג געוועזען בעזאמען. ווי דער רמ"א איז געווארען רב און קראקא האט ער מיט זיך מיט גענומען זיין חבר הגאון ר' חיים און זיי האבען צווישען זיך אב געמאכט אז ווען דער רמ"א וועט ארויס פאהרען אויף דעם גליל זאל ר' חיים זיצען אויף דער שטיהל און ער זאל פיהרען דאס רבנות. און אמאהל פלעגט ר' חיים ארויס פאהרען אויף דעם גליל (דאס הייסט זיי האבען בשותפות געפיהרט דאס רבנות). און א צייט ארום איז הגאון ר' חיים'ס ווייב געשטארבען עס איז פערביי געגאנגען א צייט מען האט אנגעהויבען צוריידען שדוכים ער האט אבער אויף די אלע שדוכים גאהר ניט גיענפערט. די שדכנים האבען גערעכענט אז צו ליעב דעם ענפערט ער ניט ווייל ער וויל זיך מיישב זיין. אבער זיין כונה איז ניט דאס געוועזען אזוי ווי מיר וועלין וויטער שרייבען. אמאהל איז דער רמ"א ארויס געפאהרען אויף דעם גליל האט הגאון ר' חיים געשיקט רופען א שדכן וועלכעס ער האט איהם געקענט פאר א ערליכען אז פאר איהם מעג ער מגלה זיין דעם גרעסטען סוד ער וועט ניט אויסזאגען און ער האט איהם געזאגט איך וועל דיר זאגען א זאך נאר די זאלסט ניט אויס זאגען פאר קיינעם, זעה פאר מיר א שידוך נאר באופן אז דער מחותן זאל זיין פון א כשרה משפחה מעג זיין ניט אזא גרויסע משפחה נאר עס זאל זיין א כשרה און דער מחותן זאל האבען א בעזינדער שטיבעל איך זאל דארט קענען זיצען און לערנען און ער זאל האבען א סאך ספרים און ער זאל מיך קענען האלטען ביי זיך אין ער זאל מיר געבען עסן איך זאל קענען זיצען און לערנען, דער מחותן מעג אפילו זיין א בעל מלאכה נאר ער זאל

זיין

זיין א ערליכער ובתנאי ער זאל ניט אויס זאגען פאר קיינעם אז איך בין זיין איידעם און אויב די וועסט געפינען אזא מענש זאלסטו מיר מודיע זיין און איך וועל דיר זאגען וואס די זאלסט וויטער טוהן:

דער שדכן האט אנגעהויבען צו זוכען אזא מענש און ער האט געפינען אבעקער וואס ער האט איהם געקענט פאר א ערליכען מענש און ער האט צו איהם געזאגט די קענסט יעצט גליקליך ווערין וועלכעס די האסט דיר קיין מאהל ניט פאר געשטעלט אז די זאלסט זוכה זיין צו אזא גליג, די קענסט נעמין דעם גאון ר׳ חיים פאר א איידעם און ער האט איהם דער צעהלט די גאנצע מעשה וואס דער גאון ר׳ חיים האט איהם געזאגט און איך וויים אז די האסט א ערליכע טאכטער און די האסט א בעזינדער שטיבעל אויף דעם הויף נאר קיין ספרים האסטו ניט זעה וואס צו טהון אז די זאלסט האבען ספרים וועסטו קענען האבען דעם גאון ר׳ חיים פאר א איידעם נאר די זאלסט דאס ניט אויס זאגען פאר קיינים און זעהן צו טוהן די זאך ווייל דאס דארף געטוהן ווערען ווי אומשנעלסטען נאך איידער דער רמ״א וועט צוריק קומען ווארעם ווען דער רמ״א וועט צוריק קומען וועט מען פון דעם גאר ניט קענען ריידען. האט איהם דער בעקער גיענפערט אהן א חקירה ודרישה ווייל ער האט שטארק חשק געהאט צו האבען דעם גאון ר׳ חיים פאר א איידים נאדיר צוויי טויזענד גולדען און געה צום גאון ר׳ חיים און לאז ער דיר אויף שרייבען וואס פאר ספרים ער וויל און קויף זיי און ברענג זיי צו מיר ארייון און שטיב ארין און השי״ת זאל העלפען אז עס זאל נגמר ווערען בכי טוב. דער שדכן איז אוועק געגאנגען פון בעקער צום גאון פריילעך ווייל ער האט געוויסט אז דער בעקער וועט איהם גוט בעצאהלען שדכנות און ער האט דערציילט דעם גאון פון דעם שידוך אז ער האט געפונען אזא מחותן אזוי ווי ער וויל און ער האט איהם געוויזען די צוויי טויזענד גולדען וואס דער בעקער האט איהם געגעבען אז ער זאל קויפען ספרים, די זאך איז דעם גאון זייער געפעלין און ער האט דעם שדכן ארויס געגעבען אצעטעל וועלכע ספרים ער זאל איהם קויפען, דער שדכן האט תיכף איינגעקויפט די ספרים און ער האט זיי ארין געטראגען צו דעם בעקער און שטיב און דער בעקער האט אויס געריינינקט די שטיב און ער האט ארין געלייגט די ספרים דער בעקער האט געהאלטען די זאך בסוד און ביי די תנאים שרייבען איז קיינער ניט געוועזען נאר דער גאון און דער מחותן און דער שדכן:

ספורי אנשי שם

ווי דער רמ״א איז אַהיים געקומען פון גליל האָט ער בעמערקט און ר׳ חיים׳ס פנים אַ צוגעלייגטקייט האָט ער גיפרעגט ר׳ חיים׳ן וואָס ער איז אַזוי צו געלייגט אפשר האָסטו עגמת נפש וואָס די ביזט אַליין אָהן אַ ווייב ? די זאָלסט וויסען אַז דיין הילף איז שוין נאָהנט אויף דעם וועג האָט מען מיר פאָרגעלייגט פער דיינעט וועגען אַ שידוך מיט אַ גרויסען גביר און איך האָב נאָך ניט געענטפערט קיין קלאָהרע תשובה ווייל איך וויל ניט טוהן אָהן דיין ווילען נאָר מיר גיפעלט זייער דער שידוך און אויב די בעשטעהסט קען איך שרייבען תשובה וועט דער מחותן תיכף אַהער קומען און די זאַך וועט נגמר ווערען בכי טוב. דער גאון ר׳ חיים האָט געשוויגען און ער האָט גאָר ניט געענטפערט ווייל ער האָט נאָך גיקלעהרט וואָס ער זאָל זאָגען דעם רמ״א פאַר אַ תירוץ וואָס ער וויל זיך פון איהם אָבשיידען און עטליכע טעג אַרום האָט דער גאון ר׳ חיים געזאָגט צום רמ״א די זאָלסט וויסען מיין חבר אַז עס איז ביי מיר בעשטימט געוואָרען איך זאָל אַהיים פאָהרען קיין פראָג צו מיין פאַמיליע הגם די ביזט מיר בעסער פון צעהן ברודער דאָך האָב איך גרויס בענקשאַפט איך זאָל זיך זעהן מיט מיין פאַמיליע און מיט מיין עלטערען ברודער דעם מהר״ל. ווי דער רמ״א האָט דאָס דערהערט האָט ער אָהנגעהויבען צו וויינען און ער האָט געזאָגט צו ר׳ חיים׳ן די זאָלסט דאָס מיר טוהן מיין נפש איז אהנגעקניפט און דיר מיר זענען בעזאַמען פון קליינוויז אָהן די ביזט ביי מיר טייערער פון צעהן קינדער זאָלסטו מיר דאָס טוהן די זאָלסט פון מיר אַוועק פאָהרען וואָס פעהלט דען דיר ביי מיר ע״כ בעט איך דיך אַז די זאָלסט שוין מעהר דאָס ניט ריידען און די זאָלסט מיר ניט אָהנטוהן קיין עגמת נפש ווייל כל זמן איך וועל לעבען וועל איך דיך פון מיר ניט אַוועק לאָזען דער גאון ר׳ חיים האָט געשוויגען און ער האָט גאָר ניט געענטפערט :

און אַצייט אַרום האָט ער ווייטער געזאָגט צום רמ״א מיין חבר איך בעט דיך זאָלסט מיך ניט שטערין פון מיין פאָהרען ווייל איך האָב גרויס בענקשאַפט צו מיין פאַמיליע ובפרט איך זאָל זיך זעהן מיט מיין עלטערען ברודער איך וויל מקיים זיין די מצוה פון כיבוד צו דעם עלטערען ברודער וואָס דאָס איז דאָך אַ מצוה דאורייתא ע״כ בעט איך דיך די זאָלסט אויך מיר ניט האָבען קיין תרעומות עס איז טאַקע מיר שווער איך זאָל זיך פון דיר אָבשיידען נאָר וואָס קען איך טוהן איך האָב שוין ביי מיר אַזוי אָבגעפאַסט און עס קען אַנדערש ניט זיין. ווי דער רמ״א האָט געזעהן אַז ער וועט מיט איהם גאָהר ניט מאַכען ער האַלט זיך שטארק ער קען איהם

נישט

[illegible] אבוועגדען. האט איהם דער רמ״א געזאגט איך וועל דיר אבגעבען כבוד פאר דיין אוועק פאהרען און ראש חודש וועל איך מאכען א סעודה פאר די חשובי העיר און נאך דער סעודה וועלען מיר דיך בעגלייטען מיט גרויס כבוד אזוי ווי דיר קומט. ר׳ חיים איז אויף דעם בעשטאנען און ער האט דעם רמ״א זייער געדאנגט און ער האט איהם געזאגט יעצט זעה איך אז די האסט מיך ליעב:

עס איז געקומען ראש חודש האט דער רמ״א געמאכט א סעודה און ער האט אויף דער סעודה געבעטען אלע גדולי העיר. נאך דער סעודה האט דער רמ״א געדינגען א פיהר און ער האט גיגעבען ר׳ חיים׳ן אויף דעם וועג משרתים. ר׳ חיים האט אבער אלע משרתים אב געשאפט נאר ער האט זיך אויס געקליבען דעם שדכן פאר א משרת און ער איז אוועק געפאהרען און דער רמ״א מיט אלע גדולי העיר זענען איהם געפאהרען בעגלייטען און כמעט די גאנצע שטאדט זענען מיט געגאנגען איהם בעגלייטען און דער בעקער איז מיט געפאהרען איהם בעגלייטען וויל ער האט געוואלט וויסען וואס דער סוף וועט זיין. אז דער גאון ר׳ חיים איז שוין געהאט אוועק געפאהרען פון שטאדט צוויי מייל האט ער זיך אב געשטעלט איז דער רמ״א ארויף געפאלען אויף ר׳ חיים׳ס האלז און ער האט שטארק געוויינט און ר׳ חיים האט אויך געוויינט און זיי האבען זיך געזעגענט און דער רמ״א מיט אלע מענשען זענען צוריק געפאהרען אין שטאדט אריין און דער שדכן איז איבער געבליבען מיט ר׳ חיים׳ן אלעס משרת און דער בעקער איז אויך איבער געבליבען לעבען ר׳ חיים׳ן ער זאל זעהען וואס דער סוף וועט זיין:

ווי זענען אזוי געפאהרען ביז נאכט ביינאכט האט ר׳ חיים געהייסען דעם בעל עגלה אהיים פאהרען ער האט איהם געזאגט אז ער וועט זיך דא דינגען א צווייטער פיהר דער בעל עגלה איז א היים געפאהרען און ר׳ חיים האט זיך אהנגעטוהן אנדערע מלבושים און זיי האבען געדינגען א צווייטע פיהר און זיי זענען צוריק אריין געפאהרען אין שטאדט אריין און זיי זענען אריין געגאנגען צום בעקער אין שטיב אריין און מען האט צוזאממען גערופען זיבען פראסטע מענטשען וואס זיי האבען ניט גיקענט ר׳ חיים׳ן און מען האט גישטעלט א חופה און דער שדכן האט מסדר קדושין געוועזען זיין ווייב דעם בעקערס טאכטער כדת משה וישראל און מען האט געמאכט א סעודה און איידער עס איז טאג גיווארען זענען די מענשען אהיים געגאנגען און מען האט ניט געוויסט וואס דא איז גישעהן נאר אין

דער

דער פריה איז געוועזען א קול און שטאדט אז דער בעקער האט די נאכט חתונה געמאכט זיין טאכטער און ער האט ניט קיינעם געבעטען. אלע זיינע בעקאנטע האבען איהם גיפרעגט פאר וואס ער האט געמאכט אשטילע חתונה און ער האט קיינעם ניט געבעטען האט ער זיך אויס געטראכט א תירוץ. און עס איז ביי יעדען געבליבען רעכט און אקורצע צייט איז די זאך פערגעסען געווארען און ר׳ חיים איז ניט ארויס געגאנגען מפתח ביתו און ער האט גילעבט מיט גרויס התמדה ביי טאג און ביי נאכט און עס האט קיינער ניט געוויסט דער פון עס האט אזוי געדויערט צוויי יאהר:

און דער צייט איז געוועזען א גרויסע מגפה ר״ל און קראקא און די שטאדט לייט זענען געקומען צום רב אז ער זאל מתפלל זיין צו השי״ת אז די מגפה זאל אויף הערען. האט דער רמ״א געהייסען חוקר ודורש זיין אין שטאדט אפשר איז אין שטאדט פארהאנען א זינד דעריבער איז די מגפה. דער וויילע זענען געקומען מענשען און זיי האבען דערציילט דעם רמ״א אז עס איז א קול אין שטאדט אז דעם בעקערס איידעם וואס ער האט חתונה געהאט פאר צוויי יאהר איז אין חשד מיט איין אשה. האט דער רמ״א געזאגט ברענגט איהם אהער. די שמשים זענען תיכף געלאפען צו דעם בעקערס איידים און זיי האבען איהם געבראכט צום רמ״א און דער בית דין שטיב אריין. און דער רמ״א איז דאמאלסט געוועזען ביי זיך און חדר די שמשים זענען אריין געגאנגען צום רמ״א און זיי האבען איהם געזאגט אז דער חוטא איז שוין דא. איז דער רמ״א אריין געקומען אין בית דין שטיב אריין און ער האט געגעבען א קוק אויף איהם האט ער איהם תיכף דערקענט און ער האט איהם געהייסען אבלאזען און ער האט איהם אהן גענומען ביי דער האנד און ער האט איהם אריין געפיהרט און א בעזונדער חדר אריין און ער איז ארויף געפאלען אויף זיין האלדז און ער האט געוויינט:

ווייא דער רמ״א האט זיך גוט אויס געוויינט האט ער געזעהן ווי ר׳ חיים לאכט. האט איהם דער רמ״א געזאגט איך וועל דיך פרעגען דריי זאכען. איינס ווי קומסטו די זאלסט זיין דעם בעקערס איידעם. די צווייטע פראגע ווי קומסטו צו אזא עבירה די דריטע פראגע וואס לאכסטו האט איהם ר׳ חיים גיענטפערט דאס וואס די פרעגסט מיך ווי איך קום צו דעם בעקער ווייל ביי דיר און שטיב האב איך ניט געקענט אזוי זיצען און לערנען האב איך זיך אב געזוכט אזא שטיב איך זאל דארט קענען זיצען

און

אין לערנען מען זאָל מיך ניט מבלבל זיין ע״כ האָב איך גערופען דעם שדכן און איך האָב איהם געהייסען אַז ער זאָל מיר אויס זוכען א שידוך מיט אזא מענטש וואָס איך זאָל ניט האָבען קיין טרדות איך זאָל קענען זיצען אין לערנען, און דאָס וואָס די פרעגסט מיך וואָס איך האָב געזינדיגט וועל איך דיר זאָגען דעם אמת איך זיץ שוין אזוי צוויי יאָהר און לערען יומם ולילה און עס פעהל מיר גאָהר נישט דער שווער האלט מיך בכבוד גדול און מיין ווייב איז א אשה כשרה זי זעהט אז עס זאָל מיר גאָהר ניט פעהלען כדי איך זאָל קענען זיצען און לערנען איך האָב זיך אומגעקוקט אַז עס איז מיר זייער גוט האָב איך מורא געהאַט איך זאָל ניט בעקומען קיין גיאות האָב איך געבעטען ביי השי״ת אַז ער זאָל מיר געבען שופלות כדי איך זאָל ניט בעקומען קיין גאות. אמת איך האָב ניט גערעכענט אויף אַזאַ שפלות אַז מען זאָל מיך חושד זיין מיט אַ אשת איש נאָר אַז השי״ת וויל אַזוי איז אַזוי גוט און דאָס וואָס די פרעגסט מיך פאַר וואָס איך לאַף איך לאַף וואָס די ווייסט. דער רמ״א איז אַרויס געגאַנגען צו די שמשים און ער האָט זיי געהייסען אַהיים געהן ער האָט זיי געזאָגט אז דאָס איז ניט דער חוטא און ער האָט דעם גאון הצדיק ר׳ חיים ביי זיך אויף געהאלטען צוויי וואָכען נאָך דעם האָט ער איהם אַהיים געשיקט:

אַמאָהל האָט זיך דער רמ״א געטראַכט איך וועל געהן ביינאַכט צו ר׳ חיים׳ן איך וועל זעהן וואָס ער טוהט. ער האָט גענומען זיין משמש און ער איז מיט איהם געגאַנגען זייגער צוויי ביינאַכט צו דעם בעקער אין הויז אַריין און ער איז צו געגאַנגען צו דעם שטיבעל וואָס ר׳ חיים האָט דאָרט געוואָהנט און ער איז געשטאַנען אונטער דעם פענסטער און ער האָט געהערט צוויי קולות לערנען זייער מיט אַ שעהנים שכל איין קול האָט ער דערקענט אַז דאָס איז ר׳ חיים און דאָס צווייטע קול האָט ער ניט דערקענט ער איז אזוי געשטאנען אערך פון אַ האַלבע שעה נאָך דעם האָט ער אָהנגעקלאַפּט און דער טהיר און ער האָט געזאָגט עפינט מיר אויף האָט מען איהם גיפרעגט ווער זענט איהר האָט ער גיענטפערט משה איסערליש האָט ער איהם גיעפענט ווי ער איז אַריין געקומען האָט ער נאָר גיזעהן ר׳ חיים׳ן אַליין זיצען האָט ער גיפרעגט איך האָב דאָך גיהערט צוויי קולות לערנען און יעצט זעה איך נאָר דיך אַליין ע״כ זאָלסטו מיר זאָגען ווער איז דער וואָס ער האָט מיט דיר גילערענט און איך בין אויף דיר גוזר אַז די זאָלסט מיר זאָגען דעם אמת האָט איהם ר׳ חיים גיענטפערט איך מוז דיר זאָגען דעם אמת וויל די האָסט אויף מיר גוזר גיוועזין

געוועזען, דער צווייטער איז אליהו הנביא ער לערענט שטענדיג מיט מיר און ער איז יעצט אויך דא אין שטיב. האט דער רמ״א געבעטען ר׳ חיים׳ן אז ער זאל פרעגען אליהו׳ן וואס ער האט געזינדיגט פאר וואס ער איז נישט זוכה אז ער זאל צו איהם קומען און ער זאל מיט איהם לערנען, האט אליהו געזאגט ר׳ חיים׳ן זאג דעם רמ״א אז הגם דיא ביסט גרויס דאך קומסטו נאך נישט צום רמ״א נאר וייל מיר קענען נישט ליידען קיין ברייט פיהרעכץ מיר האבען נאר ליעב דעם וואס ער איז ביי זיך נידריג און ער איז בעהאלטען מיט זיינע מעשים צו אזא מענש זענען מיר זיך מגלה און וייל אויף דעם רמ״א ליגט דאך דער עול פון רבנות און צוליעב דעם רבנות מוז ער זיך פיהרען ברייט ווילין מיר זיך צו איהם נישט מגלה זיין און מיר זאלען איהם מטריד זיין פון זיין ארבייט. מיר זאלען זוכה זיין אז אליהו זאל אונז קומען מבשר זיין א בשורה טובה במהרה בימינו אמן:

א וואונדערליכע מעשה מהצדיק הקדוש מו״ה חיים יוסף דוד אזולאי זצלל״ה וואס מען האט איהם גערופען מיט דעם נאמען חיד״א.

דער צדיק חיד״א האט אין דער לעצטע צייטען געוואהנט אין ליוורני און ער איז דארט געוועזען רב. אמאהל איז צו איהם געקומען א כהן און ער האט איהם דערציילט אז זיין וייב האט זיך פערבארגען מיט א פרעמדען מענש און ער האט איהם געפרעגט א שאלה צו ער מעג מיט איהר וואהנען, און די דיינים זענען אויך געזעסען ווען דער מענש איז איהם געקומען פרעגען די שאלה. דער צדיק חיד״א האט איהם גיענטפערט אז עפ״ד דארף ער זי גטין ער טאהר מיט איהר נישט וואהנען די דיינים האבען זיך נישט געקענט איינהאלטען ובפרט זיי זענען געוועזען קרובים מיט דער אשה און זיי האבען געוואלט פערדעקען די זאך וייל עס איז זיי געוועזען א בושה האבען זיי געפרעגט דעם צדיק חיד״א פון וואנען פסקנ׳ת איהר אזוי עס איז דאך נישט דא קיין עדות אז די אשה האט מזנה געוועזען און אז עס איז נישט קיין עדות איז די אשה נישט אסור צו איהר מאן אפשר זעהט איהר ברוח נבואה אז די אשה האט מזנה געוועזען מיר קענען

אבער

אָבּער ניט פסק'נן דורך נבואה נאָר דורך עדות און קיין עדות איז דאָך ניט דאָ טאָהר מען די אשה ניט אסר'ן צו איהר מאַן :

דער צדיק האָט זיי גאָר ניט גיענטפערט נאָר ער האָט נאָך אַמאָהל געזאָגט צום מאַן פאָלג מיך און גיב איהר אַ גט. ווי די דיינים האָבּען געזעהן אַז זיי ווען מיט איהם גאָר ניט מאַכען זענען זיי אַריבּער געגאַנגען צו נכבדי העיר וואָס זיי זענען אויך געוועזען קרובים מיט דער אשה. און זיי האָבּען זיי דערציילט די גאַנצע מעשה אַז דער רב האָט דעם מאַן געהייסען גט'ן, די נכבדי העיר זענען אין כעס געוואָרען אויף דעם רב און עס האָט זיך געמאַכט אַ מחלוקת און שטאָדט. ווי דער רב האָט געזעהן אַז דאָס מחלוקת מאַכט זיך וואָס אַמאָהל גרעסער האָט ער געשיקט רופען די אשה צו זיך. און דער צדיק האָט געוואָהנט אויף אַ גאָרען ווי די אשה איז אַריין געקומען איז ער צו געגאַנגען צום ארון הקודש און ער האָט אַרויס גענומען אַ ספר תורה און ער האָט פאַר איהר פאַר געלייענט די פרשה פון אַ סוטה. ווי זי האָט שוין געוואָלט אַרויס געהן האָט ער איהר נאָך געשריגען די פסוקים „ואת כי שטית וכו׳״ דאָס איז טייטש אויב די האָסט געזינדיגט זאָל דיר דער בויך געשוואָלען ווערען און אַזוי ווייטער די אַלע קללות וואָס עס שטייט ביי אַ סוטה ווי זי האָט אָנגעהויבען אַראָב צו געהן פון די טרעפ איז איהר דאָס פנים גרין געוואָרען און די אויגען זענען איהר ארויס געקראָכען און די אַלע קללות וואָס עס שטעהט און דער פרשת סוטה איז איהר מקוים געוואָרען, די אשה האָט אָנגעהויבען צו שרייען די דיונים מיט נאָך שטאָדט מענשען זענען געקומען זעהן איהר עונש און זיי זענען שטאַרק דערשראָקען געוואָרען און זיי האָבען געשריגען אַז מען זאָל זי אַרויס נעמען פון שטיב כדי זי זאָל ניט מטמא זיין דעם רבוס שטיב. דאַמאָלס האָט יעדער איינער געזעהן דאָס הייליגקייט פון דעם רב און איינער האָט געזאָגט צום צווייטען יעצט זעהן מיר אַז דער רב איז א איש קדוש און די גאנצע שטאָדט האָט פאר איהם מורא געהאט און ער איז בעוויסט געוואָרען פאר א איש מופת. און פאר א זכר האָבען די שטאָדט לייט געלאַסט בעגיסען די טרעפ מיט גאָלד כדי די מעשה זאָל זיין א זכרון אויף עוויג זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן :

א ווינדערליכע מעשה פון צווייא חברים.

עס איז אמאהל געוועזען צוויי גבירים ידידים זיי האבען זיך ליעב געהאט איינער דעם אנדערען. און ביידע האבען געהאט זוהן בני יחידים האבען זיי געדינגען איין מלמד ער זאל לערנען מיט ביידע קינדער און די קינדער זענען געוואהנט געווארען איינער מיט דעם אנדערען און זיי האבען זיך ליב געקריגען אז זיי האבען זיך ניט געקענט אפ שיידען איינער פון אנדערען און אזוי זענען זיי געוואקסען ביז זיי זענען גרויס געווארען און האבען חתונה געהאט און נאך דער חתונה האבען זיי זיך ווייטער ליעב געהאט איינער דעם אנדערען און אז זייערע ווייבער זענען געווארען מעוברת האבען זיי צו געזאגט איינער דעם צווייטען אז איינע וועט געבאהרען א יונגעל און די צווייטע א מיידעל און זיי וועלען לעבען זאלען זיי זיך משדך זיין, און עס איז אזוי געוועזען איינע פון די ווייבער האט געהאט א זכר און די צווייטע א נקבה האבען זיי אלען צייטען געשמיסט עס זאל זיין א שידוך ווארים דאס איז מן השמים און די קונדער זענען אויף געוואקסען אין זענען געווארען גרויס און האבען זיך געהאדעוועט צו זאמען און די עלטערען האבען פון זיי געהאט נחת ווארים די עלטערען זענען ביידע געוועזען רייך און גליקליך, נאר ניט אויף אייביג איז דאס גליק. ווארים איינער פון די חבירים איז געווארען ארום בעוויל ער האט אוועק געבארגט זיין גאנץ געלד און מען האט עס איהם צוגענומען דאס איז געוועזען דער פאטער פון דער נקבה און דער חבר דער פאטער פון זכר איז וואס א טאג געווארען רייכער און ווען דיא קינדער זענען עלטער געווארען און עס איז שוין געקומען די צייט וואס מען דארף חתונה מאכען האט דער רייכער חבר ניט געוואלט דעם שידוך, און אזוי ווי די קינדער האבען זיך געהאדעוועט צו זאמען אזוי געווינט צו זאמען האבען די קינדער ניט מסכים געוועזען אז דער שידוך זאל אפ גייען נאר דער פאטער פון דעם זכר דער גביר האט בשום אופן ניט געוואלט דעם שידוך איז דער ארימער חבר געפאהרען צום צדיק מריזין און האט איהם דערציילט האט דער רבי געשריבען א בריף צום גביר און האט איהם געבעטען ער זאל נישט אפ לאזען דעם שידוך נאר דער גביר האט גאר נישט געוואלט הערין דעם רבינ'ס רייד. און דער חבר דער ארימאן איז געווארען יעדען טאג מעהר ארום ביז ער האט קיין ברויט נישט געהאט איז ער געפאהרען נאך א מאהל צום רביין און האט פאר איהם זייער געוויינט און האט איהם

דער

דער צייטלט אז זיין בני בית גייען אויס פאר הונגער האט דער רבי געשריבען נאך א בריף צו דעם גביר ער זאל רחמנות האבען אויף זיין חבר פון יוגענד און זאל איהם געבען עפיס א שטעל און זיינע געשעפטען בכדי ער זאל קענען מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער ווארים דער עושר האט גיהאט א געשעפט פון זיידענע סחורה און האט געהאט א גרויסע שיף אויפן ים איז דער חבר דער ארימאן גיקומען צום גביר מיט דעם בריף פון רבי'ן האט ער איהם גאר נישט געוואלט ענטפערען איז ער נעביך אוועק גיגאנגען מיט גרויס עגמת נפש און איז נאך א מאהל גיפאהרען צו רבין האט דער רבי גיהערט ווי דער גביר איז זיך בעגאנגען מיט דעם חבר האט ער צו איהם גיזאגט דער גביר וועט חרטה האבען נאר פאר דיר איז דא א עצה די זאלסט פאהרן קיין לעמבערג אזוי ווי עס איז יעצט די מלחמה פון טערק און פראנצויזען קענסטו דארט פאר דינען האט איהם דער ארימער חבר גיפאלגט און איז אוועק קיין לעמבערג און האט זיך דארט גיוואלגערט עטליכע וואכען ביז ער האט גיקרוגען א שטעללע ביי א פאדרייציג א רוס וואס פלעגט צו שטעלען פראוויאנט צו די זעלנער און איז אב גיוועזען ביי איהם א צייט און האט שוין געשיקט א היים געלד. גאך דעם איז דער פאדרייציג דער רוס גע'הרג'ית גיווארען און דער מלחמה האט זיך דער משרת זיינער אינטער גענינומען די פאדראדין ווארען גאנץ נאצאלסטווא האבען איהם געקענט אז ער איז א ערליכער מאן און ער האט אנגעהויבען מצליח צו זיין און איז פון טאג צו טאג גליקליכער גיווארען און דער חבר דער גביר האט געהאט א גרויסע שיף אויף דעם ים האט ער די אהן גילאדען מיט סחורה און איז אליין אויך מיט געפארען אויף דער שיף איז פלוצלינג גווארען א גרויסער שטארום ווינד און עס האט איבער געקערט די שיף און אלעס איז דער טרינקען געווארען אפילו די אלע מענשין וואס זענין דארט אויף שיף געוועזען און ער איז שוין גילעגין און וואסער האט ער זיך געטראכט אז גאט שטראפט איהם דער פאר וואס ער האט אב געלאזט דעם שידוך האט ער א נדר געטאהן אז השי"ת וועט איהם העלפען אז ער וועט ניצל ווערען וועט ער האלטען דעם שידוך. איז פלוצלינג אהן געשווימען נעבין איהם דער זעגיל בוים פון דער שיף האט ער זיך אנגעחאפט אהן זעגיל בוים און האט זיך ארויף געזעצט אויף איהם און דער ווינד האט איהם געטראגען זייער ווייט ביז דער שטורים האט עס איהם ארויס געווארפען אויף א אינזיל און ער איז דארט גילעגין צוויי טעג ביז עס איז דארך געגאנגען א שיף האט ער אנגעהויבען שרייען האט

האט מען דער הערט און מען האט צו געשיקט א קליין שיפעל און מען האט איהם צו געפירט צו דער גרויסע שיף און ער האט זיי דערציילט זיין גאנצע געשיכטע האבען זיי איהם געפיהרט אהיים האט ער זיך גענימען צו זיין געשעפט פון זיידענע סחורה און ער האט ווייטער מצליח געוועזען און פון דעם נדר וואס ער האט געטוהן האט ער זיך געמאכט גאר נישט וויסענדיג און א צייט ארום איז זיין געשעפט און גאנצען פאר ברענט גיווארען און ער איז ארויס און געבליבען ארים און דאך דערצו א גרויסער בעל חוב אז ער האט זיך גישעמט ארויס צו געהן אויף דער גאס איז ער אוועק ווי זיינע אויגען האבען איהם געטראגען און איז געגאנגען צו פיס פון שטאדט צו שטאדט ביז ער איז געקומען קיין ניקעלשבערג איז ער אריין געגאנגען צום צדיק און האט איהם דער ציילט זיין גאנץ אומגליק וואס איהם האט געטראפען האט דער צדיק אויף איהם אנגעשריגען די ביסט א רשע די האסט ניט קיין רחמנות געהאט אויף דיין חבר פון יוגענד אז עס איז איהם גיוועהן אזוי שלעכט און די האסט דעם שידוך געשטעהט און איך האב דיר געשריבען צוויי בריף און די האסט נישט געוואלט הערין דעריבער ביזטו צוויי מאהל געשטראפט געווארען. איז דער מאן גיפאלען צום רבינס פיס און האט געבעטען ער זאל איהם מוחל זיין ווארים ער וויל טוהן תשובה האט איהם דער צדיק געזאגט יעצט האסטו איין עצה די זאלסט צו געהן צו דיין חבר ער וועט אויף דיר רחמנות האבען נישט אזוי ווי די און ער איז געקומען צום חבר ווי ער האט איהם דערזעהן און אזוי א שטאנד האט ער איהם באלד אויס געקליידט און האט איהם אב גיגעבען א קליין פאדראט האט ער פאר דינט געלד נאך דעם האט ער גענומען פון זיינט וועגין גרויסע פאדראטען און ער איז געווארען צוריק א גביר און זיי זענין דארט געוועזען אז עס האט זיך געקאנטשעט די מלחמה זענין זיי ביידע אהיים געפארען און זענין גיוועזין גרויסע גבירים און האבען די ביידע קינדער חתונה געמאכט און האבען פון זיי געהאט פיעל נחת און זיי זענין גיוועהן פון די גרעסטע חסידים און בעל צדקות:

װעהר א גוטע עצה פון א פריינד.

עס איז געװעזען איין גרויסע סוחר און ער האט געהאט איין זוהן און איין טאכטער האט ער זיי חתונה געמאכט צו גרויסע גבירים און האט זיי נאך געגעבען אסאך געלד און די קינדער האבען זיך געמאכט האנדלין און זיי האבען מצליח געװעזען און זיי זענען געװארען גרויסע גבירים. און אז עס איז פאר ביי געגאנגען אפאר יאהר איז דער גביר געװארען איין יורד ר״ל. און זיינע קינדער האבען איהם גאר נישט געװאלט געבען און זיין װייב איז געשטארבען ר״ל. איז ער געבליבען אליין און ליידיג. איז ער אריבער געפאהרען צו זיינע פריינד און ער האט דער ציילט זיינע פריינד זיין ביטער הארץ האט איהם דער פריינד געענטפערט צו איז דען שוין נישט דא קיין יודען. און דער פריינד האט איהם געגעבען איין בריעף צו זיינע פריינד אז זייא זאלען איהם בעהילפיג זיין. און אזוי װי זיינע פריינד האבען דער זעהן דעם פריינד׳ס בריעף האבען זיי געמאכט איין אסיפה און זיי האבען געמאכט צװישען זיך פינעף הינדערט רענדליך און זיי האבען איהם געגעבען האט ער אהן געהויבען צו האנדלען און ער האט באלד געזאגט די שדכנים אז זיי זאלען איהם רעדען איין שידוך האט מען איהם גערעדט איין שידוך מיט איין אשה צנועה און זי האט געהאט דריי הינדערט רענדליך האט ער זי גענומען. און ער האט געקויפט סחורה פאר דעם גאנצען געלד און ער איז געפאהרען קיין לייפציג און ער האט דארטען פערקויפט די גאנצע סחורה און האט א סאך פערדינט און ער האט אלע מאהל מצליח געװעזען ביז ער איז געװארען איין גרוסער עושר. און אזוי װי זיינע קינדער זענען געװאהר געװארען אז זייער פאטער איז געװארען איין גרויסער גביר האבען זיי איהם געבעטען אז ער זאל גטין זיין װייב און ער זאל זיין ביי זיי און אזוי איז צוועק געגאנגען א פאהר יאהר דער זוהן האט געװאלט אז ער זאל זיין ביי איהם און די טאכטער האט געװאלט אז ער זאל זיין ביי איהר בעװייל זיי האבען דערשמעקט זיין רייכטקייט און דער פאטער האט שטענדיג געהאט עגמת נפש פון זייערע רייד. און איין מאהל איז ער געפאהרען קיין לייפציג מיט פיהל סחורה האט ער פארדינט א סאך געלד ביז ער איז שוין געװעזען גאר איין גרויסער גביר און װען ער איז צוריק געפאהרען פון לייפציג איז ער אריבער געפאהרען צו זיינע פריינד און ער האט זיי דערציילט אז גאט האט איהם געהאלפען און ער איז געװארען

איין

איין גרויסער גביר נאר ער האט עגמת נפש פון זיינע קונדער וואס זיי רעדען איהם אהן אז ער זאל גט'ן זיין ווייב און ער זאל זיין ביי זיי, האבען איהם די פריינד געזאגט אז ער זאל אבשרייבען דריי בריעף איין בריף צו דעם ווייב און איינעם צו דעם זוהן און איינעם צו דער טאכטער און ער האט איהם געזאגט אז ער זאל אזוי שרייבען און די בריף אז ער האט פערלוירען דאס גאנצע געלד און זיין גאנץ פערמעגען אויף דעם וועג און ער האט ניט אויף קיין הוצאות א היים צו פאהרען דעריבער בעט ער זיי אז זיי זאלען איהם שיקען געלד אויף הוצאות און ער זאל ווארטען ביז ער וועט האבען תשובה, האט ער אזוי געטוהן און האט געשריבען אז ער איז לעת עתה און לייפציג און איז לעת עתה ביי זיינע פריינד און זיי גיבען איהם צו עסען און ער האט געבעטען זיין זוהן אז ער זאל אויף איהם רחמנות האבען און ער זאל איהם שיקען געלד אויף הוצאות און אזוי האט ער געשריבען צו זיין טאכטער און צו זיין ווייב. און אז עס איז פער ביי געגאנגען א פאהר טעג איז איהם אהן געקומען תשובה פון אלע דריי האט ער אויף גיעפענט דעם בריף פון זיין זוהן צום ערשטען האט איהם דער זוהן אזוי געשריבען דיין בריעף האב איך ערהאלטען און די זאלסט מיר מוחל זיין מיין פאטער וואס איך שיק דיר ניט קיין געלד בעוויל עס איז מיר זייער ענג, און איך וועל דיך נישט קענען האלטען ביי מיר בעוויל מיין ווייב איז א שלעכטע וועט זי דיך ניט קענען ליידען דעריבער איז מיין עצה אז דו זאלסט זיין ביי דיינע פריינד און דארטען וועט מען אויף דיר רחמנות האבען און מען וועט דיר געבען עסען, דער נאך האט ער אוף גיעפענט די טאכטערס בריף און האט אהנגעהויבין צו לייענין האט זי איהם אזוי געשריבען דיין בריף האב איך ערהאלטין און עס איז מיר לייד מיין פאטער וואס איך קאן דיר ניט שיקען אויף הוצאות בעוויל איך האב געטוהן איין שידוך מיט מיין טאכטער מיט איין גרויסען גביר דארף איך פיהל געלד אויף נדן דעריבער איז מיר ענג און איך קאן דיר נישט שיקען קיין געלד דעריבער איז מיין עצה אז די זאלסט שוין זיין ביי דיינע פריינד און דער נאך האט ער אויף גיעפינט דעם ווייבס בריעף און ער האט אהן גיהויבען צו לייענען איז אזוי געשטאנען, ידידי בעלי דיין בריעף האב איך ערהאלטען און איך בעט דיך מיין מאן אז די זאלסט נישט זארגין בעוויל אזוי ווי ביז א הער האט אונז גאט גיהאלפען אזוי וועט ער בוודאי וויטער אונז העלפען און ער וועט אונז נישט פערלאזען, און איך וועל פארקויפען אלעס וואס איך האב און איך וועל דיר שיקען געלד אויף

הוצאות

הוצאות און די זאָלסט אַהיים קומען אָהן זאָרג און איך וועל טאָהן אַללעס וואָס איך וועל קאָנען כדי דיך מפרנס צו זיין אַז די זאָלסט קענען זיצען און ביהמ״ד און לערנען האָט ער גינומען די אַלע דריי בריעף און ער איז גיגאַנגען וויזען זיינע פריינד און ער האָט זיי גילייענט האָבען זיי איהם גיזאָגט אַציגד מעגסט די שוין אַהיים פאָהרען און די פאַרשטייסט שוין אַליין וואָס צו טוהן, האָט ער זיך דאָרטען פאַר זוימט נאָך אַ פאָהר טאָג און ער האָט ערהאַלטען איין פאָוויעסטקי אויף געלד פון זיין ווייב און זי האָט זיך פאַר ענטפערט פאַר איהם אַז זי האָט מיין נישט גיקענט שיקען און זי האָט איהם גיבעטען אַז ער זאָל תיכף אַהיים קומען און ער זאָל גאָר נישט זאָרגען און אַזוי ווי ער איז אַהיים גיקומען האָט ער איבער גילאָזט זיינע זאַכען אויף דער פיהר און ער איז אהיים גיקומען אַזוי ווי איין אָרימאַן און אַזוי ווי זיין ווייב האָט איהם דער זעהן האָט זי זיך גיפרייד מיט איהם און זי האָט איהם גיטרייסט מיט גוטע רייד און אַזוי ווי ער האָט זיך אַ ביסעל אָפ גירוהט האָט ער געשיקט צו דער פיהר נאָך זיינע זאַכען האָט איהם דער בעל עגלה גיבראַכט זיינע זאַכען אַהיים האָט ער אויף געפאַקט טייערע מתנות און דימאַנטען און פעריל וואָס ער האָט גיבראַכט פאַר זיין ווייב׳ס וועגען און ער האָט איהר דער ציילט די עצה פון זיינע פריינד. און דער מענטש איז געוואָרען נאָך איין גרעסערער גביר מיין פון דער פער און ער האָט זיך גיקויפט איין קאַמיניצע און אַזוי ווי זיינע קינדער זענען גיוואָהר גיוואָרען אַז ער איז איין גרויסער עושר זענען זיי ווייטער געקומען צו איהם און זיי האָבען איהם געבעטען אַז ער זאָל גט׳ן זיין ווייב און ער זאָל זיין ביי זיי. האָט דער פאָטער אַרוס געגומען די דריי בריף און ער האָט געלייענט פאַר זיי זענען זיי מבויש גיוואָרין און ער האָט זיי געזאָגט אַז איהר האָט געמיינט אַז איך בין אָרים האָט איהר מיך נית געוואָלט האַלטען און איהר זענט אַנטלאָפען פון מיר און היינט אַז איהר האָט דערפיהלט אַז איך בין רייך זענט איהר געקומען צו מיר און ער האָט זיי אַרויס גיזאָגט פון זיין שטיב און ער האָט אָב געשריבען זיין קאַמעניצע אויף זיין ווייב:

אַ ווינדערליכע מעשה פון רמ״א ז״ל.

ווען דער רמ״א איז נאָך געוועזען אַ קליין יונגעל און האָט זיך געשפּילט מיט יונגליך און גאַס איז דאָרך געפאָהרען דער שר פון שטאָדט אַזוי ווי זיי האָבען דערזעהן דעם שר פאָהרען רופט ער זיך אָהן צו די יונגלעך ווער בעמט זיך אונטער צו וואַרפען אַ שטיין דעם שר און קאָפּ אַריין האָבין זיך די יונגלעך אָהן גערופען אַז זיי האָבען מורא נאָר ווייל ער האָט עס אויף געגעבען זאָל ער אַליין וואַרפען דעם שטיין האָט ער גענימען אַ שטיינדיל און געוואָרפען דעם שר אין געטראָפען און שטערען אריין און האָט איהם געמאכט א לאָך און שטערען און עס האט אָהן געהובען רינען בלוט האָט מען איהם גענומען און איין געזעצט און תפיסה אריין און מען האָט איהם גע׳פסק׳ינט צו העגגען נאָר דער פסק האט נאך בעדארפט אונטער געשריבען ווערען ביי דער מלוכה האט מען איהם איבער געגעבען צו אַ שומר ער זאָל איהם פיהרען און דער מלוכה שטאָדט אריין מען זאָל דאָרט מקיים זיין דעם פסק ווייל עס איז געוועהן אַ וויַיטער וועג און זענין געגאַנגען צו פיס האָבען זיי זיך געזאָמט און וועג עטליכע וואָכען אַ מאָהל זענין זיי אריין געקומען און אַ שטאָדט אריין און זענין אַריין געגאנגען און א שענק אַריין עפּיס עסין אין זיך אָבריהען האָט זיך דאָס יונגעל געשטעלט לעבען אויבען זיך אָהן וואַרימען האָט ער גיהערט ווי אַ מלמד לערינט מיט דעם שענקערס צוויי בחורים א טיעפע סוגיא נאָר ער האָט זי ניט גילערינט האָט ער זיך ניט גיקענט איינהאַלטען און איז צו געגאַנגען צו זיי און האָט זיי געזאָגט דעם אמת׳דיגען פשט ווי דער מלמד מיט די תלמידים האָבין דערהערט דעם פשט זענין זיי נתפעל געוואָרען פאר דעם יונגעל האָבין זיי עס דערצעהלט דעם בעה״ב. אין זיי האָבין אָהן געהויבען חוקר ודורש זיין ווער ער איז אין וואָס ער טוהט דאָ אין ער האָט זיי דער ציילט די גאנצע מעשה. ווי דער בעה״ב האָט דאָס דערהערט האָט ער רחמנות בעקומען אויף דעם יונגעל אין האָט געזאָגט עס איז ניט קיין צייט פין שטיל שווייגען מען מוז טוהן וואָס מען וועט קענין אין דאָס יונגעל צו ראַטיווען פין טוידט ווייל זיי האָבין גיזעהן אַז דער בחור וועט אַ מאָהל אָב נעמין די וועלט מיט זיין תורה. האָט ער זיך אזא עצה גיגעבען. ער איז גיגאנגען צים שומר אין איהם גיפרעגט ווי לאנג דארף נאָך דויערען דער וועג ביז אין דער מלוכה שטאָדט האָט איהם דער שומר געענטפערט נאָך צוויי וואָכין האָט ער איהם געזאָגט פאר וואָס דארפט איהר געהן צופיס

אין זיך אָב מוטשען זייט בעסער ביי מיר אויף מיין הוצאה. צווי טעג פאַר דעם סאָנד וועל איך איינשפאַנען מיינס אַפיהר אַ פאַר גיטע פערד און וועל איך אָב פיהרען אין מלוכה שטאָדט אריין. דער כומר האָט פאַר שטאַנען אַז דער בע״ב איז גירעכט אין ער איז טאַקי גיוועזען מיעד פין וועג. האָט ער איין געשטימט צים בעה״ב רייד אין זיי זענין דאָ פערבליבען ביי דעם בעל הבית. דער בעל הבית האָט געהאַלטען דאָס יונגעל און האָט איהם גיגעבין צי עסען אין טרינקען ברחוה און האָט קיין אויג ניט אָבגעלאָזט פון דעם יונגעל און אַלע מאָהל מיט איהם געשמועסט און לערנען און האָט גיזעהן דאָס גרויסקייט פון דעם יונגעל ער איז געוואָרען אָהן געבינדען און דעם יונגעל אַז ער איז גיוועזען גרייט אַוועק צו געבען זיין גאַנץ געלד און אפילו זיין לעבען כדי מציל זיין דאָס יונגעל פון טוידט. און האָט גיבעטען ביי השי״ת ער זאָל איהם וויזען אַ וועג ווי אַזוי מציל צו זיין דאָס יונגעל עס איז געקומען נאָהנט צו דער צייט פון סאָנד האָט ער זיך איינגישטעלט און גיפרעגט דעם שומר וואָס וואָלט גיוועזען ווען דאָס יונגעל זאָל אויף דעם וועג שטאַרבען צו וואָלט דיר עפיס געקומען אַ פסק פאַר דעם. האָט ער גיענטפערט פאַר אַזוי אַ טרעפּעכץ וואָלט ער ניט שולדיג געוועזען נאָר ער דאַרף האָבען אַ פּאָהר עדות די שופטים פון שטאָדט אז די מעשה איז אמת. אַזוי ווי דער בעה״ב האָט דאָס דערהערט איז ער פריילין געוואָרען און האָט אויף גיעפענט דעם טאַש און געזאָגט צום שומר נעם דיר וויפיעל די ווילסט און לאָז אָב דאָס יונגעל און וועל דיר געבען איין בריף פון די שופטים פון שטאָדט אַז דאָס יונגעל איז געשטאָרבען דער שומר האָט חשק בעקומען צום געלד און האָט אָב געלאָזט דאָס יונגעל און איז צוריק אַ היים געגאַנגען דאָס יונגעל איז איבער געבליבען ביי דעם בעה״ב און געזעסען און געלערענט און זיך געשטאַרקט און לערנין דער בעה״ב האָט איהם ליבער געהאַט ווי זיינע קונדער ווי ער איז אויף גיוואַקסין און עלטער געוואָרען ער האָט שוין בעדאָרפען חתונה האָבען און דער בעל הבית האָט דער בעה״ב אַ בתולה געהאַט איהם פאַרגעלייגט דאָס ער וויל זיך מיט איהם משדך זיין ער האָט איהם גיענפערט ער בעשטייט אויף דעם שידוך איז דער בעה״ב געוואָרען מלא שמחה דאָס ער וועט זוכה זיין צו האָבען אַזוי אַ איידים אַ גאון וקדוש האָט מען באַלד געשריבען תנאים און ער האָט געגעבען אַ בעזונדער חדר ער זאָל דאָרט זיצען על התורה ועבודה אַמאָהל איז דער בעה״ב צו געגאַנגען שטילער הייט צו דער טוהר און אַריין געקוקט און זיין חתונה חדר אריין זעהן וואָס

ער

ער טוהט האט ער דערזעהן ווי ער ליגט אויסגעצויגען אויף דער ערד און וויינט און זאגט איך קען ניט משנה זיין מיינע רייד ער האט מיך מציל גיווועזען פון טוידט און האלט מיך ביי זיך און גיט מיר עסין און טרונקען און אלעס וואס איך דארף ע״כ בעט איך פון אייך חאטשי עס איז ניט אזוי ווי אייער ווילען פון דעסטוועגין זאלט איהר אויך מסכים זיין און איהר זאלט מיך ניט אראב פיהרען פון מיין דעה ער קוקט זיך אים און אלע זייטען פון חדר ער זעהט ניט קיינים נאר דעם חתן אליין איז ער זייער דערשראקען געווארין און האט ביי זיך בעשלאסען איהם ניט איבער צו פרעגען נאר ער ווערט זעהן ווייטער. מארגען געהט ער ווייטער צו דער טוהר זעהט ער וויטער דאס זעלבע. אזוי האט געדויערט עטליכע טעג . ער האט זיך שוין ניט גיקענט איינהאלטען איז ער אריין געגאנגען צום חתן און איהם גיבעטען ער זאל איהם זאגען וואס דאס בעדייט דער חתן האט איהם דערציילט אז זיינע עלטערין קומען צו איהם אלע טאג צייט ער איז א חתן געווארין און זענין איהם מודיעה אז זיין טאכטער איז ניט זיין זיווג און בעטען איהם ער זאל אב לאזען דעם שידוך און ער בעט זיך אז זיי זאלען איהם גימאכט לאזען ער קען עס ניט טוהן נאך אזוי אגיטס וואס ער האט איהם געטוהן. און זיינע עלטערין האלטען זיך ביי איינס אז עס איז ניט קיין זיווג. דער בעה״ב האט גיהערט אז דער שידוך איז באמת ניט קיין זיווג. האט ער גיזעהן אז עס וועט איהם גאהר ניט העלפען אקעגען דעם חתנ׳ס עלטערין. האט ער טרויעריג גיענפערט איך זעה דאך אז עס איז מן השמים איך האב ניט קיין זכיה דיך צו האבען פאר א איידים. ע״כ בין איך דיר מוחל מיט דעם גאנצין הארץ. און השי״ת זאל יעדען איינעם צו שיקען זיין רעכטין זיווג אין האבען צוריסען די תנאים מיט גרויס געוויין. איידער ער איז אוועק געפאהרען האט ער גיזאגט צום בעל הבית איין בקשה וויל איך פון אייך בעטין אזוי ווי איך האב יעצט ניט קיין געלד אייך צו בצאהלען פאר די אלע טובות וואס איהר האט מיר געטוהן אמת איך האף צו השי״ת אז איך וועל אייך א מאהל קענין בעצאהלען ע״כ בעט איך איהר זאלט איבער רעכינען ווי פיעל עס קומט אייך פאר די אלע יאהרען וואס איך בין ביי אייך גיוועזען אין דאס געלד וואס איהר האט גיגעבען יעם שומר פאר מיר און איהר זאלט עס אויף שרייבען אויף איין פאפיער און איך וועל זיך חתמינען אין עס געבען אייער טאכטער. דער בעה״ב האט אפילו ניט געוואלט ווי אזוי קען ער נעמען געצאהלט פאר דעם וואס האט גיהאלטען ביי זיך אזו אגרויסען בוים נאהר וויל ער האט איהם שטארק

שטארק גיבעטען האט ער איהם ניט גיקענט מעיז זיין און האט גימאכט א חשבון און אב געשריבען א וועקסיל און דער בחור האט זיך געחתמ'ט און עס גיגעבען דער טאכטער און איז אוועק געפאהרען און האט חתונה געהאט און איז געווארען א גרויסער גאון און איז געווארען רב אין פוזנא און זיין נאמען האט געשמ'ט אויף דער גאנצער וועלט. דער בעה"ב האט אויך בעקומען פאר זיין טאכטער וועגען א שעהנעם שידוך. און א צייט ארום האבען זיי זיך געצויגען קיין פוזנא און האבען זיך געמאכט א ויין האנדיל און זענען געוועזען זייער רייך. און דער שטאדט איז געוועזען א מנהג אז די ווייבער זענען גיט אליין א היים געגאנגען פון בית הטבילה ווייל די גוים פלעגען אויף זיי צו לאקערען און מיט זיי מזנה צו זיין האט זיך אמאהל געמאכט אז די ווייבשענקערען איז געגאנגען אליין פון טבילה איז אהן געפאהרען א פריץ אזוי ווי ער האט זי דערזעהן האט ער זי מיט גיוואלד אריינגענומען און זיין קאטש אריין און איז מיט איהר אהיים געפאהרען זי האט זיך מוסר נפש געוועזען און האט זיך ניט געלאזט מטמאה זיין האט ער זי פערשלאסען און א חדר כדי ער זאל זי מטמאה זיין מיט געוואלד דער היטער פון די יודען שלאפט דאך ניט האט ער איהר געשיקט זיין הילף און האט איהר אריין געגעבען א גידאנק אז זי זאל בעטען ביי דעם פריץ א טרינק זי איז געוועזען דארשטיק. און ווייל דער רשע האט געוואלט געפינען חן ביי איהר און די אויגען איז ער אליין געפאהרען און שטאדט אריין צו איהר מאן און האט ביי איהם געקויפט אגוט פלעשעל ויין פאר איהרט וועגען ווי זי האט גיהערט אז ער פאהרט אין שטאדט אריין האט זי געקלערט ווי אזוי זיך ארויס צו חאפען פון דאנען ביז ער וועט צוריק קומען, נאר וואס קען זי טהון דאס חדר איז גוט פערשלאסען און אויך אפילו זי וועט שוין ארויס וועלען די מענשען פון הויף זי דער קענין און וועלין זי ניט לאזען אנטלויפען. האט זי גענומען דעם פריץ'ס א היטעל מיט א אייבערשט מלבוש און האט זיך איין געשטעלט און זיך אראב געווארפען פון פענצטער גאט האט איהר געהאלפען זי האט זיך גאר ניט געטהון אין איז אהיים געלאפען ווי דער מאן האט זי דער זעהן מיט איין גויש היטעל און איין מלבוש האט ער זי חושד געוועזען אז מען האט זי מטמא גיוועזען, הגם זי האט איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה ער האט אבער איהר ניט געוואלט גלייבען הגם זי איז ביי איהם שטענדיג גיוועזען זייער כשר און ערליך נאר מהמת דעם פחד וואס האט שטענדיג גיהערשט אין שטאדט האט ער מורא גיהאט מיט איהר צו וואהנען זי האט

גֶעשריגֶען

געשריגען אז זי איז ריין ער האט איהר אבער מורא גיהאט צו גלייבען. אזוי ווי ביי גוים איז ניט דא קיין בושה קומט דער פריץ א מאהל אריין צו דעם ווייבשענקער און דערציילט ווי א אשה האט איהם בייגעקומען און זי האט איהם צוגענומען א מלבוש וואס כמעט זיין גאנץ פערמעגען איז געוועזען אין דעם מלבוש איין געניייט אזוי ווי דער פריץ איז ארויס געגאנגען האבען זיי אויפגעריסען דאס מלבוש האבען זיי געפינען א סאך געלד און דעם מלבוש. און דער מאן האט מורא גיהאט מיט איהר צו וואהנען דאס ווייב האט גיזעהן אז עס וועט ניט זיין א גמר זי האט געשריגען אז זי איז ריין און ער האט מורא גיהאט מיט איהר צו וואהנען האבען זיי זיך מיישב גיוועזען זיי וועלען אריין געהן צום רב פרעגען איהם וואס ער וועט זאגען אזוי וועט זיין. זיי זענען גינאנגען צום רב און איהם דערציילט די גאנצע מעשה האט דער רב זיך גיהייסען ברענגען דאס וועקסיל מיט דעם חשבון וואס זי האט גיהאט האט זיך דער רב אהן גערופען יעצט האב איך אייך בעצאהלט מיין חוב און זיי דערציילט די גאנצע מעשה און זיי געזאגט איהר זאלט וויסען אז דער פריץ איז גיוועזען מיין שומר וואס האט מיך געפיהרט צום סאנד און איז מיט מיר גיוועזען ביי דיין שוועהר און פון דאמאלסט אהן האט זיין גליק אהן געהויבען צו שיינען ביז ער איז געווארען פריץ. און האבען בערעכענט איז פונקט גיוועזען איינגעניייט און דעם מלבוש וויפיעל דער חוב איז גיוועזען. און יעצט זאלסטו וויסען אז דיין ווייב איז ריין השי״ת האט אזוי געמאכט כדי איך זאל ניט בלייבען קיין בעל חוב:

א וואונדערליכע מעשה פון בעל שם טוב זצ״ל:

ווען דער בעש״ט איז גיזעסין א צייט און סטאמביל איז דארט גיוועזין דער שיך (דער מאחמעדאנישער בישאף) זייער א גרויסער שונא ישראל די אללע מאחמאדאנער און אויך דער סולטאן דער טערקישער קייזער האבין א גאיינבילדונג אז דער שיך פלוהט אלע נאכט קיין מעקקא צום מחמד דער טערקישער נביא דארט ווי ער ליגט בעגראבען. איהר מוזט אבער וויסען ליעבע לעזער אז לויט דעם טערקישען מנהג וואט האלטען פאר א גרויסער מצוה צו זיין ביי זייער נביא מחמד אויפ׳ן קבר און דעם טאג

פון זיין יאָהרצייט: און וויל דער וועג קיין מעקקאָ איז זעהר אַ שלעכטער טיעפזאַמדיגער וועג און זעהר געפעהרליך פון חיות רעות דאדורך נעהמען זיך צוזאַמען אַ חברה טערקין פון פיעל הונדערטער מענשין און געהן צוזאמען אהין אַוועק. צוריק אָבער בלייבט פון זיי נישט קיין הונדערטסטעל טהייל. נאָר דער שיף איז זעהר הייליג פלוהט ער אַללע נאכט קיין מעקקאָ ווי אַ גרינג פייגעלע אַזוי איז ביי אַלע טערקין אויך ביים סולטאַן איינגעבילדעט. און אלע און דער פריה ברענגט ער נייעס פון זייער נביא מחמד וואָס ער האָט מיט איהם געשמיסט. דאַמאָלס ווען דער בעל שם טוב הקדוש איז געוועהן איז סטאמבאָל און דער צייט האָט דער שיף געבראכט אַ נייע גזרה פונ׳ם מחמד אַז ער איז גוזר זעהר שטרענג מען זאָל אַלע יודין אַרויס טרייבען פון סטאמבאָל יעדער לעזער קען זיך פאָרשטעללען ווי די נאַרישע טערקין האָבין די גזרה שטרענג אָנגענעמין און דער סאָלטאַן האָט שוין זיין בעפעהל אַרויסגעגעבין דעם טערמין ביז און דעם טאָג זאָללען אַללע יודען פון סטאמבאָל געררייםט זיין. די יודין איז געביך פונסטער געוואָרין אין זייערע אויגען. און זייער אַלטען רעצעפט צו די צרות האָבען זיי ניט פערגעסען מען האָט זיך תיכף צונויף גיזאַמעלט אין אַלע שוהלען און בתי מדרשים תהלים גיזאָגט געשריגען געוויינט צום בורא עולם ב״ה. גוזר תענית גיוועזען. אין דעם זעלבען טאָג ווען אַלע יודען פון סטאַמבאָל האָבען גיפאסט איז אַ יוד פערביי געגאַנגען נעבען דעם הויז ווי דער בעש״ט האָט דאָרט גיהאַט זיין אכסניא און האָט דערזעהן אז דער בעש״ט זיצט לוסטיג לעבעדיג און פרייליך און עסט און טרינקט בהרחבה גדולה. האָט דער פאַרבייגעהענדע יוד האָט פערשטאַנען אַז דער בעש״ט ווייסט גאָר נישט פון דער גאנצער מעשה וואָס דאָ טהוט זיך האָט איהם דער יוד דער צעהלט אַלעס דעם שטאַם פון דער זאַך און ווי עס האַלט אַצונד. האָט דער בעש״ט גיזאָגט צו דעם געה צו די ראשי הקהל הייס זיי פון מיינעט וועגין זיי זאָלען אויסרופען יעדער זאָל עסין און טרינקען נאָר מען זאָל צו זאַמען נעמען אַ סאַך געלד וועל איך שוין די זאַך צוריק אויפין ערשטען שטאַנדפונקט ברענגען מען האָט ריכטיג אגרויס פארמעגען צו זאמען גינעמין אין געבראכט צום בעש״ט הקדוש איז תיכף דער בעש״ט מיט דעם גאנצען געלד אריין געגאנגען און איין יאָוועלען־האנדלונג און פאר דעם גאנצען געלד גיקויפט א טייערע פאָהר אויערינגען אַזעלכע וואָס געפינען זיך נישט ביי קיין שום קיסר אין זיין אוצר. אין קיין איינציגע קייזערין האָט נאָך א זעלכע אויערינגען נישט גיזעהן אין טאקי באלד האָט דער הייליגער

בעש״ט

בעש"ט איינס פון די אויערינגליך איבער גילאזט ביי זיך און דער היים און מיט איין אויערינגעל איז ער גיגאנגען צום קייזער צום סולטאן. מיט א בקשה מיין טאטי האט איבערגילאזט ירושה א פאר טייערע אויערינגליך וואס געפונען זיך נישט ביים רייכסטען קיסר און זיין שאטצקאממער טאמער וועט דער סאלטאן זייא קויפין פיר זיין קייזערין? דער קיסר האט זאפארט אריין גערופען זיין געליעבטעסטע קייזערין און ער האט נאר א צייג געטוהן דאס איינע אויערינגעל האט די קייזערין גיזאגט מעגסט געבין ווי פיהל מען וועט וועלין און זאלסט די אויערינגליך קויפען דען זייער גלייכען קען מען אויף דער גאנצער וועלט נישט טרעפין. דער סאלטאן האט דעם בעש"ט גיענפירט יא איך וועל זיי קויפען. האט דער בעש"ט גיזאגט צום סאלטאן די ירושה איז מיר מיט מיין ברודער פון אונזער טאטין גיפאלען האב איך איינע גינעמין און מיין ברודער ער וואהנט און מעקקא האט דאס אנדערע אויערינגעל וועל איך דא מיין אויערינגעל דערווייל איבער לאזען ביים קיסר איך וועל אב שרייבען א בריף צוא מיין ברודער אז איך האב פאר מיינעם כך וכך גילייזט ער זאל פאר זיינעם אויך אזוי פיעל נעמען און דער קיסר וועט קענען דאס בריוועל מיט דעם געלד שיקען צו מיין ברודער דורך אייער הייליגען שיף וואס פלוהט אלע נאכט קיין מעקקא וועט דער שיף דאס אנדערע אויערינגעל פון מיין ברודער מארגען פריה מיט ברענגען. זייער גוט האסט די גיזאגט האט דער סאלטאן פרייליך אויסגערופען. איך וועל בוודאי אזוי טוהן. און האט באלד מיט זיין קייזערליכען בעפעהל דעם שיף דאס שליחות איבער גיגעבען. דער שיף אבער איז אלע טאג געקומען צו פלוהען מיט איין אנדערין תירוץ אז ער האט נישט גיקענט זיין ביים בעש"ט'ס ברודער. און אפאר טאג איז דער בעש"ט גיגאנגען צום סאלטאן פאדערין געלד פאר זיין אויערינגעל. האט זיך דער מלך פאר איהם בעקלאגט. ער ווייסט זיך גאר נישט קיין עצה צו געבען. דען דער שיף איז איהם מדחה אלע טאג מיט אנדערע תירוצים און די מלכה וויל זעהר האבען די אויערינגלעך. האט דער בעש"ט צום סאלטאן גיזאגט די ביזט דאך קיסר זאלסט אויף דעם שיף גוזר זיין מיט איין שטראפע וועט ער מוזען דיין וואונש ערפולען. דער סאלטאן האט אזוי געטוהן ווי דער בעש"ט האט איהם גערא‌טען. ווי דער דער שיף האט דעם שטרענגסטען קייזערליכען בעפעהל דערהערט און ער ביי זיך ווייסט גאנץ גוט אז ער איז און זיין לעבען קיינמאהל נאך נישט גיוועזען און מעקקא און ווען ער זאל זיך שוין דאס לעבען איינשטעלען

און

און געהן קיין מעקקא דארף ער דריי חדשים געהן איז ער געבליבען אזוי ווי המן הרשע ארויסגיגאנגען פון קעניגליכען פאלאץ טרויעריג און פערשעהמט און האט זיינער געוויינט . האט איהם דער בעש״ט בעגעגענט וואס וויינסטו ? פרעגט איהם דער בעש״ט ז״ל. האט ער איהם דערציילט די גאנצע מעשה און זאגט איך פערשטעה אז דאס שפיצעל האבען מיר יודעליך אבגעטוהן. איך האב דיר דאס געטוהן האט דער בעש״ט צום שיך גיזאגט . כדי זאלסט קיין שקרים און קיין שלעכטע גזרות נישט אויס־טראכטען אויף יודען. נאר אן עצה האב איך פאר דיר זאלסט ברענגען א כתב געשריבען פון מחמד אז ער איז זעהר ברוגז וואס די האסט דיך און זיינע רייד טועה גיוועזען דען ער האט דיר געזאגט מען זאל יודען צהרען און ליעב האבען און די האסט בטעות גיהייסען יודען ארויסטרייבען געגען זיין ווילען און איך וועל דיך צובלוטיגען אויף דיין פנים דאס וועסט די וויזען דעם צייכען אז דער מחמד האט דיך צובלוטיגט פאר דיין טעות אין זיינע הייליגע רייד. אז די וועסט אזוי טוהן וועל איך דיר געבען דאס צווייטע אויערינגעל וועסטו נאך פערדינען דאס געלד וואס מען האט דיר דאפיר מיט געגעבען אזוי זאלסטו טוהן וועסטו דיך און אויך די יודען מציל זיין פון דעם טויט. דער שיך האט נעביך געמוזט אלעס פאלגען און געטוהן אזוי ווי דער בעל שם טוב האט איהם געהייסען און דער בעש״ט מיט זיין חכמה האט די יודען מציל געוועזען פון זייער צרה זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן :

נאך א וואונדערליכע מעשה פון בעל שם טוב זצ״ל:

אמאהל איז געקומען צום בע״ש א חסיד פון ווארשא און איהם גיברענגט א פלעשעל ווייז און א פעסעלע הערינג גוטע . ער האט געוויסט אז דער בע״ש נעמט ניט קיין מתנות האט ער זיך מיישב געוועזען און איהם געזאגט אז ער ברענגט איהם בכורים. דער בע״ש האט גיזעהן אז דער יוד מיינט עס ערינסט האט ער עס ביי איהם צו גענימען. שבת ווען ער איז גיזעסען ביי דעם טיש האט ער געזאגט עס שטייט כל המשיא דורון לת״ח בין איך דען א תלמוד חכם נאך דעם האט ער געזאגט אז איך האב ניט געלערענט

גילערענט קען איך ניט זאָגען וואָרים איך האָב דאָך יא גילערענט נאָר וואָס זאָל איך טוהן די גמרא זאָגט עס שטייט און פסוק (למה זה מחיר ביד כסיל ולב אין) דאָס איז טייטש פאר וואָס האָט דער כסיל ביי זיך אין דער האנד סחורה און האָט ניט קיין הארץ דער צו דאָס מיינט מען דער וואָס לערענט תורה און איז מקיים. הייס איך דאָך פשוט אַ כסיל אַזוי ווי דער בע״ש האָט אַרויס געזאָגט די ווערטער האָבין די אַלע תלמודי חכמים וואָס זענען דאָרט גיזעסען אַראָב געלאָזט זייערע פנימער צו דער ערד און פיהל פון זיי האָבין געוויינט זיי האָבען ביי זיך געטראַכט אַז אַזא גאון וקדוש זאָגט אַזוי אויף זיך וואָס זאָלען מיר זאָגען, נאָך דעם טיש האָט איהם איינער פון זיינע מקורבים געזאָגט דער רבי האָט היינט צורודערט דעם טיש האָט איהם דער בע״ש גיענפערט זאָל איך זיין אַליגנער אַז איך האָב ביי איהם צו געניִמען די מתנה איז דאָך משמע אַז איך בין איהם מודה אַז איך בין אַ תלמוד חכם האָב איך געמוזט זאָגען דעם אמת אַז איך בין ניט קיין תלמוד חכם׃

ספר

נפלאות השם

דא ווערט דערציילט זייער וואונדערליכע מעשיות וואס עס האט זיך פאסירט ביי דיזע גאונים.

א וואונדערליכע מעשה וואס עס האט זיך געטראפען און אוסטרה בימי המרש"א ז"ל.

א וואונדערליכע מעשה פון רבין ר' בער זכרונו לברכה.

א וואונדערליכע מעשה פון ר' צדוק מלמד זצ"ל.

זייער וואונדערליכע מעשיות פון היילגען ר' ברוך מעזיבוזער.

א וואונדערליכע מעשה פון רבין ר' יצחק דראהביטשער.

א וואונדערליכע מעשה מהצדיק ר' דוד פורקים זצ"ל.

זייער וואונדערליכע מעשיות מהרב הקדוש מאפטא.

א וואונדערליכע מעשה מהצדיק ר' מענדילי רומינובער זצ"ל.

זייער וואונדערליכע מעשיות וואס דער רוזינער רבי ז"ל האט דערציילט.

זייער וואונדערליכע מעשיות פון היילגען גאון פון ווילנא.

זייער וואונדערליכע מעשיות פון ר' מאיר'ל פרומישלאנער.

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' אברהם כהנא נאלעווקא 39

ווארשא

שנת תרפ"ד לפ"ק

NIFLOOS HASZEJM

Wydanie księgarni

A. KAHAN Warszawa Nalewki № 39

konto czekowe P. K. O. 5723.

1924.

Wydanie Księgarni
A. KAHAN
Warszawa, Nalewki 39

Drukarnia G. PIMENT
Warszawa, Sierakowska 4.

נפלאות השם

אמעשה וואס ר׳ נחמן הארארענקער זצ״ל האט זי דערצעהלט.

עס איז געוועזן און א שטאדט א עושר א גרויסער בעל צדקה און ער האט געהאט זייער אגעטרייהען קנעכט ער האט איהם שטארק ליעב געהאט האט ער איהם פריי געלאזט און האט איהם געדינגען א שיף און האט איהם גיגעבען פיעל געלד און האט איהם געזאגט פאהר און מאך גוטע גישעפטען, דער קנעכט איז אויף גיזעסען אויף דער שיף און האט זיך דערווייטערט פון שטאדט האט זיך געמאכט א שטורם ווינד און האט פערטראגען די שיף אויף א וויסט אינזעל וואס קיין מענש געפינט זיך דארט ניט די גאנצע סחורה וואס ער האט מיט זיך געבראכט איז דערטרינקען געווארען און די אלע מענשען פון דער שיף זענען דער טרינקען געווארען און ער איז געבליבען בעירום ובחוסר כל און ער האט ניט געוויסט פון וואנען ער וועט לעבען ער איז אזוי געגאנגען און גיקלערט וואס ער זאל טוהן. ער איז צו געקומען צו א שטעזשקע און האט אהנגעזעהן אויף דעם זאמד טריט פון מענשען ער האט זיך זייער דערפרייט און איז אזוי געגאנגען מיט דעם וועג און ער האט דערזעהן פון דער ווייטענס א שטאדט ער האט זיך געלאזט אריין געהן און שטאדט אריין:

ווי ער איז געקומען לעבען דער שטאדט איז ער זייער דערשראקען געווארען די אלע שטאדט מענשען זענען אקייגען געגאנגען איהם און זענען צו איהם צו געגאנגען זיי האבען אויס געשריגען הערט אויס איהר זיצערס פון דעם לאנד איינער קיסר איז געקומען דאס איז אייער קיסר דער גאנצער עולם האט זיך געפרייט און האבען געשריגען יחי המלך יחי המלך דאס מוזיק האט געשפיעלט און מען האט איהם באלד גיבראכט קייסערליכע מלבושים און מען האט איהם אריין געפיהרט און קייזערליכען פאלאץ אריין און מען האט איהם אהנגעטוהן אקרוין אויף דעם קאפ דאס גאנצע פאלק האט געשווארען איהם צו דינען אזוי ווי קנעכט צו זייער קיסר:

דער

דער נייער קיסר דער פריער גיוועזענער קנעכט האט זיך ניט געגלייבט און דער גאנצער זאך ער האט גירעכינט אז עס איז נאר א חלום ער האט אבער גיזעהן אז די זאך איז אמת ער איז טאקי באמת קיסר און ער ווייסט ניט פון וואנען דאס איז איהם געקומען ער האט גירעכינט אז דאס איז א נסיון פון גאט :

די געדאנקען האבין איהם ניט געלאזט רוהין ער האט נאר גיקלעהרט און געוואלט וויסען פון וואנען איז דאס איהם געקומען. האט ער אריין גערופען איינעם פון זיינע געטרייע בעדינערס וואס איז ביי איהם גיזעסען און ער איז געוועזען זיין יועץ און האט איהם גיפרעגט. זאג מיר וואס האט איהר און מיר דערזעהן וואס איהר האט מיך געמאכט קיסר ? איך בעט דיך זאלסט מיר זאגען וויל אויסער דיר געפין איך ניט קיין מענש איך זאל איהם דאס פרעגען. האט איהם דער יועץ גיענטפערט די זאלסט וויסען אז ביי אינץ איז אמנהג אז אלע יאהר מאכין מיר א נייעם קיסר און דעם אלטען קיסר פערשיקען מיר אויף אוייסט אינזעל מען טהוט איהם אויס זיינע מלוכה מלבושים און מען טהוט איהם אהן שלעכטע געלאטעטע מלבושים און מען זעצט איהם אויף א שיף און מען פיהרט איהם אוועק אויף דעם וויסטען אינזעל און דער מלאך וואס איז דער שר פון אינזער מדינה (אזוי ווי עס איז ידיעה אז יעדער אומה האט א שר און הימעל) האט גיבעטען ביי גאט אז ער זאל אינז יעדעס יאהר צו שיקען א נייעם קיסר און גאט האט זיין תפלה גיהערט און איז אינז יעדער יאהר מזמין א נייעם קיסר און אזוי ווי מען פערשיקט דעם אלטען קיסר געהט מען אקיינגען דעם נייען קיסר און מען נעמט איהם אריין מיט כבוד אבער ער איז ניט מעהר קיסר ווי א יאהר נאך דעם יאהר טיט מען איהם דאס זעלבע האבען געשען איז ער גיוועזען א מלך גדול ונורא היינט האט ער שוין קיין עבד קיין אוהב ווער עס זאל איהם טרייסטען און ער לעבט זיך אב אויף דער אינזעל חיי צער אזוי איז דער מנהג פון דעם לאנד און מען קען איהם ניט משנה זיין :

האט דער קיסר גיפרעגט דעם יועץ זאג נאר מיר צו די מלאכים וואס זענען גיוועזען פאר מיר האבין געוויסט זייער סוף בשעת זיי האבין געקיניגט ? האט איהם דער יועץ גיענטפערט. זיי האבען אלע געוויסט וואס עס ווארט אויף זיי נאר ווען זיי האבען גיקיניגט האבען זיי גאר ניט גיקלעהרט וואס שפעטער וועט זיין און האבען ניט גיקלעהרט ווי אזוי זיך צו פערהיטען פון דעם שלעכטס וואס עס ווארט אויף זיי די פרייליכע טעג ווענען אוועק געגאנגען כהרף עין זענען באלד געקומען די שלעכטע טעג

מען

מען האט זיי פערשיקט אויף דעם אינזעל און האבען געליטען גרויסע יסורים און זיי האבען זיך גאר ניט געקענט העלפען. דער קייסר האט אהנגעהויבען צו ציטערין וויל עס איז פערביי געגאנגען מעהר פון א האלב יאר און ער האט זיך ניט אהנגעגרייט ווי אזוי ער זאל זיך קענען ראטעווען פון דער שלעכטער צייט. האט ער צו זיך געזאגט איך וועל ניט רוהן איך מוז זיך אהנגרייטען אויף שפעטער ווייל די צייט איז קורץ דאך קען איך זיך נאך בעזארגען. האט דער קייסר געזאגט צו זיין יועץ איך ווייס דאך צו די ביסט א קלוגער מענש און וויל די האסט מיר געזאגט וואס עס ווארט אויף מיר קענסטו מיר זאגען ווי אזוי איך זאל זיך פערהיטען פון דער שלעכטער צייט:

האט דער יועץ געזאגט צום קייסר גידענק גאר אז די ביסט געקומען אהער נאקעט אזוי וועט זיין דיין ארויס געהן נאקעט פון דאנען און די וועסט שוין אהער מעהר ניט צוריק קומען. נאר עס איז דא א עצה ווי אזוי זיך צו פערהיטען פון דעם שלעכטס וואס עס ווארט אויף דיר שיק אהין אויף דעם אינזעל ווי מען דארף דיך אוועק שיקען קלוגע מענשען גוטע ארבייטער און מען זאל דיר אויף בויהען אוצרות און מען זאל זיי אהנפילען מיט תבואה און מיט אלערליי מינים עסינווארג און יעדען זאך וואס איז פאר דיר וויכטיג די וועסט דיר היינט אהנגרייטען כל זמן די קענסט וועסטו האבען אויף שפעטער. נאר איל דיך צו ווייל די צייט איז קורץ נאר גידענק עס גוט זאלסט דיר יעצט אהנגרייטען ווייל דארט וועסטו גאר ניט האבען נאר וואס די וועסט דיר יעצט אהנגרייטען. דעם קייסר איז די עצה גיפעלען און ער האט אהין געשיקט ארבייטער מען זאל אויף בויען דירות אויף דעם אינזעל און מען זאל בעארבייטען די ערד און מען זאל זי פערפלאנצען און פערזייען כדי ער זאל דארט קענען זיין במנוחה עס זאל איהם גאר ניט פעהלען:

עס איז געקומען די צייט וואס דער קייסר האט בעדארפען פערלאזען זיין מלוכה און אוועק געפיהרט ווערען אויף דעם אונזעל ער האט זיך פון דעם גאר ניט געמאכט. אדרבה ער האט שוין געהאפט די מינוט און די רגע מען זאל איהם שוין פיהרען אויף זיין ארט עס איז איהם נמאס געווארען צו זיין און דער מלוכה שטאדט. עס האט זיך גיענדיגט דאס יאהר האט מען איהם אראב גיזעצט פון זיין מלוכה און מען האט איהם אויסגעטוהן די מלוכה קליידער און מען האט איהם אהנגעטוהן אלטע קליידער

און

און מען האָט איהם אַריין גיזעצט און אַ שיף און מען האָט איהם אַראָב גיזעצט פון טראָההאָנדאך איז ער געקומען אויף דעם אונזעל פריילּיך ווייל ער האָט געטראָפין אלעס אָהנגעגרייט אויף דעם בעסטען אופן און איז דאָרט גיזעסען במנוחה עס האָט איהם דאָרט גאָר ניט גיפעהלט :

יעצט מיין ליעבער לעהזער און דער מעשה איז פערוויקעלט אַמוסר השכל ווי אזוי א מענש זאָל זיך פיהרען כל זמן ער לעבט אויף דער וועלט דער עושר דער בעל צדקה דאָס מיינט מען הקדוש ברוך הוא . דעם קנעכט דאָס מיינט מען דאָס קינד ווען ער ליגט און דער מוטערס בויך דער שטורים ווינד דאָס איז בשעת דאס קינד ווערד געבאהרען ער געהט אויף דער וועלט די מענשין וואָס קומען אַקעגען דעם נייעם קיסר און פרייען זיך מיט איהם דאָס זענען די עלטערין פון קינד וואָס פרייען זיך מיט איהם קליינע הייט האָדיוועו איהם אויף . ער קיניגט נאָר אַ יאָהר דאָס איז ער לעבט אויף דער וועלט אַקליינע צייט . מען פרעשיקט איהם אויף אַוויסט אינזעל דאָס מיינט מען אויף יענער וועלט מען איז איהם דן פאַר זיינע שלעכטע מעשים דער יועץ וואָרינט איהם אַז ער זאָל זיך אָהנגרייטען כל הצטרדוות ער זאָל האָבען אויף דעם אונזעל דאָס מיינט מען ער זאָל זיך אָהנגרייטען מצות ומעשים טובים אויף דער וועלט כדי ער זאָל דערפין געניסען אויף יענער וועלט . ער האָט אַהין געשיקט קליגע אַרבייטער זיי זאָלען פערפלאַנצען און פערזייען דאָס הייסט די מצות ומעשים טובים וואָס זיי גרייטען איהם צו אַ גוט אָרט לעתיד לבא . די מלאכים וואָס האָבען געקיניגט פאַר איהם האָבין ניט געטראַכט וואָס שפעטער וועט מיט זיי זיין דאָס מיינט מען די מענשין וואָס לאָזען זיך וואָהל געהן אויף דער וועלט און קלערען גאָר ניט וואָס זייער סוף וועט זיין . און זיי קומען אויף יענער וועלט מיט ליידיגע העגד ליידען זיי דאָרט געניג . מיר זאָלען זוכה זיין אַז מיר זאָלין ניט זיין בעזאַמען מיט זיי . נאָר בעזאַמען מיט די צדיקים אין גן עדן :

אַ ווינדערליכע מעשה וואס עס האט זיך געטראָפען און אוסטרה בימי המרש״א ז״ל .

און אוסטרה האָבען געוואָהנט צוויי שותפים זיי האָבען געהאַנדילט מיט גראָבע פויערשע לייווינט זיי האָבען זיך שטאַרק ליעב געהאַט . אַמאָהל

האבען זיי גיהערט אז און א דארף ניט ווייט פון אוסטרה האט א דוכסה צו פערקויפען טויזענד שטיקליך לייווינד . און מען וועט זיי קענען קויפען במקח השוה . ווייל די לייווינד איז ניט געוועזען איהר אייגענע נאר זי האט זיי גענומען ירושה פון איהרע עלטערין און זי ווייסט ניט ווי פיעל זי איז ווערד. האט א שותף געזאגט צום צווייטען מיר וואלט געפעלען אז מיר זאלען ארויס פאהרען צו דער דוכסה און מיר זאלען ביי איהר קויפען די לייווינד. די צוויי שותפים זענען ארויס געפאהרען צו דער דוכסה און זיי האבען זיך געמאלדען ביי דעם זאנצע אז זיי ווילען קויפען די לייווינד . און ווייל די דוכסה איז געוועזען פון א ווייטע מדינה ווי עס געפינען זיך ניט קיין יודען . איז ביי איהר דער נאמען יוד געוועזען פרעמד האט זי ניט געוואלט אריין לאזען קיין יוד אין שטיב אריין נאר ווייל זי האט אבער בעדארפען געלד האט זי זיי ארויס בעפוילען מיט איהר זאנצע א פרייז אויף דער לייווינט . ווי מען האט זיך שוין אויסגיגלייכט מיט דעם מקח האבען די יודען געגעבען דאס געלד דעם זאנצע אין ער האט עס אריין געטראגען דער פריצה. בשעת דער זאנצע האט איהר געציילט דאס געלד האט זי איהם גיפרעגט אויף די יודען וואס זיי זענען ווייל איהרע עלטערין האבען איהר דערציילט אז די יודען זענען גנבים ראבערס האט זי איהם גיפרעגט צו די סוחרים זענען אויך גלייך ווי אלע יודען . דער זאנצע האט איהר געזאגט דיינע עלטערין האבין דיר פאר געזאגט א ליגענט די יודען זענען גלייך מיט אלע מענשין . זיי זענען ארענטליכע מענשין זיי זענענען נאר אנדערש פון אלע אומות וואס זיי זענען און גלות . ווי די דוכסה האט גיהערט דעם זאנצעס רייד איז זי ארויס געגאנגען פאר דער טיר זעהן די יודען. איינער פון די שותפים איז געוועזען זייער א שעהנער ווי די דוכסה האט איהם דערזעהן האט זי זיך שטארק פערוואונדערט אויף זיין שעהנקייט זי האט איהם געשיקט אריין רופען און האט מיט איהם גערעדט ער האט גיקענט גוט רעדען פויליש זי איז זייער צופרידען געוועזען פון איהם זי האט שטארק חשק בעקומען צו איהם ביז זי איז שלאף געווארען מאר תאוה די שותפים האבען זיך פערזאמט עטליכע טעג און הויף ביז זיי האבען אב געמאסטען די לייווינט און זיי האבען געדינגען פיהרען א היים צו פיהרען די סחורה :

דער האבען אהנגעהויבען אויף צו לייגען די לייווינד האבען זיי געזעהן אז זיי וועלען ניט קענען פערנעמען די גאנצע סחורה איז איינער שותף אריין געפאהרען און שטאדט אריין דינגען נאך עטליכע פיהרען און דער שותף דער שעהנער איז געבליבען און הויף אויף לייגען די סחורה אויף די פיהרען וואס זיי האבען געדינגען

געדינגען אין דארף. ווי די דוכסה האט געהערט אז דער צווייטער שותף איז
אוועק גן עהרען אין דער שעהנער שותף איז געבליבען אין דארף זי האט
ביינאכט נאך איהם געשיקט און זי האט איהם מגלה געוועזען איהר גאנץ
הארץ אז זי גלוסט צו איהם . ער האט אבער ניט געוואלט זי האט איהם
אבער שטארק מפציר געוועזען און זי האט איהם צוריק געגעבען דאס גאנצע
געלד וואס זי האט ביי איהם גענומען פאר דער לייוונט אלץ ער זאל איהר
נאך געבען איהר תאוה דער יצר הרע האט זיך אויף איהם געשטארקט און
די תאוה פין געלד און ער האט איהר צוליעב געטוהן און ער האט ביי איהר
צוריק גענומען דאס גאנצע געלד פין דער לייוונט עס איז טאג געוואָרען
און ער זיך געגאנגען צוריק צו זיין ארבייט דערווייל איז דער צווייטער
שותף אהנגעקומען מיט די פיהרען און זיי האבין אויף געלאדען די סחורה
און זאגען זיך אהיים געפאהרען פרייליך ווייל זיי האבין די סחורה
ניט געקויפט :

אויף דעם וועג האט זיך דער שותף דער מאנט וואס ער האט געטוהן און
ער האט חרטה געהאט און איז געזעסען אויף דער פיהר זייער טרויעריג
און ער האט שטארק געזיפצט . האט איהם דער שותף געפרעגט וואס ביסטו
אזוי טרויעריג מיר האבען דאך געקויפט די סחורה באך וועלוולער ווי מיר
האבין גירעכענט ער האט איהם געזאגט א-תריץ פאר . וואס ער זופצט ווי
דער שותף האט אבער גיזעהן אז ער האלט אין איין זופצען האט דער
שותף איהם געבעטען ער זאל איהם אויס זאגען פאר וואס ער זיפצט ער
האט איהם שטארק מפציר געוועזען ביז ער האט איהם אויס געזאגט וואס ער
האט געטוהן מיט דער דוכסה און אז זי האט איהם צוריק געגעבן דאס
געלד פון דער לייוונט און ער האט איהם געוויזען דאס געלד. און יעצט
האט ער חרטה אויף דער עבירה . דער שותף האט געלאכט פין איהם
און האט געזאגט אז מיט אזא סומע געלד קענסט דיא טוהן צדקה
און נאך פיעל מצות וואס וועט דיר מכפר זיין די עבירה . ער האט אבער
ניט געוואלט זיך טרייסטען און ער האט שטארק געוויינט ווי דער שותף
האט געזעהן אז ער לאזט זיך ניט טרייסטען האט ער איהם געזאגט איך
קויף ביי דיר אב די עבירה וואס וועסטו מיר געבען ? ווי ער האט דאס
דערהערט האט ער איהם ניט געלאזט לאנג ריידען און ער האט איהם געזאגט
איך גיב דיר אוועק דאס געלד וואס איך האב גענומען ביי דער דוכסה
און איך גיב דיר נאך צו א פערטיל סחורה . האט איהם דער שותף געזאגט
מיר זענען שותפים מיט דער סחורה זאלען מיר זיין שותפים מיט דער

עבירה

עבירה און מיר וועלען זיך טהיילען מיט דעם געלד ער איז אויף דעם ביט בעשטאנען ער האט צו איהם געזאגט אויב די ווילסט דער האלט די די גאנצע סחורה און קאסטען פריין חאטשי עס איז דא און דער סחורה פיעל רווח און איך וועל דיר אוועק געבען דאס גאנצע געלד וואס איך האב ביי איהר געניממען נאר די העלפט געלד וויפיעל איך האב ארריין געלייגט זאלסטו מיר צוריק געבען דעם שותף איז דער פלאן געפעלען ווייל די תאוה פון געלד האט זיך ביי איהם געשטארקט און ער האט ביי איהם אב געקויפט די עבירה און זיי האבען געמאכט א תקיעת כף און זיי האבען מקבל קנין געוועזען זיי זענען א היים געקוממען קיין אוסטריה האט דער שותף אליין פערקויפט די סחורה און ער האט אסך געלד פערדיענט און ער איז געווארען א גרויסער עושר. און א צייט ארום איז דער שותף וואס האט געקויפט די עבירה געשטארבין ווי ער איז געקוממען פאר דעם בית דין של מעלה אב געבען דין וחשבון פאר זיינע עבירות וואס ער האט געטוהן אויף דער וועלט ווי מען האט איהם אויסגירעכינט די עבירות האט מען איהם אויס גירעכענט אז ער האט געזינדיגט מיט א ערלות ער האט געזאגט אז עס איז ניט אמת האט מען איהם געזאגט די האסט אבגעקויפט די עבירה פון דיין שותף האט ער געשטנהט איך האב די עבירה ניט געטוהן איך האב בלויז געניממען געלד פאר וואס זאל מען מיך שטראפען עס האט איהם אבער גאר ניט געהאלפען נאך פיעל טענות האט מען איהם געגעבען רשות ער זאל רופען לדין דעם שותף. דער מת איז געקוממען צו חלום זיין שותף און ער האט איהם מזמין געוועזען לדין פאר דעם בית דין של מעלה דער מענש האט זיך זייער דערשראקען און ער האט ניט געוויסט וואס צו ענטפערין דער מת האט אבער ניט גערוהט ער איז יעדער נאכט געקוממען צו איהם צו חלום און ער האט איהם מזמין געוועזען לדין ביז דער מענש איז שלאף געווארען. דאמאלסט איז און אוסטרה געוועזען רב דער מהרש״א דער מענש האט גיבעטען די קינדער זיי זאלען איהם טראגען מיט דעם בעט צום מהרש״א ער האט דערציילט דעם מהרש״א די גאנצע מעשה און האט איהם געבעטען אז ער זאל איהם געבען א עצה וואס ער זאל טוהן:

האט איהם דער מהרש״א גיענטפערט זאלסט גאר ניט קיין מורא האבען גנה אהיים אויב ער וועט נאך אמאהל צו דיר קוממען זאלסטו די איהם זאגען פיר מיינט וועגען אז די תורה איז ניט און הימעל אויב ער וויל מיט דיר האבען א דין תורה זאל ער מיט דיר קוממען צו מיר און אויב ער וועט ניט וועלען זאג איהם אז איך וועל איהם מחרים זיין דער

מענש

מענש האט אזוי געטוהן ווי דער מת איז צי איהם געקומען האט ער איהם געזאגט דעם מהרש"א'ס רייד דער מת איז פין איהם אוועק געגאנגען נאך דעם איז ער צי איהם נאך אמאהל געקומען אין האט צי איהם געזאגט קום מיט מיר לדין צי דעם מהרש"א האט ער איהם גיענטפערט ווארט ביז איך וועל געזינד ווערען וועל איך מיך מיט דיר לאדען אין ער האט איהם מגביל געווען אצייט אין א חודש ארום וועט ער מיט איהם געהן לדין צום מהרש"א אין דער מת איז פין איהם אוועק געגאנגען:

עס איז פאר ביי געגאנגען דער חודש אין דער מענש איז געזינד געווארען איז ער אריבער געגאנגען צים מהרש"א אין האט איהם דערציילט אז דער מת בעט זיך צי האבין פאר איהם א דין תורה האט דער מהרש"א געהייסען די שמשים זיי זאלען צו זאמען רופען אלע מענשען פין שטאדט כדי זיי זאלען זיך ארויס נעמען א מוסר אין ער האט מייחד געווען א ארט ווי מען זאל פסקנין די דין תורה אין בעזונדער האט ער מייחד געווען א ארט פאר דער מת וועגען ער זאל זיך שטעהן בעזונדער ער זאל קיינעם ניט מזוק זיין אין ער האט געשיקט דעם שמש ער זאל געהן אויף דעם בית החיים אין זאל צי געהן צו דעם קבר פין דעם מת אין ער זאל איהם זאגען אז עס איז שוין געקומען דער טאג וואס מען האט אב געשטעלט צי האבין די דין תורה דער לעבעדיגער שותף אין דאס גאנצע קהל האבען זיך איינגעזאמעלט צי די דין תורה:

דער לעבעדיגער האט געטענהט נאך דעם ווי איך האב געטוהן די עבירה האב איך חרטה געהאט אין האב שטארק געוויינט ווען די זאלסט ניט געוועזען קופען ביי מיר די עבירה וואלט איך געוועזען תשובה געטוהן איך וואלט געוועזען אריבער געגאנגען צים רב אין ער וואלט מיר געוועזען ארויס געגעבן א תשובה אבער אז די האסט ביי מיר געקויפט די עבירה האב איך שוין ניט געטוהן קיין תשובה וואס ווילסטו יעצט פין מיר די האסט דאך געקויפט די עבירה בקנין גמור מיט א תקיעת כף. נאך דעם האט זיך דערהערט דאס קול פין מת. אמת איך האב זיך בנארישט וואס איך האב ביי דיר געקויפט די עבירה נאר איך האב עס נאר געטוהן כדי איך זאל דיך בערוהיגען אבער איך האב געהאט בדעה איך זאל דיר צוריק געבען דאס געלד אבער איך האב ניט געקויפט מיט מיין גוטען ווילען די עבירה צ"כ בין איך דיר נאר שולדיג געלד אבער ניט איך זאל ליידען פאר אזא עבירה וואס איך האב זי ניט געטוהן די האסט געטוהן די עבירה אין מיך זאל מען שמייסען. דעם מת האט קיינער ניט געזעהן נאר דער מהרש"א

מיט

מיט זיין בית דין אין דאס קהל האבין איהם נאר גיהערט ריידען אין דער מת האט אהנגעהויבען צו וויינען אין האט געזאגט וועה איז צו דעם מענש וואס בשעת ער לעבט דאכט זיך איהם אז אויף דעם עולם האמת וועט איהם גאהר ניט זיין אין קלעהרט גאר ניט צו טוהן תשובה ער וויסט ניט אז זיין סוף וועט ניט גיט זיין:

דער מהרש״א האט אויס גיהערט די טענות אין ער האט גפסקנט אז דער לעבעדיגער איז גירעכט וויל ווען ער זאל ניט געוועזען קויפען די עבירה וואלט ער געוועזען געטוהן תשובה ע״כ בלייבט דער מקח אין שוטה בלייבט שוטה ניט גענוג וואס ער האט ניט אבגעגעבען א שבח צו השי״ת וואס ער האט איהם מציל געוועזען פון א עבירה האט ער נאך צו געקויפט די עבירה פון אצווייטען. ווי דער מת האט גיהערט דעם פסק האט ער אהנגעהויבען צו וויינען אין ער האט געזאגט איך האב געהאפט אז איך וועל געווינען די דין תורה וויל ער לעבט דאך נאך אין ער האט נאך א ברירה תשובה צו טוהן אבער איך וואס זאל טוהן מען לאזט מיך שוין דא ניט שטעהן מען זאגט מיר דיין פסק איז שוין גפסקנט. האט דער מהרש״א צו איהם געזאגט איך האב אבגפסקנט איז שוין פער פאלען דער לעבעדיגער איז גירעכט איך וועל זעהן דיר צו געבען א תקון פאר דיין נשמה וועגען מען זאל דיר גרינגער מאכין דיין עונש אין איך וועל ארויס געבען א תשובה דעם לעבענדיגען שותף כדי דיין עונש זאל זיין גרינגער. אזוי ווי דער מהרש״א האט געענדיגט זיינע רייד האט מען גיהערט א גרויס געוויין אין אויף דעם ארט ווי דער מת איז געשטאנען איז געווארען א גרויסער רויך אין ער איז באלד פון זיי נעלם געווארען השי״ת זאל אונז העלפען מיר זאלען זוכה זיין תשובה צו טוהן מיר זאלען קומען אויף דעם עולם האמת ריין אהן זינד

א וואונדערליכע מעשה פון רבין ר׳ בער זכרוני לברכה:

צום הייליגען רבי׳ן ר׳ בער איז א מאהל גיקימען א בחור אויף ראש השנה אין איז אויך גיוועזין איבער אלע ימים טובים ווען עהר איז אריין גיקימען נאך סוכות זיך גיזעגין האט עהר זיך בעקלאגט פארין רבי׳ן אז

מי

ער איז שוין א עלטירער בחור גאר ווייל עהר איז ארים ר"ל קאן ער נישט קימען צו קיין שידוך. האט איהם דער רבי גיזאגט עהר זאל אהיים פארין לשלום אין השי"ת וועט עהם צי שיקען א גיטען שידוך. נאר דער ערשטער שידוך וואס מען וועט איהם אהנשלאגען זאל ער טוהן. דער בחור איז אהיים גיגאנגין צי פיס דען ער האט נישט גיהאט אויף צי דינגין קיין פיהר. איז ער ביי נאכט גיקימין אין א דארף איז ארייון גיגאנגען אין א יודישע קרעטשמי נעכטיגן אין ווייל עהר איז גיגאנגין לייכט אהנגיטוהן איז עהם קאלט גיוועזין איז עהר צי גיגאנגין צום אויבין זיך אהנווארימען אין דארט אין דער קרעטשמי איז גיזעסין א חברה בעל עגלות אין האבין גיטרינקין. אין ווי דער שטייגער זייער איז שטענדיג צו מאכין ליצנות אין זיי האבין גיזעהן אין זיינע מלבושים אז ער איז נישט קיין סוחר. האט זיך זיי פערגליסט מיט עהם צו מאכין א שפאס. אין זיי פרעגין איהם פין וואנין ער איז האט ער זיי גיזאגט פון וועלכער שטאט. האבין זיי איהם גיפרעגט פין וואנין ער גייט האט ער זיי גיזאגט פין מעזריטש. האבין זיי איהם ווידער גיפרעגט וואס ער האט גיטוהן אין מעזריטש האט ער זיי גיזאגט אז ער איז גיוועזין ביים רבין. האבין זיי איהם ווידער גיפרעגט וואס פאר א בקשה ער האט גיהאט. האט ער זיי געזאגט אז השי"ת זאל עם צי שיקען א גיטען שידוך האבין זיי גיפרעגט וואס דער רבי האט דערויף גיענטפערט. האט ער זיי געזאגט אז דער רבי האט עהם אהנגעווינשען אז השי"ת זאל עהם צושיקען א גוטען שידוך נאר ער האט עהם אהנגיזאגט אז דעם ערשטען שידוך וואס מען וועט איהם אהנשלאגען זאל ער תיכף טוהן. אין דא האבען זיי אמת'דיג גיפונען א ארט ווי פון עהם ליצנות צו מאכין. האט איינער פון זיי געזאגט גוט דא איז דא פאר אייערט וועגען א גוטער שידוך. מיין שוועסטער איז איינג מיידיל און א גרושה זי האט היגורערט רו"כ קענט איהר זי זעהן און אויב זי וועט אייך גיפעלען וועלין מיר שרייבין תנאים איז ער בעשטאנען דען ער האט גימיינט אז עס איז טאקי אזוי ווי ער האט עהם גיזאגט. איז דער ליק ארויין גיגאנגען צום קרעטשמער און שטיב און האט ארויס גירופען זיינס א מיידיל און האט איהר דערציילט אז עס איז דא גיקומען איינער און דער קרעטשמי און ער האט פון קודם גימאכט א שפאס און ער מיינט אז עס איז אמת אזוי ווי ער זאגט דריבער זאל זי ארויין גיין וועלין זיי אויף שפאס שרייבין תנאים און קויפען בראנפען זי גיוועהנליך די מיידליך פון די רעסטאראציעס האבען אויף ליבע א שפאס צו מאכין איז זי מיט עהם ארייון גיגאנגען און איהר פאטער איז פונקט די

נאַכט גיוועזען אין שטאָדט . ווי זי איז אַריין גיקומען האָט ער זי גיפרעגט אַז זי איז אַ גרושה פאַר וואָס גייט זי און די האָר האָט זי גיזאָגט ווייל דער ערשטער מאַן איז נישט גיוועזען קיין פרימער האָט ער זי נישט גילאָזט אָב שערין די האָר און נאָך אַזעלכי זאַכען האָט זי מיט איהם נישט גיוואָלט וואָהנען און האָט זיך גיגט און אַז השי"ת וועט איהר העלפען דאָס זי וועט קריגען אַ ערליכען מאַן וועט זי זיך אָב שערין די האָר . איז דאָס עהם זייער גיפעלען . און דער לץ האָט געזאָגט דאָס אויב זי איז איהם גיפעלען קאָן מען תיכף שרייבען תנאים דער בחור האָט אַליין אָב געשריבען די די תנאים און דער לץ האָט גיגעבען בראָנפען . דערנאָך רופט זיך אָהן אַ צווייטער לץ אַזוי ווי איך זעה איז דער יונגער מאַן אַ פעהיגער מענש וואָס דאַרפין מיר לאַנג ווארטען מען מעג טאַקי באַלד חתונה מאַכין נאָר ווער וועט מסדר קידושין זיין און ווער וועט שרייבען די כתובה האָט דער בחור גיזאָגט דאָס עהר קאָן אַליין מסדר קידושין זיין און אויך שרייבין די כתובה . האָבען זיי זיך שוין נישט גיקענט איינהאַלטען פון גילעכטיר. נאָר עס האָבין זיי גיזאָגט דאָס זיי פרייען זיך וואָס זי האָט גיקריגון אַזוי אַ פיינעם מאַן וואָס ער קאָן אַלעס. האָט מען גינימין אַ טלית אין מען האָט גימאַכט אַ חופה אין דער בחור האָט אַליין אָב גישריבין די כתובה אין האָט זי מקדש גיוועזין כדת משה וישראל. אין נאָך דער חופה האָבין זיי איהם אָהן גיהויבין צו שלעפין אייגער פון דער זייט און דער צווייטער פון דער אַנדערער זייט אין האָבין עם אָהנגיהויבין צו שלאָגין האָט ער גיזעהן אַז ער וועט דאָ נישט קענין בעכטיגען איז ער אַרויס גילאָפין פין דער קרעטשמי אין איז אַריין גיגאַנגין צו איין גוי ער זאָל דאָרט איבער נעכטיגען אין דער פריזה ווי ער האָט זיך אויפגיהויבין איז ער צו גיגאַנגין צו דער קרעטשמי נאָר ער האָט מורא גיהאָט אַריין צו גיין מען זאָל איהם נישט שלאָגין אַזוי ווי נעכטין. דער וויל האָט ער גיהערט אַז דער משרת האָט גיזאָגט צו דעם מיידיל וואָס ער האָט זי נעכטין מקדש געוועזען דאַכט זיך אַז דער בעל הבית פאָהרט איז זי אַרויס גיגאַנגין אין דער יונגערמאַן איז אקיגין גיגאַנגין דער פיהר אין איז צו גיגאַנגין צום קרעטשמער אין האָט עם גיזאָגט שלום עליכם שווער. פרעגט דער קרעטשמער זיין טאָכטער ווער איז דאָס דער משוגענער האָט זי גיזאָגט פרעג נישט טאַטישע וואָס מיר האָבין זיך דאָ נעכטין ביי נאַכט אָהן גילאכט מיר האָבין גימאכט א חופה אויף שפאס פרעגט זי דער פאָטער ווי אזוי די מעשה איז געוועזין האָט זי גיזאָגט דאָס די בעלי עגלות האָבין זי ארײַן געריפען אין זי איז מיט

עָהם

זָם א רינטער גיגאנגין אינטער א חופה אין ער האט זי מקדש גַעוועזין; האט דער קרעטשמער גיזאגט צום יונגענמאן נאר ווי פאלסטו אויס מקדש צו זיין אזוי א יונג מיידיל. זיי האבין דאך אויס דיר נאר ליצנות גימאכט אין האט עהם גיגעבין א פאטש. דער נאך האט ער זיך מיישב גיוועזין וואס וועט ווערין דערפון אויב ער וועט עהם אוועק יאגין וועט דאך זיין טאכטער בלייבין א אייביגע עגונה. האט ער עם איבער גיבעטין אין נעהם אריין גירופין אין שטיב אריין אין גיגעבין צו עסין. דער נאך האט ער עהם גיבעטין ער זאל זיין טאכטער געבין א גט און ער וועט עהם געבין צוואנציג רו״כ . האט דער יונגער מאן גיזאגט איך וועל אייך זאגין דעם גאנצין אמת איך בין גיוועזין אין מעזריטש ביים רבין האט ער מיר גיזאגט אז דעם ערשטין שידוך וואס מען וועט מיר אהנשלאגין זאל איך טוהן. האב איך אזוי גיטוהן עס איז מיר נישט איינגיפאלען אז זיי מאכין פון מיר ליצנות און אויב איהר ווילט אז איך זאל זי גטין מוזט איהר מיט מיר פאהרין קיין מעזריטש אין וואס דער רבי וועט הייסין וועל איך אזוי טוהן:

ווי דער קרעטשמער האט גיהערט אז ער פאהרט צום הייליגען רבי ר׳ בער האט ער זייער מורא גיהאט וואס ער האט עהם א פאטש גיגעבין. אין איז מיט עהם תיכף גיפאהרין צום רבי׳ן ר׳ בער קיין מעזריטש. דער קרעטשמער איז אריין גיגאנגין צום רבי׳ן אין האט דערציילט אזוי ווי איך בין נישט גיוועזין אין דער היים אין דער ארימאן איז אריין גיקומען צו מיר אין קרעטשמי אריין איז דארט גיוועזין בעלי עגלות ליצנים אין האבין עהם אהן גירעד אז מיין מיידיל איז ווייערס א שוועסטער אין זיי ווילען זיך מיט עהם משדך זיין. האט ער זיי גיהארכט אין האט מקדש גיוועזין מיין טאכטער אין זי איז נאך גאר א יונג מיידיל . יעצט וויל איך אז ער זאל זי גטין אין איך וועל עהם געבין הינדערט רו״כ. האט דער רבי עום גיהייסען גיין אויף דער סטאנציע. און איך וועל שיקען נאך דעם יונגערמאן און וועל מיט עהם ריידען וועגען דעם. דער קרעטשמער איז זיך גיגאנגען אויף א סטאנציע און דער רבי האט אריין גישיקט רופען דעם יונגענמאן . איז ער אריינגעקומען, האט עהם דער רבי גיפרעגט אויב ער וויל געלד ער זאל זי גטין . האט ער גיזאגט זי גיפעלט מיר גאנץ גוט נאך יואס זאל איך זי גטין. האט דער רבי גישיקט נאך דעם קרעטשמער אין האט עהם גיזאגט איך האב מיט עהם גירעדט וועגען א גט אבער די זאלסט עהם געבען טויזינט רו״כ . און איך וועל דיר באלד אהנ־שלאגען א שידוך וואס דער חתן פערמאגט טויזינד רו״כ און זייער א פיינער

יונגער

יונגער מאַן וועט איהר קיין היזק נישט האָבען. האָט דער קרעטשמער געזאָגט אַז ער וועט אַלעס האָרכען וואָס דער רבי וועט איהם הייסען. האָט דער רבי איהם געזאָגט איהר זאָלט וויסען אַז דער יונגערמאַן איז פון אַ שיינע פאַמיליע און אויך זייער אַ פעהיגער און אַלע איינזיכטען נאָר זיין פעהלער איז געוועזען וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין געלד. יעצט האָט ער דאָך שוין טויזענד רו"כ פעהלט איהם שוין גאָר נישט. און מיר דאַכט זיך אַז איהר וועט גאָר נישט קריגען אזוי אַ שידוך פאַר אייער טאָכטער וואַרבען. און איך זאָג אייך אַז ער איז אייער זיווג דריבער פאָהרט אהיים און מאַכט אַ סעודה מיט שבע ברכות. און מיט השי"ת הילף וועט איהר אַלע זיין צופרידען פון דעם שידוך. זענען זיי אהיים געפאָהרען און האָבען געטוהן ווי דער רבי האָט זיי געהייסען און זיי האָבען געפיהרט א גוט לעבען און א ערליך:

אַ וואונדערליכע מעשה פון ר' צדוק מלמד זצ"ל:

דער רבי ר' ישראל קאָלישער האָט דער ציילט אז אין א דאָרף לעבין קאָליש. איז געוועזין אַ קרעטשמער אַ פראָסטער מענטש נאָר ער האָט שטאַרק דרך ארץ געהאַט פאַר אַ תלמוד חכם. ביי איהם איז געוועזין אַ מלמד אַ באַהאַלטינער צדיק מיט דעם נאָמין ר' צדוק. איינמאָהל ווען עס איז געוועזין די וואַהלין אין אונגאַרין אויף אַ קיסר. איז אַ דורך געפאָהרין דורך דעם דאָרף אַ פריץ און ווייל עס האָט זיך געמאַכט אַ שטאַרקער רעגין איז ער צו געפאָהרין צו דער קרעטשמי און איז דאָרט אַריין געגאַנגין איבער צו וואַרטין דעם רעגין. און ווי דער מלמד ר' צדוק האָט איהם דער זעהן האָט ער געזאָגט צו דעם קרעטשמער איך וועל אייך עפּיס זאָגין אויב איך זאָלט וויסען אַז איהר וועט מיך פאָלגין האָט ער איהם צו געזאָגט אַז ער וועט איהם פאָלגין האָט דער מלמד ר' צדוק געזאָגט איהר זאָלט דעם פריץ געבין אַלעס וואָס ער וועט פערלאַנגען. און אַז ער וועט אַוועק פאָהרין זאָל איהר ביי איהם גאָר נישט נעמין קיין געלד און ווייל עס איז דעמאָלט געוועזין אַ פאָהר וואָכין שטאַרקי רעגינס איז דער פריץ דאָרט איין געשטאַנען אַ פאָר וואָכין. און דער קרעטשמער האָט איהם זייער אָרינטליך בעהאַנדילט

און דער פריץ איז געוועזין שטאַרק צו פרידין:

אין

און ווי די רעגינס האבען זיך גישטעלט איז דער פריץ צו גיקומען צום קרעטשמער און איהם גיפרעגט וויפיעל עס קומט איהם פאר דער גאנצער צייט זאל ער איהם געבען א רעכנוניג און אז ער וועט צוריק א היים פארין פון די וואהלען וועט ער איהם דאס געלד אב שיקען מיט פראצענט. דען ער האט זיך נישט גירעכט אזוי פיעל הוצאה און האט מיט גינומען ווינציג געלד. האט איהם דער קרעטשמער גיזאגט עס קומט מיר פון אייך גאר נישט. דען איך האב אייך אלעס גיגעגעבען אלעס גישאנק. האט איהם דער פריץ גיפרעגט ווי אזוי ער הייסט און ווי אזוי מען רופט דאס דארף. האט ער איהם גיזאגט. און ער האט זיך אלעס פערשריבען און האט זיך מיט זיי פריינדליך אב גיזעגינט און איז אוועק גיפארען קיין בודאפעסט ווי די וואהלען זענען פארגעקומען. און דער פריץ איז אויס גיקליבען גיווארען פאר א קיסר:

און א האלב יאהר ארום. איז אהן געקומען צום קרעטשמער א בעפעהל ער זאל קומען קיין בודאפעסט און זיך שטעלין פארין קיסר. דער קרעטשמער האט זיך זייער דערשראקען נאר וואס האט ער גיקענט טוהן ער האט גענומען דעם בעפעהל און איז גיפאהרען צום קיסר קיין בודאפעסט. ווי ער איז גיקומען צום קיסר האט ער איהם גיפרעגט די קענסט מיך האט ער גיזאגט ניין. האט ער איהם גיפרעגט די ביסט פו דעם דארף לעבען קאליש האט ער גיזאגט יא. און ווי אזוי הייסטו האט ער איהם גיזאגט. האט דער קיסר איהם ווייטער גיפרעגט די גידענקסט אז מיט א האלב יאהר צוריק איז א דורך גיפארין א פריץ און איז ביי דיר איין גישטאנען און קרעטשמי און די האסט איהם אלעס גיגעבען אומזוסט זאגט ער יא. פרעגט איהם דער קיסר פאר וואס האסטו קיין געלד נישט גיוואלט נעמין ביי דעם פריץ. האט דער קרעטשמער גיזאגט דער מלמד וואס איז ביי מיר גיוועזען האט מיך אזוי גיהייסען. האט איהם דער קיסר גיפרעגט ווי אזוי הייסט דער מלמד האט ער איהם גיזאגט. און ווי וואהנט ער? האט ער איהם אויך גיזאגט און דער קיסר האט דאס אלעס פערשריבען. דער נאך האט דער קיסר גיזאגט צום קרעטשמער די זאלסט וויסען אז איך בין דער פריץ וואס די האסט איהם אלעס גיגעבען און יעצט ביט דיר אויס וואס די ווילסט וועל איך דיר געבען. האט ער גיזאגט איך וויל איך זאל וואהנען און דער קרעטשמע אין זאל נישט דארפען צאהלען מיין גאנץ לעבין האט איהם דער קיסר צו גיזאגט און ער איז אהיים גיפאהרען:

דער נאך איז אהן גיקומען א בריף צום מלמד ר׳ צדוק אז ער זאל זיך שטעלין פארין קיסר קיין בודאפעסט. דער מלמד איז גיוועזין א ארימא

אין

אין האָט נישט גיהאַט אויף דער הוצאה האָט ער גימוזט גיין צו פיס פון שטאָדט צו שטאָדט אין פין דאָרף צו דאָרף ביז ער וועט קומען קיין בודאַפּעסט אין מיטען וועג איז ער גיקומען אין אַ קרעטשמי אריין האָט ער גיזעהן אַז זייַ זאָגין שטאַרק פער דאָרבין אין איין נקבה איז גיוועזין וואָס זי האָט אָהנגיפיהרט די אַלע שענדליכע טהאַטען.

אין ווי ר׳ צדוק האָט דאָס גיזעהן האָט ער אָהנגיהויבין צו שרייען וואָס טוהט איהר עס איז דאָך דאָ אַ בורא עולם וואָס וועט אייך שטראָפין פאַר אייערי שלעכטי טהאַטין אָבער זיי האָבין פין איהם גילאַכט אין האָבין איהם גישלאָגין מערדעריש אין אַרויס גיוואָרפין אָבער ער איז נאָך אַמאָהל אַריין גיגאַנגין אין האָט גישריגען גיוואַלט מען טאָר דאָך אַזוי נישט טוהן אין זיי האָבין איהם ווייטער גישלאָגין אין אַרויס גיוואָרפין אין אַזוי איז גיוועזין עטליכע מאָהל. אין ווי ער האָט זיזעהן אַז ער קען מיט זיי גאָר נישט מאַכין האָט ער זיך גימוזט לאָזין גיין ווייטער ביז ער איז געקומען קיין בודאפעסט צום קיסר האָט איהם דער קיסר גיפרעגט די בּיסט צדוק פון דער שטאָדט האָט ער גיזאגט יאָה אין די בּיסט גיוועזין אַ מאָהל מלמד אין דעם דאָרף האָט ער אויך גיענטפערט יאָ. די גידענקסט אַז עס איז אַ דורך גיפאָרין אַ פריץ האָסטו איהם גיהייסין געבין עסין אין טרינקין אין נישט נעמין ביי איהם קיין געלד פאַר וואָס? האָט ער גיזאָגט. האָט דער מלמד גיזאָגט מען האָט מיר אַזוי גיהייסין פין הימעל. האָט דער קיסר גיזאָגט זאָלסט וויסען אַז איך בּין דער פריץ וואָס די האָסט גיהייסין געבין עסין אומזיסט. יעצט קענסטו דיר אויס בּיטין וואָס די פערלאַנגסט. האָט ער גיזאָגט איך פערלאנג מען זאָל מיר געבען אַ פיהר אַ היים צו פאָהרען ווייל איך בין זייער שוואַך און נאָך אַ פיהר מיט צעהן זאָנדאַרין זיי זאָלען מיך פאָלגין אַלעס וואָס איך וועל זיי הייסען האָט דער קיסר איהם דאָס אַלעס געהייסען געבען און איז אַ היים גיפאָרין ווי ער איז געקומען צו דעם דאָרף ווי די פערדאָרבינע קרעטשמע איז גיוועזען. האָט ער גיזאָגט די זאָנדאַרין זיי זאָלען שטיין און עק דאָרף ביז ער וועט צו זיי צו קומען און ער איז אַליין צו געגאַנגען צו דער קרעטשמי האָט ער גיזעהן אַז זיי פיהרען זיך ווייטער אַזוי שלעכט אויף ווי פריהער און ער האָט ווייטער אויף זיי געשריגען. אָבער זיי האָבען איהם נישט גיהערט האָט ער צו גערופען די זאָנדאַרין. און האָט זיי גיהייסען זיי זאָלען דער אָהנפיהרען פון זיי אָב שניידען די נאָז אַז מענטשען זאָלען און איהר מיין נישט געשטרויכילט ווערין זכותו יגן עלינו:

אַ ווּנדערליכע מעשה פון הייליגען ר׳ ברוך מעזיבוזער:

די שטאָדט טשיטשעלניק אין די אַלע דערפער אַרום דער שטאָדט האָבען
געהערט צו אַדייטשען באַראָן. מיט דער צייט איז דער דייטש געוואָרען
קאַנצלער און האָט זיך אויס געצויגען קיין בערלין און אַלע יאָהר פלעגט ער
קומען אַכטונג געבען אין זיינע גיטער און אַז ער איז געקומען זענען אַלע
איינוואָהנער איהם אַקעגען געגאַנגען און האָבען איהם אָנגעטוהן גרויס כבוד
ווי עס קעהרט צו אַ שני למלך און בפרט די מענטשען וואָס זענען געווען
אין זיינע גיטער אָהנגעשטעלטע און דאָרט איז געווען צוויי יודען וואָס זיי האָבען
אויך געהאַט ביי דעם דייטש אַ פאָסטען זיי האָבען געהייסען לייביל. און מענטשען
האָבען זיי גערופען די לייבילעך. אַמאָהל האָבען זיי נושא חן געווען ביים באַראָן
און ער האָט זיי געמאַכט פאַר קאָמיסאַרין איבער אַלע זיינע געשעפטען און
גיטער און אַלע הכנסות זאָלען אַדורך זייערע הענד. און די מענטשען זענען
דערפון זייער רייך געוואָרען און זיי פלעגען צו געבען זייער פיהל צדקה
און זענען געווען גרויסע מכניסי אורחים. און זיי פלעגען אַלע מאָהל צו
פאָהרען צום רבין ר׳ ברוכ׳ל קיין מעזיבוזע. נאָר איינער פון זיי איז געווען
מעהר חסיד און פלעגט פאָהרען אַלע חודש קיין מעזיבוזע. און דער צווייטער
איז געפאָהרען אויף יעדען יום טוב. און אַז זיי פלעגען פאָהרען האָבען זיי
געגעבען דעם רבין אַ סאַך געלד. אויך און דער שטאָדט האָבען זיי צו טיילט
אַ סך געלד צדקה. און אַזוי האָט זיך דאָס געשעפט געפיהרט. דרייסיג יאָהר
און זיי האָבען חתונה געמאַכט זייערע קינדער בכבוד גדול:

און אַ צייט אַרום האָבען שלעכטע מענטשען זיי גימסר׳ט פאַרין באַראָן
אַז זיי פיהרען נישט עהרליך די געשעפטען פון באַראָן און זיי שיקען
פון די גאַנצע הכנסה נישט מיין ווי אַ צעהנטיל. האָט דער באַראָן געשיקט
זיינס אַ קאָנטראָלער פון בערלין ער זאָל געהיים געוואָהר ווערען צו עס איז
אמת אַזוי ווי די מסירה איז געווען און ער זאָל בסוד געוואָהר ווערין ווי
פיהל הכנסה עס וועט זיין פון די גיטער און ער וועט זעהן וויפיהל זיי
וועלען איהם שיקען. די קאָמיסאַרין די צוויי לייבילעך האָבען בעמערקט
אַז עפּיס אַ דייטש דרייט זיך אַרום און די דערפער און פאָהרט פון דאָרף
צו דאָרף און קומט אַלע מאָהל און שטאָדט אַריין און זיי האָבען נישט
געוויסט וואָס זיין טוהן איז. און דער דייטש איז דאָרט געזעסען אַ גאַנץ
יאָהר און האָט אַלע מאָהל געשריבען בריעף צום באַראָן מיט אַ רעכינונג
יעדען הכנסה. נאָך דעם יאָהר ווי זיי האָבען געשיקט די לעצטע סומע געלד

צום באראן מיט א רעכינונג פון א גאנץ יאהר איז טאקי געוועזען לויט דעם קאנטראלערס רעכינונג נאר א צענהנטיל געלד. האט דער באראן צו געשיקט אז זיי זאלען איהם בעצאהלען פאר דער גאנצער צייט וואס זיי זענען געוועזין קאמיסארין און זיינע גיטער אזוי ווי דער חשבון זאגט פון דעם יאהר דען ער איז דערגאנגען אז זיי האבען איהם נישט געשיקט נאר א צענ־טיל פון דער הכנסה און מסתמא האבען זיי אלע יאהרין אזוי גיגנב'ט. נאר ווייל דאס איז געוועזען אזא סומע וואס אפילו זיי זאלען געוועזען פער־קויפען זייער גאנץ פערמעגען און זייערע קונדערס פערמעגין וואלטען זיי אויך נישט גיהאט אזא סומע געלד האט דער באראן זיי אהנגיקלאגט און סאנד אריין און קאמניץ פאדאליסק. און דער באראן האט גישטעלט איין אדוויקאט און זיי האבען אויך גישטעלט איין אדוויקאט. און דאס פראצעס האט זיך געצויגען א לאנגע צייט. און זיי זענען בדלית גיווארען. און זיי זענען גיפאהרען אלע מאהל קיין מעזיבוז און דער רבי האט זיי גאר ניש גיענפערט:

אמאהל איז זיי גיקומען א בריעף פון זייער אדוויקאט אז זיי שטייען נישט גוט. און אין פערצין טאג ארום וועט מען שוין צו שיקען דעם דעקרעט אז זיי מיזען בעצאהלען דעם באראן די גאנצע סומע געלד נאך מיט סאנדאווע הוצאות אלזא זאלען זיי תיכף קומען צו פאהרען קיין קאמניץ וועלין זיי זיך אפשר עפיס קאנין א עצה האלטען. דען אויב זיי וועלין נישט בעצאהלין דאס געלד איז א פראווע אז מען קאן זיי הענגען ח"ו. ווי זיי האבען גיהערט די שלעכטי בשורה ר"ל האבען זיי געדינגען א פיהר צו פאהרין קיין קאמניץ און וועג זענין זיי געקומען אויף א ארט פון דארט איז געוועזין זייער נאהנט צו צי פאהרען קיין מעזיבוז און גאנצען דריי מייל. האט איינער גיזאגט צום צווייטען עס איז טאקי אמת אז מיר דארפען נייטיג צו פאהרען קיין קאמניץ נאר אזוי ווי מיר זענען נאהנט פון מעזיבעז איז גלייך מיר זאלען פארין אריין צום רבי'ן אפשר וועט אינז דער אייבישטער העלפין אז מיר וועלין ניצול ווערין פון דער צרה. איז דאך קיין שיידין נישט אינזער פארין. און אויב חלילה נישט איז דאך א וודאי גלייך מיר זאלען פארין צום רבי'ן. און זיי זענען ארויס געפאהרין פון דער היים זונטאג און דער פריה. האבען זיי גירעכינט זיי וועלען אריין פאהרען קיין מעזיבעז ביי נאכט וועלין זיי זיין ביים רבי'ן און דער פריה וועלין זיי פארין קיין קאמניץ. און ווי זיי זענען גיקומען קיין מעזיבוז האבען זיך אלע מענטשען גיפרייט וואס די לייבילעך זענען גיקומען

דען זיי פלעגין יעדען מענטש טובות טוהן. און עס האָט נאָך קיינער נישט געוויסט פון זייער יעצטיגען שלעכטען מצב. און זענען געגאַנגען צום רבי'ן ר' ברוכ'ין אָבער דער רבי האָט פערמאַכט און האָט קיינעם נישט אַריין געלאָזט האָבען זיי געמוזט וואַרטען ביז און דער פריה. און זיי האָבין גיבעטין די גבאים זיי זאָלען זאָגען דעם רבי'ן ר' ברוכ'לן אַז די צוויי לייבילעך זענין דאָ און ווילען אַריין געהן צום רבי'ן דען זיי דאַרפין נייטיג אַ וועק צו פאָהרין. אָבער דער רבי האָט זיי גאָר נישט גיענטפערט. הכלל זיי האָבין זיך אָהנגעהויבען צו קריגען איינער מיטן צווייטען פאַר וואָס ער האָט איהם צו גירעדט ער זאָל יעצט פאָהרען צום רבי'ן און יעצט פאַסט שוין נישט אַוועק צו פאָרען און נישט צו זיין ביי דעם רבי'ן. הכלל זיי זענען דאָרט אָב גיזעסען מאָנטיג און דינסטאָג און דער רבי האָט אַלץ זיי נישט גיהייסין אַריין לאָזען. מיטוואָך זענען זיי גיקומען צום רבי'ן ר' ברוכ'לס טאָכטער וואָס זי איז ביי איהם זייער חשוב גיוועזין. און האָבין זיי גיבעטען אַז זי זאָל אַריין געהן צום פאָטער דעם רבי'ן ר' ברוכ'ל אַז ער זאָל זיי הייסין אַריין לאָזען דען זיי האָבין זייער אַ נייטיג גישעפט. און מיזען ווי אַמשנעל־סטען אַוועק פאָהרין. איז זי אַריין גיגאַנגען צום רבי'ן האָט ער איהר גיזאָגט אַז דאָנערשטיג וועט ער נאָך זיי אַריינשיקען. און אַזוֹ איז גיוועזין דאָנערשטיג איז דעם רבי'נס גבאי גיקומען און האָט גיזאָגט אַז דער רבי רופט זיי. זענין זיי תיכף אַריין גיגאַנגען צום רבי'ן מיט אַ גרויס גיוויין. און דער רבי האָט זיי גיגעבין שלום. און האָט זיי גיפרעגט וואָס זיי ווילען דאָבין זיי אָהנגעהויבען צו דערציילען זייערע צרות און פון בריף וואָס זיי האָבין דערהאַלטען פונ'ם אַדוויקאַט וואָס זיי האָבין געדינגען און קאַמניץ און זיי האָבען אַזוי דערציילט אַ האַלבע שעה צייט און שטאַרק גיוויינט. האָט זיי דער רבי גיפרעגט נו שוין מעהר האָט איהר שוין נישט צו דערציילען. פאָהרט אַ היים לחיים ולשלום. און האָט זיך אויף גישטעלט פון דער שטוהל און האָט זיי בעגלייט ביז צו דער טיהר זיי זענין אַזוי אַרויס געגאַנגען און דער רבי איז זיי נאָך גיגאַנגען ביז צו דער טיהר און ווי זיי זענען אַרויס גיגאַנגען פון דער טיהר. האָט דער רבי ר' ברוכ'ל זיי גיזאָגט ביי מיין זיידען דער בעש"ט איז אויך אַזא מעשה גיוועזען. האָט זיי דער בעש"ט גיזאָגט זיי זאָלען נישט פאָרין קיין קאַמניץ. נאָר זיי זאָלען אַהיים פאָהרין. און אַז זיי וועלין קומען צום ערשטען וואַלד וואָס ער אַ מייל וויים פון שטאָדט וועט זיי טרעפען אַ דייטשיל און אַ גרינעם אַנצוג. און ער איז אַ שלעכטער מענטש זאָלט איהר איהם גאָר נישט האָרכין נאָר

ווי

ווי עֶטְךְ וועט צו קומען צום צווייטען וואַלד וואָס איז צוויי מייל פון שטאָדט וועט שטיין אַ צווייט דייטשיל אויך און אַ גריִנעם אַנצוג און ער וועט זיין אַ גיטער מענטש און וועט אייך זאָגען אַגיטע בשורה. און האָט פערשלאָסין די טיהר. און זיי זענען געבליבען און דרויסען. האָבען זיי גאָר נישט געוויסט וואָס צו טוהן דען ער האָט זיי קיין קלאָרע תשובה נישט געזאָגט צו זיי זאָלען פאָהרען קיין קאַמניץ צו נישט. האָט דער וואָס איז געוועזין מעהר חסיד פון צווייטען לאָמיר אַ היים פאָהרען און נישט פאָהרין קיין קאַמניץ האָט דער צווייטער גיזאָגט ער האָט דאָך נאָר דערציילט אַ מעשה פון דעם בעש״ט זיין זיידען אָבער ער האָט נישט גימיינט אַז מיר זאָלען אויך אַזוי טוהן און זיי האָבען זיך אָהנגעהויבען צו קריגען איינער האָט גיזאָגט זיי זאָלען פאָהרען אַ היים. און דער צווייטער האָט גיזאָגט זיי זאָלין פאָהרין קיין קאַמניץ. האָט דער ערשטער גיזאָגט צום צווייטען מיר האָבען זיך דאָך שוין געזוימט אַ גאַנצע וואָך און מעזיבעז לאָמיר נאָך פאָהרין אַ מייל וועלין מיר דאָך זעהן וואָס דער רבי האָט גימיינט האָט ער איהם גיהאָכט און זיי זענין גיפאָרען אויפן וועג וואָס מען פאָהרט צוריק אַ היים און ווי זיי זענין גיקומען צום ערשטען וואַלד אַ מייל ווייט פון מעזיבעז האָבין זיי גיטראָפען דאָרט שטיין אַ דייטשעל און אַ גריִנעם אַנצוג און ער האָט זיי גיפרעגט פון וואַנען פאָהרט איהר יודען. האָבען זיי איהם גיזאָגט זיי פאָהרען פון מעזיבעז. זאָגט ער זיי איך וועל אייך דערציילען נייעס עס איז גיקומען אַ דעקרעט פון בערלין אַז מען זאָל אויפהענגען די צוויי לייבילעך וואָס זענען גיוועזין קאָמיסאַרין און טשיטשילניק און בראַנס גיטער און מען האָט אָהנגיגרייט תלויות. און מען האָט צו שיקט צו אַלע פריצים זיי זאָלען קומען זעהן ווי מען וועט זיי הענגין:

ווי זיי האָבען דאָס גיהערט האָבען זיי איהם גאָר נישט גיענטפערט און זענין ווייטער גיפאָהרען אַ היים און ווי זיי זענען אָב גיפאָרען נאָך אַ מייל און זענין גיקומען צום צווייטען וואַלד האָבען זיי אויך געטראָפין אַ דייטשיל און אַגריִנעם אַנצוג. און האָט זיי גיפרעגט ווי זיי פאָהרען האָבין זיי גיזאָגט קיין טשיטשילניק האָט ער זיי גיזאָגט איך וועל אייך דערציילען נייעס אַזוי ווי עס איז שוין דריי טאָג אַז עס איז גיקומען אַ דעקרעט פון בערלין אַז מען זאָל אויפהענגען די צוויי לייבילעך וואָס זענין גיוועזין קאָמיסאַרין און בראָנס גיטער. איז נעכטין געקומען אַ צווייטער דעקרעט אַז מען זאָל זיי נישט הענגען און אַז זיי האָבען גיווינען די ספראַווע און עס קומט זיי צו בעצאָהלען פאַר די אַלע הוצאות וואָס זיי האָבען גימאַכט

שטעלים קאָמיסאַרין געמאַפט און זיי זאָלען בלייבען ווייטער אויף זייערע אָרטער, און ווי זיי האָבען דאָס געהערט פונים דייטש האָבין זיך זייער געפרייט און האָבין געמאַכט אַ ברכה ברוך הטוב והמטיב און זיי האָבין געבעטען דאָס דייטשיל ער זאָל מיט זיי מיט פאָהרען איז ער מיט זיי אויפגעזעסין אויף זייער וואָגען. און ווי דער דעקרעט איז צו זיי אַ היים געקומען האָבען זייערע בני בית געדינגען אַ שליח ער זאָל זיי לויפען אָב זיכען און זאָגען די גוטע בשורה. און ווי דער שליח איז זיי אַ קעגען געקומען און האָט זיי דערציילט די גוטע בשורה האָבען זיך מיט איהם אויך געפרייט און דער וויילע האָבען זיי ניט בעמערקט אַז דאָס דייטשעל איז נעלם געוואָרען און ווי זיי האָבען דערזעהן אַז דאָס דייטשיל איז נישט דאָ אויפן וואָגען זענען זיי צוריק געפאָרען צום רבי'ן האָט ער זיי געזאָגט איהר האָט אייך בענאַרישט וואָס איהר האָט נישט געבעטין דאָס דייטשעל ער זאָל אייך בענשען. דען דאָס איז געוועזען אליהו הנביא זכור לטוב:

נאָך אַ מעשה פון רבי'ן ר' ברוך פון מעזיבעז.

דער הייליגער ר' לוי יצחק פון בערדיטשעוו ווען ער איז געוועזען בערדיטשעווער רב פלעגט ער אַלע מאָהל צו זאָגען דרשות און מוסר

אַמאָהל האָט זיך בעזעצט און בערדיטשעוו אַ לוטוואַק אַ גרויסער פּלפּול למדן און ער פלעגט צו זיצען און בית מדרש און לערנין און די שטאָדט לייט האָבען איהם געגעבען יעדען איינציגער שיינע נדבות האָט ער דער פון זיך מפרנס געוועזען אַמאָהל איז דער הייליגער בערדיטשעווער געגאַנגען זאָגען אַ דרשה און עס זענען זיך צו נויף געקומען אַלע גרויסע לומדים פון בערדיטשעוו צו דער דרשה און דער לוטוואַק איז אויך געוועזען צווישען זיי הערען דעם רבי'ס דרשה און מיטען דער דרשה איז צו געגאַנגען דער לוטוואַק און האָט געפרעגט דעם רב אַ קשיא אויף דעם פּלפּול וואָס ער האָט געזאָגט האָט איהם דער הייליגער בערדיטשעווער געגעבען שלום און איהם געפרעגט פון וואַנין ער איז האָט ער געזאָגט פון דער שטאָדט ליטע האָט איהם דער רב געזאָגט איהר ווערט אַזוי גום זיין אַריין קומען נאָך דער דרשה און שטיב אַריין וועלין מיר אַריין קלערין און דער קשיא דער עולם

וואס

וואָס האָבען נישט פערשטאַנען האָבען זיי טאַקי גימיינט אַז ער האָט גיפרעגט אַזאַ שווערע קשיא דאָס דער רב קען זי נישט ענטפערען דריבער האָט ער איהם גיהייסען אַ היים קומען צו זיך. אָבער דער לוטוואַק איז אַוועק גיגאַנגען נאָך דער דרשה און איז נישט אַריין גיגאַנגען צום רב:

און אַ צייט דערנאָך איז דער הייליגער בערדיטשעווער ווידער גיגאַנגען זאָגען אַ דרשה און דער לוטוואַק איז אויך גיקומען צו דער דרשה און האָט ווידער און מיטען דער דרשה גיפרעגט אַ קשיא האָט איהם דער רב שוין גאָר נישט גיענטפערט דען ער האָט דאָך גיזעהן אַז ער וויל גאָר פרעגען ווארין פאַר וואָס איז ער נישט אַ היים געקומען צום רב דער רבי זאָל איהם פאַר ענטפערין זיין קשיא. נאָר מענטשען האָבען געמיינט אַז דריבער האָט ער איהם נישט גיענטפערט ווייל עס פערדריסט איהם וואָס ער שטעלט איהם אָב און מיטען דער דרשה און צווישען דעם גאַיצען עולם וואָס דאָס איז קיין דרך ארץ נישט. און דער לוטוואַק איז ווייטער אַוועק גיגאַנגען מיט דער קשיא דען ער האָט דאָך מעהר נישט גיוואָלט ווי צו וויזען פאַרין עולם זיין לומדות:

אַמאָהל זענען די חסידים געקומען קיין מעזיבעז צו ר׳ ברוכ׳ל האָט ער זיי גיפרעגט וואָס עס הערט זיך און בערדיטשעוו און וואָס זייער רב מאַכט האָבען זיי איהם דערציילט אַז עס איז געקומען אַ לוטוואַק און איז שטאַרק מצער דעם רב און פרעגט איהם קשיות צווישען עולם און מיטען דער דרשה. האָט דער ר׳ ברוכ׳ל זיי גיפרעגט צו דער לוטוואַק איז אויך אַ למדן האָבען זיי גיזאָגט דאָס ער איז אַ גרויסער גאון האָט דער רבי ר׳ ברוכ׳ל גיזאָגט אויב דער לוטוואַק וואָלט גיקומען צו מיר וואָלט איך איהם געוויזען אַז ער קען גאָר נישט לערנען. די חסידים זענען אַ היים גיפאָהרען און זענען גיגאַנגען צום לוטוואַק און האָבען איהם דערציילט אַז עס איז דאָ און מעזיבעז איינער אַ רבי ר׳ ברוכ׳ל וואָס ער קען נישט לערנען אין ער האָט גיזאָגט אַז ווי באַלד דער לוטוואַק וועט קומען צו איהם וועט ער איהם וויזען אַז ער קען גאָר נישט לערנען. האָט דער לוטוואַק זיי גיפרעגט אַז איהר אַליין זאָגט אַז ער קען נישט לערנען פאַר וואָס רופט איהר איהם רבי האָבען זיי איהם גיזאָגט אַז ער קען לערנען זוהר. דער לוטוואַק איז גיוועזען בקי אפילו און זוהר האָט ער אויך זיך אויס גיקליבען אַ שווערין מאמר פון איהם ער זאָל דאָס פרעגען דעם רביין ר׳ ברוכ׳ל און איז גיפאָרין קיין מעזיבעז:

און ווי ער איז גיקומען צום רביין ר׳ ברוכ׳ל האָט מען גיזאָגט דעם רביין אַז

אַז דער לוטוואַק איז געקומען האָט ער איהם געהייסען אַריין לאָזען צו
זיך. ווי ער איז אַריין געקומען צום רבין ר׳ ברוכ׳ל האָט ער געזעהן אַז
דער רבי האַלט פּינקט אויפגעמישט דעם מאמר פון זוה״ק וואָס ער האָט
זיך צו געגרייט צו פרעגען. נאָר ווייל ער איז געוועזין אַ גרויסער מתנגד און
האָט נישט געגלייבט אַז צדיקים האָבען רוח הקודש האָט ער זיך געטראַכט
אַז דאָס איז גלאַט אַ צופעליגע זאַך וואָס ער האַלט דאָ אויפגעמישט. האָט
איהם דער רבי געפרעגט איהר קאָנט עפּיס לערנען האָט ער געענטפערט
יאָ, פרעגט דער רבי איהם ווייטער וואָס קאָנט איהר לערנען האָט ער גע־
ענטפערט גמרא מיט תוספות און אַלע שלחן ערוך׳ס און רמב״ם. און אפילו
זוהר. פרעגט איהם דער רבי און גמרא קענט איהר אויך. האָט דער לוטוואַק
געמיינט אַז דער רבי האָט נישט געהערט אַז ער האָט איהם אויסגערעכענט
גמרא אויך. האָט ער געזאָגט איך קאָן גמרא אויך. האָט איהם דער רבי
ר׳ ברוכ׳ל געפרעגט די גמרא זאָגט אַז ווען דאָס קינד איז און זיין מוטערס בויך
קומט צו איהם אַ מלאך און לערנט מיט איהם די גאַנצע תורה און ווען
ער דאַרף שוין אַרויס גיין אויף דער וועלט קומט אַ מלאך און שנעלט איהם
און דער נאָז פערגעסט ער אַלעס וואָס ער האָט געלערנט. איז דאָך שווער
וואָס דאַרף מען מיט דעם קינד לערנען און דער נאָך זאָל מען עס געבין
אַ שנעל ער זאָל פערגעסען נאָך וואָס ברויכט מען מיט איהם לערנען?
אין אַז מען לערנט שוין יאָ דערמיט זאָל מען עס נישט שנעלין און עס
זאָל געדענקען וואָס מען לערנט דערמיט. האָט דער לוטוואַק געשוויגען און
האָט נישט געוויסט. וואָס צו ענטפערין. האָט איהם דער רבי געזאָגט איך
וועל אייך פערענטפערין. דער אמת איז טאַקי אַז מען וויל אַז דאָס קינד
זאָל יאָ געדענקין וואָס ער לערנט און דער דורך פערגעסט ער גאָר נישט
ווען ער איז אין דער מוטערס בויך. נאָר ווען ער דאַרף שוין ארויס צו
גיין אויף דער וועלט ווען ער זאָל קיין שום זאַך נישט פערגעסען וואָלט
ער דאָך שטענדיג געדענקט אויך און טויט און וואָלט קיין שום זאַך אויף
דער וועלט נישט געוואָלט טיהען. האָט השי״ת צוליעב דעם בעשאַפען די
טבע פון פערגעסען און שיקט דערצו דעם מלאך אַז ער זאָל איהם געבען
אַ שנעל כדי ער זאָל האָבען די טבע פון פערגעסען וואָס אָהן דעם וועט
ער קיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט נישט האָבען. ממילא פערגעסט ער
דאָס לערנען אויך. נאָר אַזוי ווי דער מלאך איז לויטער שכזה קאָן זיין
אַז ער האָט אייך אויך פערגעסען אַ שנעל צו געבען. נאָר אויב ער האָט
היינט פערגעסען קאָן איך אויך אַ שנעל געבען. יעצט זאָגט דעם מאמר

פון

פון זוה״ק האט ער אהנגעהויבען צו זאגען „תא חזי״ האט ער פערגעסען אז ער האט שוין גיזאגט נאך אמאהל. בקיצור ער האט פערגעסען דאס גאנצי לערנען און איז געווארען א פראסטער מענש דערנאך איז ער גיקומען בעטין דעם היילינגען בערדיטשעווער און איז גיוועזען כל ימיו שמש און זיין בית מדרש:

א וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' יצחק דראהביטשער.

און דער שטאדט דראהביטש איז גיוועזין ר' יצחק'ל האמבורגער רב און ר' יצחק דראהביטשער מגיד. אמאהל איז דארט פליצלונג געשטארבין ר״ל א גרויסער סוחר. און האט נישט איבער גילאזט קיין צוואה וועמען ער איז אלטץ שילדיג. און ווי עס איז איבער גיגאנגען די שבעה איז גיקומען איינער און האט גימאנט די יורשים דאס זייער פאטער האט ביי איהם ניבארגט געלד. האבען איהם די יורשים גיענטפערט דאס זיי וויסען גאר נישט באר דאס וואס זייער פאטער האט נישט ניבארגט ביי קיינעם קיין געלד ביז ער האט איהם גיגעבען א וועקסיל. אלזא אויב ער וועט זיי ברענגין א וועקסיל וועלען זיי איהם בעצאהלען און אויב נישט איז א סימן דאס ער האט. שוין אבגענימען זיין געלד. האט דער מענטש זיי גערופען לדין צום רב ר' יצחק'ל האמבורגער. דער רב האט געשיקט נאך ר' איציקעל דראהביטשער וואס אויסער מגיד איז ער אויך גיוועזען דיין און דראהביטש אז ער זאל אויך זיין ביי דער דין תורה. איז ר' איציקעל געקומען און די בעלי דינים האבען אהנגעהויבען צו טענין האט דער רב גיפסקינט אז די יורשים זענען גירעכט. נאר זיי דארפען שווערין אז זיי וויסען גאר נישט און דער פאטער האט זיי נישט אהנגיזאגט. וועלין זיי נישט דארפין צו בעצאהלען. נאר ר' איציקעל דראביטשער האט גיזאגט דאס ער קאן נישט איינשטימען אויפען פסק דען דער טויטער שטייט אין שרייט אז ער האט דאך ביי איהם געליגען א גמילת חסד אויף א פאהר טאג און ער האט גירעכינט איהם באלד צוריק צו געבען דעריבער האט ער איהם נישט גיגעבען קיין וועקסיל. און וויל ער איז פליצלונג געשטארבען האט ער נישט גילאזט קיין צוואה

אונ ווי ר׳ איציקעל האמבורגער האט גיחתמ׳ט דעם פסק האט ער גיזאגט דאס ר׳ יצחק׳ל דראהביטשער זאל זיך אויך חתמנען האט ער גיזאגט אז ער קאן זיך נישט חתמ׳נען ווייל דער מת שטייט אונ שרייט אז ער זאל זעהן אז זיינע קינדער זאלען אב געבין דעם מענטש זיין געלד וואס ער האט ביי איהם גיליגען דען ווייבאלד דער מענש וועט זיין חוב נישט אב נעמען קאן ער קיין תיקון נישט האבין. האט ר׳ יצחק׳ל האמבורגער גיזאגט פאר וואס איז דער מת גיקומען צו אייך נישט צו מיר איך וויל אויך מיט איהם רעדין. האט ר׳ איציקעל דראהביטשער גענימען זיין פאטשיילע אונ האט גיגעבען מיט איהר א פאך איבער ר׳ יצחק׳ל האמבורגערס פנים האט ער דערזעהן דעם מת אונ איז חלשות גיבליבען פון מורא. דערנאך ווי מען האט איהם דערמינטערט. האט ער גיזאגט צו ר׳ איציקלען אזוי ווי איך האב מיך גיחתמ׳ט אויפן פסק זאלט איהר זיך אויך חתמ׳נען דען די תורה איז נישט אונ הימעל. אונ על פי דין דארפען די יורשים גאר שווערען אונ נישט בעצאהלען. אונ דאס וואס דער מת שרייט אז ער וועט קיין תיקון נישט האבען אויב זיינע קינדער וועלין דעם חוב נישט בעצאהלען קאן מיר דאך דעם נישט פאסקינען אנדערשט ווי דער דין איז. אונ איך בין גוזר אויף אייך אז איהר זאלט חתמ׳נען, האט זיך ר׳ יצחק׳ל דראהביטשער אויך גיחתמ׳ט. דערנאך האבען זיי מיט גיטען גיבעטען די יורשים זיי זאלען זיך פערגלייכען מיט דעם בעל חוב אונ זיי האבען אב גיגעבען ווי פיהל מען האט זיך אויסגיגלייכט אונ די רעשט האט ער איהם גישענקט אונ דער מת האט זיי דערפאר גידאנקט:

א הינדערליכע מעשה פון ר׳ דוד פורקים ז״ל

צוויי יונגע לייט וואס זיי פלעגען שטענדיג צו פאהרען צו ר׳ דוד׳ל פורקיס ז״ל אונ זיי זענין גיוועזין גרויסע גוטע פריינד. אמאהל איז איינער פון זיי שטארק שלאף גיווארען ר״ל. אונ דער חבר זיינער איז איהם געקומען מבקר חולה זיין. אונ ער האט גיזעהן אז ער האלט [illegible] א שלעכטין מצב האט דער קראנקער גיבעטען זיין חבר אז ער וועט זיין ביים רבי׳ן זאל ער איהם מוזכיר זיין אז ער זאל איהם עפיס א טובה טוהן. האט ער

איהם

איהם גיזאָגט אַז ער וועט איהם געבען די האַנד אַז ער זאָל קומען צו חלום איהם זאָגען וואָס אַ טובה דער רבי האָט איהם גיטוהן, האָט ער איהם גיגעבען די האַנד און אַ צייט אַרום איז דער שלאָפער גישטאָרבען ר״ל. נאָר דער חבר וואָס איז געבליבען לעבען האָט געהאַט גרויסע מניעות און האָט נישט גיקאָנט פאָהרען צום רבי׳ן:

אַמאָהל איז דער רבי ר׳ דוד׳ל גיקומען און זיין שטאָדט אריין איז דער יונגער מאַן גיגאַנגען צום רבי׳ן ווי געוועהנליך און האָט גאָר פערגעסען אָהן זיין חבר דער נאָך ווי דער רבי איז שוין גיגאַנגען אוועק פאָהרען און די חסידים זענען איהם גיגאַנגען בעגלייטען איז דער יונגער מאַן אויך גיוועזין צווישען זיי ווי דער רבי איז שוין גיזעסען אויף דער פיהר אוועק צו פאָהרען האָט זיך דער יונגער מאַן דער מאַנט און האָט מזכיר גיוועזען זיין חבר פאַר׳ן רבי׳ן ר׳ דוד׳ל. איז דער רבי תיכף אַראָב גיגאַנגען פון דער פיהר. און ער האָט זיך גיהייסען אַראָב געבין זיין שטוהל פון דער פיהר דען ער פלעגט שטענדיג מיט זיך מיט פיהרען אַ שטוהל און האָט זיך אַנידער גיזעצט. און האָט זיך פערמוח׳ט דער נאָך האָט ער עטליכע מאָהל אויפגיהויבען זיין שטעקין און דער נאָך האָט ער גיהייסען געבין לעקיך און בראָנפען פאַר די חסידים און דעם יונגענמאַן האָט ער אויך גיגעבען. און איז אַוועק גיפאָהרען:

און אַ פאָהר וואָכען אַרום איז דער יונגערמאַן וואָס איז גישטאָרבען גיקומען זיין חבר צו חלום און האָט איהם דערציילט אַז אַזוי ווי ער איז געשטאָרבען איז ער געקומען אויפען עולם הדמיון און ער איז אַרום גיגאַנגען בייטאָג און ביינאַכט און ער האָט קיין מנוחה נישט געהאַט דען עס האָט איהם נישט געלאָזט איין ריהען נאָר אַרום צו גיין טאָג און נאַכט. און עס איז איהם זייער ביטער גיוועזין ר״ל. און דאַמאָלסט ווען ער האָט איהם מזכיר גיוועזען ביים רבי׳ן האָט זיך איהם געדאַכט אַז ער זעהט דעם רבי׳ן איז ער צו איהם צו געלאָפען און האָט זייער שטאַרק אָהנגעהויבען צו וויינען און דערציילט דעם רבי׳ן אַז ער דרייט זיך שוין אַרום אַ צייט און ער האָט גאָר קיין מנוחה נישט ר״ל. האָט איהם דער רבי געזאָגט קום מיט מיר בין איך מיט איהם גיגאַנגען, דער רבי איז געגאַנגען פון פאָרינט און איך בין איהם נאָך געגאַנגען האָב איך דערזעהן אַז עס גייען פון דער ווייטענס אַ חברה. מחבלים ר״ל האָב איך מורא גיקריגען און האָב אָהנגעהויבען צו שרייען האָט מיר דער רבי גיזאָגט וואָס האָסטו מורא די גייסט דאָך מיט מיר און איך גיי פאָראויס. און ווי זיי זענען צו גיקומען

צו

צו זיי האָט דער רבי אויפגעהויבען זיין שטעקען זענען זיי אַלע אַוועק גיגאַנגען אַזוי איז גיוועזין פיהל מאָל וואָס זיי האָבען גיטראָפין כיתות מחבלים ר״ל און ער האָט מורא גיהאַט. נאָר דער רבי האָט איהם געזאָגט ער זאָל נישט מורא האָבען דען ער גייט מיט איהם. און ווי זיי זענען צו געקומען האָט דער רבי אויפגעהויבען זיין שטעקין זענען זיי אַוועק גיגאַנגען. דער נאָך האָט ער דערזעהן אַז עס גייט אַ מענטש וואָס איז הויך פון הימעל ביז דער ערד און זייער שוואַרץ. און טראָגט אַ פאַק קושאַקיס. האָט ער זייער מורא געקריגען און האָט אָהיגעהויבען צו שרייען האָט איהם דער רבי ווייטער גיזאָגט אַז ער זאָל קיין מורא נישט האָבען און האָט גענימען זיין שטעקין און האָט אויף איהם אַרויף גילייגט. און ווי דער מענטש איז צו געקומען צו זיי האָט ער אויף איהם אַרויף געוואָרפען די קושאַקיס איז געגאַנגען דער רבי און האָט מיט דעם שטעקען אַראָב גיוואָרפען די שלאַנגען און עגדיסען וואָס זענען גיוועזין און די קושאַקיס און מיר זענין ווייטער גיגאַנגען זענין מיר צו געקומען צו אַ אייזערנע וואַנט וואָס מען האָט נישט דערזעהן די הייך אַזוי ווי ביז צום הימעל. און דער רבי איז צו גיגאַנגין צו דער וואַנט און האָט גיקראַצט מיט זיין שטעקין און עס האָט זיך אויף גיעפינט אַ טיהרעל האָט דער רבי איהם גיהייסען אַליין אַריין גיין דען ער האָט שוין נישט קיין רשות ווייטער צו גיין און ער איז אַריין געגאַנגען דאָרט אַהין און פון דאַמאָלס אָהן איז איהם זייער גוט זכותו יגן עלינו:

אַ וואונדערליכע מעשה פון אַפּטער רבי'ן ז״ל.

און אָפּאָטשנע זענען גיוועזען צוויי בחורים חבירים וואָס זיי האָבען גילערינט בייזאַמען און האָבען זיך שטאַרק ליעב גיהאַט און זיי האָבען ביידע חתונה גיהאַט פון איין שטאָדט. און האָבען זיך גימאַכט שותפות. אַ גיוועלב און זייערי ווייבער זענין גישטאַנען און גיוועלב. און זיי זענין גיזעסען און גילערינט. און השי״ת האָט זיי גיגעבען גרויס הצלחה. און זיי האָבען אויך גיהאַט גיראָטינע קינדער. נאָר די ווייבער זענין נישט גלייך גיוועזין איינע איז גיוועזען אַ גילערינטע זי האָט גיקענט רעדען שיין פויליש און צו נעמען אַ קונה. און די צווייטע איז גיוועזען אַ שלימעזאַלניצע. אַ מאָהל האָט

די

אַ גילערינטע גיזאָגט צו איהר מאַן דאָס זי וויל אַז ער זאָל זיך אָבטיילען פון שותפות דען זי איז נישט מחויב צו אַרבייטען פאַר דער שלימיזאַלניצע מיט איהר מאַן און קינדער גיניג זי אַרבייט פאַר איהם און זיינע קינדער. האָט איהר דער מאַן גיזאָגט די זאָלסט דיר נישט איינרעדין דאָס מיט דיין קענין ביסטו גליקליך און מסחר דען עס קאָן גאָר זיין פערקעהרט אַז און דער שלימעזאַלניצעס גליק געניסט די אויך. אָבער זי האָט איהם נישט גיוואָלט הערין און האָט איהם גיפּאַניגט אַז ער זאָל זיך אָבטיילען פון שותפות ביז ער האָט שון ניט גיקענט פון איהר אויסהאַלטען, האָט ער גיזאָגט צו זיין חבר די זאָלסט וויסען אַז איך קאָן פון מיין ווייב שוין נישט אויס האַלטען און איך בעט דיך די זאָלסט מסכים זיין מיר זאָלען זיך צו טהיילען. האָט דער חבר גיזאָגט איידער די זאָלסט האָבען מחלוקת און שטיב ביין איך גרייט מיט דיר אָבציטיילען האָבען זיי זיך אָב גיטיילט און דער וואָס האָט גיהאַט די שלימעזאַלניצע האָט זיך געדינגען אַ אַנדער גיוועלב און השי"ת האָט איהם גיהאָלפען דאָס ער האָט זייער מצליח גיוועזען און איז נאָך גיוואָרען אַ גרעסערער עושר ווי פריהער. און דעם צווייטענס די גילערינטע האָט נישט גוט גימאַכט ביז זי האָט שוין נישט גיקענט איבער האַלטען פון גרויס קרענקינק :

האָט זי זיך מיישב גיוועזין און האָט געדינגען צוויי שלעכטע מענטשין זיי זאָלען עדות זאָגען דאָס די שלימיזאַלניצע איהר שותפטע פיהרט שלעכטי זאַכען מיט איין פריץ און ער פערשאַפט איהר די אַלע קונים. די שלעכטי מענטשין האָבען אַרויס גילאָזט אַזוי אַ קול און ווי דער מאַן האָט גיהערט די זאַך איז ער אַ היים געקומען און זי האָט איהם געגרייט צום טיש אָבער ער האָט נישט גיוואָלט עסין האָט זי איהם גיפרעגט פאַר וואָס ער עסט נישט האָט ער איהר גיזאָגט פון דעם קול וואָס ער האָט גיהערט און אויב די זאַך איז אמת טאָר ער מיט איהר נישט וואָהנען. ע"כ וועט ער גיין צום רב און אויב עס וועט זיך אויסווייזען די זאַך איז אמת זאָל זי קיין שום טענה נישט האָבען צו איהם. און דער פריה זענען זיי גיגאַנגען צום רב און דער רב האָט נאָך גיפאָרשט פון וואַנען דאָס קול שטאַמט ביז מען איז צו געקומען צו די צוויי עדות האָט זיי דער רב גיהייסין רופען און זיי האָבען גיזאָגט אַז זיי אַליין האָבען גיזעהן די מעשה האָט דאָס ב"ד אָב געשריבען אַ גביות עדות און גיגעבען דעם מאַן. און זי האָט גיהאַלטען און איין וויינען אַז זי וויסט פון גאָר נישט נאָר עס האָט איהר גאָר נישט געהאָלפען וואָרין מען האָט דאָך די זאַך אויס גיוויזען

ביי

ביי דעם רב. דאס גישעפט און דאס גיוועלב איז פערנאכלעסיגט געווארען און די קינדער זייערע זענען ארום גיגאנגען און גצוויינט אויף דעם אימ־ גלי וואס זיי האט גיטראפען דער נאך האט זיך דאס ווייב בעקלערט און געשיקט צום מאן די זאגסט אז איך האב געטוהן א שענדליכע זאך איך זאג אז עס איז ליגענט לאמיר פאהרען צום אפטער רבי׳ן ער וועט שוין בעווייזען ווער עס איז פון אינק גירעכט. זיא האט זיך גערינגען א פיהר און איז געפאהרען קיין אפט און דער מאן האט זיך אויך גערינגען א בעזונדערי פיהר און איז אויך געפאהרען קיין אפט:

און ווי זיי זענען ארייין גיקומען צום רבי׳ן און דער מאן האט אנידער גילייגט גביאת עדות פון רב. האט דער רבי געזאגט מען זאל איהם ארויין רופען זיין זוהן איטשי מאיר ער איז ארויין גיקומען האט ער געזאגט די זאלסט שרייבען און אלע שטעדט אז דער וואס גיט דעם אפטער רבי׳ן געלד איז א פושעי ישראל. האט זיך דער זוהן ר׳ איטשי מאיר זיך זייער געוואונדערט אויף די רייד. האט איהם דער רבי גיזאגט. עס שטייט און דער הייליגער תורה אז צוויי עדות זאגען זענען זיי בעגלייבט אפילו צו אסורען א אשה אויף איהר מאן און דאה זעה איך אז די אשה האט נישט געזינדיגט. חאטש עס איז דא א גביאת עדות אז זי האט יא געזינדיגט איז דאך אנדערש ווי און דער תורה שטייט. ווי קום איך זשע נעמין געלד ביי יודען וואס זיי מיינען אז איך קוק גלייך ווי און דער תורה שטייט און דער וואס גיט מיר איז אויך אזא פושעי ישראל אזוי ווי איך און דער רבי האט די ווערטער גיזאגט מיט אזא ערינסקייט און מיט א ברען אז עס האט די עדות אהנגיחאפט א ציטערניש און זיי האבען אהנגעהויבען צו לויפען גלייך עס וואלט זיי עמיצער געיאגט און זיי האבען זיך נישט גיקענט בע־ רוהיגען. ווי זיי האבען זיך גיטראפען און גאס האבען זיי גיזאגט איינער צום צווייטען. די צרה איז אינק גאר געקומען וואס מיר האבען צו שיידט מאן און ווייב. מיט אינזער פאלטש עדות זאגען און זייערי קינדער דרייען זיך ארום און ווייגען. זענען זיי גיגאנגען צום רב און האבען דערצעלט דעם גאנצען אמת אז זיי האבען גאר נישט גיזעהן נאר איהר גיוועזינע שותפטע האט זיי געדינגען זיי זאלען פאלטש עדות זאגען. האט דער רבי געשיקט נאך דעם צושייטען פאהר פאלק האט מען זיי נישט געטראפען און די שכינים האבען גיזאגט אז זיי זענען גיפארען קיין אפט צום רבי׳ן:

און ווי די עדות האבין דער הערט אז זיי זענין ביי דעם אפטער רבי׳, האבין זיי שוין פערשטאנין אז דאס ציטערניש האט דער רבי אויף זיי אהנגישיקט

אהנגישיקט זיי זאלין זיך מודה זיין דען דער אפטער רבי איז בעוויסט גיוועזין פאר א בעל מופת זענין זיי תיכף גיפאהרין קיין אפט צום רבין אין זיי האבין פארין רבין אויך מודה גיוועזין אז זיי האבין פאלטש עדות גיזאגט דען די גיוועזינע שתופטע איהרע האט זיי גידינגען זיי זאלין עדות זאגין. האט דער אפטער זכרונו לברכה גיהייסין ארייין רופין זיין זוהן איטשי מאיר נאך א מאהל אין האט איהם גיזאגט נו קוק איך טיה שוין נישט אנדערשט ווי די תורה הייסט אין ער האט אריין גישיקט צו דעם פאהר פאלק וואס זיי האבין גיוואורט אויף תשובה אין האט פאר זיי אויס גיוויזין די גאנצי זאך אין האט גיזאגט דער אשה אז זי זאל נישט קיין פערדראס האבין אויף איהר מאן דען אזוי ווי די עדות האבין גיזאגט האט ער מיט איהם נישט גיטאהרט וואהנען אין יעצט זאלין זייא אהיים פאהרין לשלום:

אמאהל האט מען גיברענגט דעם אפטער רבין זכרונו לברכה א מתנה אגילדין זייגעריל אין דאס טשיפער בלעטיל איז גיוועזין א אלף בית אויתיות מרובעות איז דאס ביים רבין זייער חשוב גיוועזין. אמאהל איז דער רבי גיוועזין אונטער וועגינס אין איידער ער איז אוועק גיפאהרין האט מען צו גיגנביט דאס זייגעריל אין ווי דער רבי איז שוין גיזעסין אויף דער פיהר אין מען איז נישט גיפאהרין. האט ער גיפרעגט פאר וואס מען פאהרט נישט האט מען איהם גימיזט אויס זאגען אז דאס זייגעריל איז נישט דא. האט ער זיך אויפגישטעלט אין גיזאגט ווער עס האט גיגנביט דאס זייגעריל זאל נישט אויס לעבין דאס יאהר אין ווי דער גנב האט דאס גיהערט האט ער עס שטילער הייט אינטער גיווארפין האט דער רבי גיזאגט וואס טיהט מען אקללה פין א תלמוד חכם קימט דאך אפילו אויף א תנאי. האבען אלע מענטשין שטיל גישוויגען אין דער רבי איז אוועק גיפאהרין. נאך דעם רבינס אוועקפאהרין איז דער גנב וואס האט גיגנביט דאס זייגעריל שלאף גיווארין אין ער איז גיוועזין א בן יחיד ביי זיינע עלטערין האט ער גיזאגט דעם פאטער די זאלסט וויסען אז איך בין גיוועזין דער גנב וואס האט גיגנביט דעם רבינס זייגעריל אין די ווייסט דאך אז דער רבי האט בישאלטין דעם וואס האט גיגנביט דאס זייגעריל אז ער זאל נישט אויס לעבין דאס יאהר ר״ל אלזא זאלסטו תיכף פאהרין צום רבין קיין אפט איז דער פאטער אריבער גיפארין צום רבין אין האט אהנגיהויבין צו וויינען אז זיין זוהן איז א ערליכער יונגער מאן נאהר דאס מאהל האט איהם דער יצר הרע אהנגירעדט צו גנבינען דאס זייגעריל. אין ער האט עס באלד צוריק גיגעבען. האט דער רבי גיזאגט איך האב דאך באלד גיפרעגט וואס ועס זיין מיט דער

יללה

קללה פאר וואס האט איהר גישוויגען און מיר נישט גיזאגט אז איך זאל באלד בעטין די גזירה זאל בטל ווערין. יעצט קאן איך זי שוין און גאנצען נישט מבטל מאכען. נאר ווי לאנג איך וועל לעבען וועל איך איהם האלטין אויף מיינע פליצים. איז ער א היים גיפאהרען און דער יונגערמאן איז געזינד גיווארען און האט גילעבט ביז דער אפטער רבי זכרונה לברכה איז נפטר גיווארען. זיין זכות זאל אינז ביי שטיין מיר זאלען גיהאלפען ווערין מיט אלעם גיטין אמן:

נאך א ווינדערליכע מעשה פון אפטער רבי'ן ז"ל.

אמאהל זענין חסידים גיזעסען ביים אפטער ז"ל ביים טיש. האט איינער א גביר ארויס גענימען זיין פישקעלי און האט געשמעקט טאביק האט א חסיד א ארימאן אויס גישטרעקט די האנט האט אויף גיוואלט נעמין א שמעק טאביק האט דעם גביר פערדראסען ווי קומט דער ארימאן צו נעמין ביי איהם טאביק און האט פערמאכט דאס פישקעלי און האט איהם נישט געלאזט נעמין קיין טאביק דערנאך האט דער ארימער חסיד אהנגיהויבין מצליח צי זיין און ביז ער איז גיווארען א גרויסער גביר און דער גביר איז אלע מאהל ארימע גיווארען ר"ל איז ער געקומען צום רבי'ן און האט זייער גיוויינט און האט גיזאגט אז מענשען זאגען דאס דורך וואס ער האט דעם ארימאן נישט גיוואלט געבען א שמעק טאביק האט ער ביי איהם צו גענימען זיין הצלחה האט דער רבי איהם גיזאגט אז די וועסט זיין נאך א מאהל מיט איהם צוזאמען און ער וועט שמעקין טאביק און די וועסט איהם רעדין און ער וועט נישט וועלין געבען וועסטו צוריק אבנעמען דיין מזל. איז ער עטליכע מאהל גיפארען צום רבי'ן אויף שבת ביז ער האט דעם חסיד גיטראפען. און ווי זיי זענען גיזעסען האט דער חסיד ארויס גענימען דאס פישקעלי צו שמעקען טאביק האט דער גיוועזינער גביר אויך אויס גישטרעקט די האנד צו נעמען טאביק האט איהם דער חסיד דערלאנגט דאס גאנצע פישקעלי זייער פריינדליך. איז ער געקומען צום רבי'ן האט ער איהם גיזאגט וואס זאל איך טוהן אז ער איז בעסער פון דיר קומט איהם עשירות:

אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון רֶבִּין ר׳ מֶענְדִילִי רוֹמִינוֹבֶער זכרונו לברכה:

ר׳ מענדילֶע רימנובֶער זכרונו לברכה איז אַמאָהל גיפאָהרין אין וואָרים באָד ארײַן קײַן גרויס וואָרדײַן אין אונגארין אין האָט זיך דאָרט גידינגין א הויז מיט אגאָרטין אין חאָטש עֶס איז דאָרט גיוועֶזין זײער ווײַט פון דעֶסט וועגין זעֶנין צו איהם גיקימעֶן א סאך חסידים אין לעֶבין דעֶם רבינס ווילֶע האָט גיוואהנט א פריץ האט עֶר גיזעֶהן ווי דעֶר רבי גײט אלֶע טאג ארויס אין גארטין ארײַן אין אײַן חסיד טראגט איהם נאך אַ שטיל אין א צווײטעֶר אַ פלאש אײַן א דריטעֶר די לילקעֶ ציבעֶך אין זײ טײלין איהם אב גרויס כבוד. האָט זיך דעֶר פריץ אין איהם שטאַרק מקנא גיוועֶזין. ביז עֶר עֶר איז דעֶרפין קראַנק גיוואָהרין איז צו איהם גיקימין דעֶר גלח אין ער האָט אין איהם דעֶרקעֶנט אַז זײַן קרעֶנק איז פון קנאה האָט עֶר איהם גיזאגט עֶר זאָל איהם דעֶר צײלין דעֶם גאַנצין אמת. האט איהם דעֶר פריץ דעֶרצײלט אַז עֶר איז זיך מקנא אין רבין אַז מעֶן זאָל אַייד אַזוי פיהל כבוד אָהנטוהן. אין דעֶר גלח איז גיוועֶזין אַ גרויסעֶר כישוף מאַכעֶר האָט עֶר גיזאָגט צום פריץ וואָס גיסטו מיר איך זאָל דיר ברעֶנגין דעֶם קאָפף פין דעֶם יוד האָט עֶר איהם צו גיזאָגט אַסאַך געֶלד איז דעֶר גלח אַהײם גיגאַנגין אין האָט גישיקט נאָך דעֶר גוישעֶר דינסט וואָס זי פלעֶגט דאָרט אויס קעֶרין אין טראָגין וואַסעֶר אין האָט איהר גיהײסין עֶפיס ברעֶנגין פון רבין זאַכין וואָס עֶס זאָל זײַן מיט שווײס האָט זי איהם צו גיזאָגט. אין ווײל עֶס פלעֶגט שטעֶנדיג זײַן מעֶנטשין אין רבינס חדר האָט זי נישט גיקעֶנט נעֶמין מעֶהר ווי אַביסל שטרויא אין האָט עֶס אַריבעֶר גיטראָגין צום גלח האָט עֶר גיזאָגט אַז דאָס איז אויך גינוג:

אַמאָהל חמשה עשר באב איז דעֶר רבי מיט זײַנע חסידים גיזעֶסין בײַם טיש איז פליצלונג אײנעֶר פון די חסידים וואָס איז גיזעֶסעֶן בײַם טיש אײַנגישלאָפעֶן. האָט עֶר אויף איהם רחמנות גיהאַט דעֶן עֶר איז ניט געֶשלאָפעֶן אַ גאַנצעֶ נאַכט אַ העֶר פאָהרעֶנדיג האָט עֶר איהם גילאָזט אַזוי שלאָפעֶן נאָר אין אַ ווײלעֶ האָט עֶר דעֶר זעֶהן אַז דעֶר גאַנצעֶר עולם איז פליצלונג שטאַרק אײַנגישלאָפעֶן האָט עֶר זײ אָהנגעֶהויבעֶן צו וועֶקין אָבעֶר זײ זעֶנין אַלעֶ גילעֶגעֶן אַזוי ווי טויט ר״ל און עֶס האָט אָהנגעֶהויבעֶן צו פאַלעֶן שטײנעֶר פון דעֶר סקלעֶפיעֶני האָט זיך דעֶר רבי. זײעֶר דעֶרשראָקעֶן

אין איז אוועק גיגאנגען פון טיש. און האט זיך אנידער גיזעצט און א ווינקעל און גענומען דאס הייליגע ספר נועם אלימלך און ארייך געקוקט דרינען. האט השי"ת גיהאלפען אין דער יום האט זיך אויפגיכאפט פון שלאף. האט דער רבי געהייסען איינשפאנען די פערד אין וואגען און תיכף אוועק פאהרען פון דארט האבען זיי אזוי געטוהן. און ווי זיי זענען אב געפאהרען דריי מייל. האט דער רב גיהייסען אריין גיין און דער קרעטשמי אריין און זיי זאלען געבין די פערד עסין. איז געקומען דער גלח און האט גיוואלט אריין גיין צום רבי'ן האבען זיי גיפרעגט דעם רבי'ן האט ער איהם ניט געהייסען אריין לאזען. האט זיי דער גלח גיזאגט אז איהר האט אזא רבין דארפט איהר גאר קיין מורא ניט האבען. דען אויב ער האט גיקענט ביי שטיין א קייגען מיין כישוף איז ער אזוי גרויס ווי משה רבינו עליו השלום און דער רבי האט גיזאגט אז זיין כישוף איז טאקי זייער שווער גיוועזען מבטל צו זיין נאר השי"ת טוט שטענדיג ניסים מיט די וואס גייען אין זיינע וועגין באמת זיין זכות זאל אינז ביי שטיין:

א וואונדערליכע מעשה וואס דער ריזינער רבי ז"ל האט דערציילט.

און א שטעטיל לעבען ריזין איז גיוועזען א גרויסער גביר וואס זיין מסחר איז גיוועזין מיט וויין. מיט אמאהל איז ער בדלית גיווארען און אלעס וואס ער האט פערמאגט האט ער געמיזט פערקויפען אויף ברויט. און ער האט גיהאט איין אלטע מוטער פלעגט זי אלע טאג בעטין השי"ת זאל איהר זוהן בעגליקען, א מאהל האט זי גיבעטען אז השי"ת זאל איהם צו שיקען א כשרה מציאה ער זאל געווינין דעם לאס וואס ער האט אויסגעקויפט פון דער לאטריע. און אזוי אלע טאג האט זי אהנגעשלאגען השי"ת זאל איהם בעגליקען דורך פערשידעני מציאות אמאהל פרייטאג האט ער ר"ל ניט געהאט שבת צו מאכען. און דעם האט ער זיך דערמאנט אז און קעלער דארף נאך זיין א פאר פלאשען וויין. האט ער זיי ארויף גענומען און האט גיבעטען זיין מוטער זי זאל גיין צו איינעם פון זיינע לאנגסטיגע קונים און אריבער טראגען די פאהר פלאשען וויין כדי ער זאל האבען

שבת

שבת צו מאכען. די אלטיטשקע מוטער האט אוועק גיטראגען די פאהר
פלעשליך וויין און דער מענטש האט איהר בעצאהלט נאר איידער זי איז
נאך אוועק גיגאנגען האט דער קונה אויף גיעפינט איין פלעשיל און האט
געטוהן א שמעק דערצו. האט ער דערפיהלט אז דער וויין איז שוין קאליע
האט ער איהר צוריק גיגעבען דעם וויין און האט אבגענימען דאס געלד
און זיי האבען געמוזט הינגערין שבת ר"ל נאר וויל זיי האבען עס אהנגינימען
מיט צופרידענהייט האט מען פון הימעל זיך אויף זיי מרחם גיוועזין:

און איינמאהל ביי נאכט ווען זיי זענין שוין גישלאפען האט ביי זיי אהנגע
קלאפט א פריץ וואס פלעגט ביי זיי שטענדיג צו קויפען וויין און האט
גיפרעגט צו זיי האבען היינט גוטען וויין. און דער בעל הבית ענטפערט איהם
אז ער האט זייער גיטען וויין האט דער פריץ גיהייסין זיך געבין צו פער
זיכין. איז ער גיגאנגען אין קעלער אריין און האט איהם ארויף גיברענגט
איין פלעשעל וויין. ווי דער פריץ האט עס פערזיכט האט ער גיזאגט די
זאגסט אמת דער וויין איז גוט נאר וויפיהל ווילסטו פאר א פלעשיל וויין האט
ער גיזאגט פינף רובל. דער פריץ איז בעשטאנין נאר ער האט איהם גיזאגט
די זאלסט וויסען אז איך מאך א באל אין דעם דארף צוויי מייל פון דער
שטאדט און איך וועל שוין נישט האבין קיין צייט נאך אמאהל צו קומען
אין שטאדט אריין אלזא זאלסטו מיר ארויס ברענגין 16 הינדערט פלאש
דעם זעלבין וויין און ער האט איהם דערויף גיגעבין א קאנטע צוויי טויזינד
רובל אין איז אוועק גיפאהרין דער יוד האט גיקויפט פער צעהן רובל וויין
אין אריין גיגאסין און זיינע פירמאווע פלעשער און האט אויך מיט גינימען
זיינע פאהר פלעשלעך און איז ארויס גיפאהרין צום פריץ און דארף אריין
מיט זיין סחורה און ביי דעם פריץ איז גיזעסין א סאך געסט גרויסע פריצים
פון א רומיגע שטאדט און דערפער. ווי זיי האבין פערזיכט דעם וויין האבין
זיי איהם גאר נישט גיקאנט אויס לויבין און האבין איהם גיבעטין ער
זאל זיי אויך זאגין ווי ער קויפט אזא גיטען וויין האט ער זיי גיזאגט ביי
דעם יוד. אין אז זיין פאטער פלעגט אויך נאר צו קויפין ביי דעם יוד וייל
ער איז זייער א ערליכער אין ער נארט נישט. האבין זיי אלע גיזאגט דאס
פון היינט אהן וועלין זיי אויך שוין און ערגיץ נישט קויפין נאר ביי דעם
יוד. און דער יוד האט בעקומען פינם פריץ דאס גאנצע געלד און נאך
א מתנה. אין פון דאמאלס אהן האט זיין מזל צוריק אויפגישאהנט אין ער
איז גיווארין א גרויסער גביר. האט זיין מוטער גיזאגט יעצט זעה איך אז

מען

מען טאר השי"ת קיין עצה נישט געבין דען אזוי עצה איז מיר גאר נישט איינגיפאלין:

א װוּנדערליכע מעשה וואס דער ריזינער רבי ז"ל האט דערציילט.

ווען ר' ישראלטשי ריזינער האט נאך גיוואהנט אין ריזין וואס איז אין רוסלאנד. איז אמאהל ארויס גיגאנגען א גזירה אז די חסידים זאלען נישט פאהרען צו רבי"ס אויף ימים נוראים און מען האט שטארק נאך געקוקט אז עס איז גיפאהרען מענטשען צו זיי פאהרען נישט צו א רבין איז גיוועזען א עושר וואס פלעגט פארען קיין ריזין אללע ראש השנה האט ער זיך געדינגען א קאטש מיט א פאהר פערד כדי מען זאל נישט דערקענען אז ער פאהרט צו א רבי'ן. ווי דער רבי איז גיוואהר גיווארען אז ער פארט קיין ריזין איז ער געקומען און האט איהם גיבעטען ער זאל איהם מיט נעמען. האט ער איהם גיזאגט ווי קאן איך אייך מיט נעמען מען וועט דאך דערקענען אז מיר פאהרען צום רבי'ן. דערנאך איז איהם איינגיפאלען אז דער רב זאל זיך פערשטעלין פאר א בעל עגלה וועט קיינער נישט בעמערקין האט ער גיפרעגט דעם רב צו ער וויל איז דער רב בעשטאנען זענין זיי גיפאהרין קיין ריזין ווי זיי זענין געקומען קיין ריזין איז נאך אגרויסער גביר געקומען און זיי זענען צו זאמען ארייין גיגאנגען שלום נעמען. האט דער ריזינער זכרונה לברכה גיפרעגט יענים עושר וואס זיין בקשה איז. האט ער גיזאגט דאס ער איז פון אווייטע מדינה און ער פערלאנגט גאר נישט נאר ער איז געקומען זעהן דעם רבי'ן. און אויב דער רבי וועט איהם ערלויבען וועט ער דעציילען וועלכעס האט איהם גיבראכט דערצו ער זאל מאכין אזא ווייטע נסיעה בלויז צו זעהן דעם רבי'ן האט איהם דער רבי ערלויבט. האט ער אהנגעהויבען צו דערציילען:

איך בין אגרויסער עושר און וואהן און אמשטערדאם און מיין מסחר איז פון אבנים טובות וואס מען ברענגט פון אינדיע און איך אליין בין נאך דארט קיינמאהל נישט גיוועזען נאר איך האב גיהאט א מענש זייער א ערליכען ער פלעגט דארט אהין צו פאהרען און איינקויפען די סחורות און מיר אהיים

אַ היים גישיקט און פיהל מאָהל איז ער דאָרט גיזעסען א גאנץ יאָהר און איך האָב איהם צו געשיקט געלד און ער האָט מיר גישיקט די סחורה. און אלע יאָהר איז ער אהיים גיקומען מיר איבער צו געבען א חשבון:

אַמאָהל איז ער נישט אהיים גיקומען צו דער צייט וואָס ער האָט גע־דאַרפען קומען און נישט אַ היים געשיקט קיין סחורה. האָב איך שטאַרק עגמת נפש געהאַט נאָר וואָס פאַר אַ עצה האָב איך גיהאַט און אַ פאָהר חדשים אַרום איז ער געקומען צו פאָהרען און האָט מיר דערציילט אַז ער האָט גיהאַט אַ עיכוב און וועג. און האָט מיר גיזאָגט וואָס האָט איהר גיהאַט עגמת נפש אַפילו איך זאָל חלילה שטאַרבען און וועג וועט אייער געלד נישט פער פאַלען ווערין און איך בין גרייט אייך אָב צו געבין אַ חשבון אַפילו נאָכען טויט. און איז אַוועק געפאָהרען און איז און וועג געשטאָרבען. איז מיר צוריק געקומען פון וועג סחורה און די רעשט געלד נאָר אָהן אַ חשבון האָב איך דערפון גיהאַט ע״נ און נאָך מעהר עג״נ האָב איך גיהאַט וואָס איך האָב אָהנגעוואָהרען אַזאַ איש נאמן. און אַ צייט אַרום איז ער מיר געקומען צו חלום און האָט מיר געזאָגט אַזוי ווי איך האָב אייך צו געזאָגט אַז אַפילו נאָכען טויט וועל איך אייך אָב געבין אַ חשבון בין איך געקומען אָב געבין אַ חשבון און האָט מיר אָב גיגעבען און גאַנצין חשבון פון דער סחורה האָב איך איהם גיפרעגט וואָס איז די סיבה וואָס ער איז ביז היינט נישט געקומען האט ער גיזאָגט ווייל מען האָט מיך נישט גיפרעגט קיין דין וחשבון ביז נאָך י״ט כסליו ווייל דאַמאָלט איז נסתלק גי־גיוואָרען דער מגיד הקדוש פון מעזריטש איז געוואָרען אַ גרויס רעש און הימעל און מען האָט זיך מכין גיוועזן איהם מקבל פנים צו זיין. און ווי ער איז אַ דורך גיגאַנגען האָט ער אויס גערופען יעדין נשמה וואָס האָט מיך גיקאָנט ביי מיין לעבין זאָל אויך מיט מיר מיט גיין זענין אַסאַך הינדערטע נשמות אויף גיגאַנגען מיט איהם נאָר איך בין נישט גיוועזען קיינמאָהל ביי דעם מגיד בין איך געבליבען שטיין האָט מיר דער מגיד געזאָגט די קום אויך דען די ביסט געהאַט געוועזען ביי מיר ווען דיין מוטער איז מיט דיר מעוברת געוועזען איז זי געוועזען ביי מיר איך זאָל מתפלל זיין אַז השי״ת זאָל איהר העלפען די זאָלסט זיין אַ ערליכער יוד און דער פאַר האָסטו אַ זכיה מיט מיר אויף צו גיין און ווי איך האָב גיהערט די גרויסע טובה וואָס דער מגיד האָט עם גיטוהן ווייל ער איז ביי איהם גיוועזין האָב איך עם גיפרעגט צו עס איז נאָך

דאָה

דאָה אַזאַ אַצדיק אויף דער וועלט האָט ער מיר גיזאָגט זיין אייניקעל דער ריזינער צדיק זכרונו לברכה בין איך גיקומין צו פאהרין איך זאל קאנין דעם רבין אַזוי האט דערציילט דער רב וואָס איז מיט גיפאָהרין מיט דעם עושר אַז ער אַליין האָט גיהערט די מעשה פון יענים עושר:

אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם ריזינער רבי'ן זצ"ל.

אַמאָהל איז איינער גיקומען צום רבין ר' מאירל פרימישלאַנער און אָב גיגעבען אַ קוויטעל האָט ר' מאירל גיזאָגט אויף איין קינד וואָס איז גישטאַנין אין קוויטעל דאָס קינד איז דעם ריזינערס. מאיר איז אַפעלטשער אָבער דער ריזינער איז אַ גרוסער דאָקטאָר די מעשה איז אַזוי גיוועזין דאָס קינד איז איינמאָהל גיוועזין מסוכן אַז דער דאָקטאָר האָט עס שוין מייאש גיוועהן און האָט שוין גיוואָלט אַוועק גיין האָבין עם דאָס בני בית אויף גיהאַלטען בעוויילע דער חסיד איז גיפאָהרען קיין ריזין האָבין זיי גיהייסין וואַרטין ביז ער וועט זייא געבין אַ ידיעה וואָס דער ריזינער האָט גיזאָגט פלוצלינג האָט דער דאָקטאָר דער זעהן אַז דאָס קינד האָט צוריק בעקומען אַ דפק און גיעפינט די אייגעליך דער נאָך האָט עס אָהנגיהויבען צו וויינען און דער דאָקטאָר האָט גיזאָגט אַז זיי זאָלין נישט מיינען אַז דאָס איז אַגיוועהנליכר זאַך נאָר דאָס קינד איז ממש פון טויט לעבידיג גיוואָרין דערנאָך איז ער אַהיים גיקומין האָט ער זיי דערציילט ווען ער איז גיוועזין ביים ריזינער האָבין זיי בעמערקט אַז פונקט און דער צייט איז דעם קינד בעסער גיוואָרין אויף דעם האָט ר' מאיר'ל גיזאָגט דאָס קינד איז דעם ריזינערס וואָרין עס איז לעבידיג גיוואָרין דורך דעם ריזינערס תפלה דער נאָך האָט ער איהם גיזאָגט אַ קוויטעל קען מאיר לייענען ב"ה דער זכות פון די צדיקים זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלין גיהאָלפין ווערין מיט אַלעס וואָס מיר דאַרפין אין אינזער אמונה זאָל זיך ביי אינז פערשטאַרקין אמן:

נועען ר' מאיר פרימישלאַנער איז נפטר גיוואָרין האָט מען דעם ריזינער ניט גיוואָלט דערציילין דען זייער ליבשאַפט איז זייער גרויס גיוועזין נאָר שבת צו נאַכטס נאָך הבדלה איז דער ריזינער זכרונו לברכה גיזעסין ביים טיש אין צווי ליכט האָבין גיברענט איז פּליצלונג איין ליכט אויסגעלאָשען

אויסגעלאָשען געוואָרין האָט מען עס צוריק אָהנגעצינדען איז דאָס צווייטער אויסגעלאָשען געוואָרען האָט זיך דער רייזענדער שטאַרק דערשראָקען און האָט געפרעגט די מענטשען וואָס זענען געוועזען ביים איהם זייא זאָלען איהם דערציילען וואָס פאַר א נייעס מען הערט עפּיס נאָר עס האָט קיינער נישט געוואָלט איהם דערציילען אַזוי א שלעכטי בשורה זונטאָג און דער פריה האָט ער געהייסען איינשפּאַנען די פערד און האָט אַרומגערינגעלט דאָס בית החיים זיבען מאָל און איז צוריק געקומען און האָט גוזר געוועזען אויף זיינע מענטשען זיי זאָלען איהם דערציילען וואָס פאַר אַנייעס עס הערט זיך דען ער זעהט אַ גרויס חשכות אויף דער וועלט. האָבען זיי איהם געמוזט אויס זאָגען און ווי דער רייזענדער האָט דאָס געהערט איז ער שטאַרק צורידערט געוואָרען און האָט זייער געזיפצט. און האָט געזאָגט מיר האָבען איהם ביי דעם לעבען אַזוי פיהל נישט געקענט זיין זכות זאָל אונז ביי שטיין:

אַ וואונדערליכע מעשה פון הייליגען גאון פון ווילנא.

ווי בעוואוסט האָט דער גאון אָב געפּרעגט גלות. דאָס הייסט ער האָט אַרום געוואַנדערט אויף דער וועלט און האָט זיך נישט אויסגעגעבען ווער ער איז. איינמאָהל איז אים אויס געקומען צו זיין פסח און זאָלקאָווא. איז ער געגאַנגען צום רב און האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל איהם אַהיים נעמען אויף פסח. האָט איהם דער רב געזאָגט איהר קאָנט דאָך עסען ביי וועלכען גביר ווען איהר האָבען אַ בעסערען יום טוב ווי ביי מיר האָט ער געזאָגט איך וויל ביי אייך. דען ביי אייך פערשטיי איך איז אַלעס מיטען גרעסטען כשרות. איז דער רב בעשטאַנען און האָט איהם צו זיך אַהיים גענומען אויף פסח. ווי עס איז געקומען צום סדר האָט איהם דער רב געפרעגט צו ער וויל מאַכען אַ בעזונדערן סדר. אויב איהר גיט מיר רשות בין איך געוויס צו פרידען. נאָר ווי דער רב האָט געזעהן אַז ער מאַכט אַנדערש דעם סדר ווי דער אַלטער מנהג האָט עס איהם שטאַרק פערדראָסען אַז אַ יונגער מאַן זאָל זיך איינטערשטעלען משנה צו זיין פון די אַלטע מנהגים. און דער פריה ווי דער רב איז געקומען און בית מדרש אַריין האָט ער דאָס דערצייל[illegible]

די לומדים פון שטאדט האבען זיי געזאגט מען זאל איהם טרייבען און לערנען אויב ער איז א למדן זאל מען איהם אב לאזין און אויב נישט זאל מען איהם מעניש זיין ווייל ער איז משנה פון דעם מנהג פון רוב יודען:

ביי דעם עסין האט איהם דער רב געהייסען זאגען עפיס א חידוש. האט ער נישט געוואלט. האט איהם דער רב געזאגט אפשר קענסטו ניט זאגען קיין חידוש וועל איך זאגען א חידוש ווערסטו פערשטיין האט ער געשאקלט מיטן קאפף אז ער וועט פערשטיין האט דער רב געזאגט פאר איהם א פילפול און ער האט געמיינט אז ער וועט עפיס אב פרעגען, נאר ווי ער האט געזעהן אז ער הערט אויס און ער איז זיך גאר נישט מפלפל מיט איהם און דעם ענין האט עס איהם פערדראסען און האט איהם געפרעגט אפשר פערשטייסטו נאך נישט וועל איך דיר נאך אמאהל איבער זאגען. האט איהם דער גאון געזאגט נאך וואס דארפט איהר אייך מטריח זיין נאך אמאהל איבער צו זאגען איך וועל אייך איבער זאגען און ער האט איבער געזאגט דעם גאנצען פילפול וואס דער רב האט געזאגט אפשר א שעה צייט און א פאהר מינוט. דען ער האט ארויס גענומען דעם טרעשטש פון דעם פשעטיל און עטליכע ווערטער זענען שוין געניג געוועזען צו אהנווייזען דעם חידוש וואס קומט ארויס פון דעם פשעטיל ווי דער רב האט דאס געהערט האט ער שוין פערשטאנען אז דער אורח איז פון די גרויסע לומדים און האט און איהם נוהג כבוד געוועזען. און ער איז געוועזען ביי איהם גאנץ פסח אסרו חג און דער פריה איז ער אוועק געגאנגען און האט איבער געלאזט ביים רב א רשימה מיט געלד פאר אלעס וואס ער האט געגעסען:

נאך א מעשה פון ווילנער גאון ז"ל.

ווען ער האט שוין געהאט איבער געקומען די גאנצע צייט וואס ער האט אויף זיך געהאט גענומען גלות צו ליידען איז געוועזין די ערשטע שטאדט וואס ער איז געקומען ליטא און ווי מען איז אין ליטא געוואהר געווארין אז דער ווילנער גאון איז געקומען איז די גאנצע שטאדט איהם אקעגין געגאנגין און פון דארט האט מען איהם געשיקט מיט דעם פאסט צוג קיין

בערלין

בערלין און זיי האָבין פאָהראויס גישיקט אַ רייטער ער זאָל זאָגין די דאָזעריס אַז דער ווילנער גאון וועט דאָרט אָהנקימין מיטן פאָסט צוג און דאַמאָלס איז גיוועזן איינער פון די דאָזאָרעס ר׳ יעקב צבי אַגרויסער גביר און ווי ער האָט דער הערט אַז דער גאון וועט קימען מיטען פאָסט צוג. איז ער גיגאַנגין צום דירעקטור פון דער פאָסט און איהם גיבעטין ער זאָל איהם געבין אַ ידיעה ווען עס וועט אָהן קימען דער פאָסט צוג און ער האט אויס גיראהמט זיין הויז אין צוגיגרייט אַ חדר וואָס עס זאָלין זיך קאָנין צו אים צינויף קומען תלמידי חכמים שמיסען און לערנין און קייגין איבער דעם גביר האָט גיוואָהנט דער גרעסטער פראָפעסער פון אוניווערזיטעט פון בערלין האָט ער איהם גיפרעגט וואָס ער מאַכט פליצלונג היינט אַזעלכע גרויסע הכנות האָט ער איהם גיזאָגט אַז עס דאַרף אָהנקומען אַ גרויסער גאון און ער איז אויך אַ גרויסער חכם און וועלטליכע זאַכען:

און ווי דער גאון איז אָהנגעקומען איז ער טאַקי איינגעשטאַנען ביי דעם גביר ר׳ יעקב צבי. און עס האָבען זיך באַלד איינגיזאַמעלט אַלע תלמידי חכמים פון בערלין. און דער גביר האָט אָהנגיגרייט פער יעדערין שבת כדי דער גאון זאָל האָבען מיט וועמען צו שמיסען און לערנען. איז אַריין גיקומען דער פראָפעסער צום גביר און האָט איהם גיבעטען ער זאָל גיין צום גאון און זאָגען אַז דער פראָפעסער וויל מיט איהם שמיסען און חכמה. האָט איהם דער גביר צו געזאָגט. נאָר שבת האָט ער מורא גיהאַט טאָמער וועט דער גאון נישט וועלין האָט ער גיוואַרט ביז פאַר נאַכט צו שלש סעודות. האָט דער גביר גיזאָגט דעם גאון איך האָב גיוואָלט עפיס בעטען וואָס נאָך מיין דעה וועט אַרויס קומען דערפין אַ קידוש השם און האָט דערציילט אַז דער פראָפעסער האָט איהם גיבעטען ער זאָל נעמען רשות פון גאון אַז דער פראָפעסער זאָל אַריינקומען שמיסען און חכמה. האָט איהם דער גאון גיהייסען אַריינקומען נאָך הבדלה איז דער פראָפעסער אַריינגעקומען און האָט גיפרעגט דעם גאון אַשאלה און דער חכמה פון שטערינזעהריי וואָס אַלע פראָפעסאָרען פון די בערלינער שקאָלעס קלערין שוין דריי יאָהר און קיינער קען נישט די זאַך פערשטיין האָט דער גאון גענומען אַ בלייפעדער און האָט אָהנגיצייכינט אויף אַ שטיקעל פאַפיער און דער מיט איז פערענטפערט גיוואָרען זיין שאלה און דער פראָפעסער האָט צו גינומען דאָס פאַפיער פריינדליך און האָט זיך אָב גיזעגינט און איז אַוועק גיגאַנגין ווי ער איז אַראָב גיגאַנגען פון די שטיגען האָט ער גיזאָגט צו די מענטשין וואָס האָבען איהם בעגלייט איהר זאָלט נישט מיינען אַז דער גאון איז

א מענטש נאר ער איז א מלאך. דען די שאלה וואס אלע גרעסטע פראָ־
פעסארען מיטשען זיך שוין דריי יאהר האט ער זי מיר און איין מינוט
גיענטפערט און דער פראפעסער האט נאך ביי נאכט צוגויף גירופען אלע
פראפעסארען און דער אקאדעמיע אריין און האט זיי איבער
גיגעבען דעם גאונ׳ס תשובה. זענין זיי אללע פערוואונדערט געווארען און
האבען מסכים גיוועזען אז צו מארגען זאלען אלע סטודענטען מיט די פראָ־
פעסארען גיין צו גאון איהם בעדאנקען פאר זיין ריכטיגע ערקלערינג
אבער ווי פערוואונדערט זיי זענין געבליבען אז זיי זענין געקומען און דער
פריה איז דער גאון שוין געהאט אוועק גיפארען:

א וואונדערליכע מעשה וואס ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער האט דערציילט.

רבי מאיר׳ל פרימישלאנער אז ער פלעגט אמאהל שמיסען פון דער מידה
פון בטחון פלעגט ער צו דערציילען די מעשה. מיין זיידע האט אוך
געהייסען מאיר און די גוים האבען איהם גרופען „ספראווידליווער״ דאס
הייסט אמת׳דיגער מענטש. דען ער האט קיינמאהל קיינעם נישט אבגינארט.
אפילו אז וואס ער האט נישט גיוויסט וויפיעהל די זאך האט א ווערט האט
ער איהם בעצאהלט די גאנצע ווערט פון דער זאך. זיין פרנסה איז גיוועזין
פון דעם וואס ער איז גיוועזען א מעקלער. א מאהל האט ער זיך מיישב
גיוועזען דאס איז נישט קיין בטחון און השי״ת אז ער איז מעקלער. דען
השי״ת קען איהם מפרנס זיין און ער זאל זיצען און בית מדרש א גאנצע
טאג און לערנען. האט ער אזוי געטוהן און האט אויפגעהערט צו גיין און
מארק אריין נאר ער איז גיזעסען א גאנצע טאג און בית המדרש און גילערינט
און האט געליטען א פאהר יאהר גרויס דוחקות ר״ל. ביז מען האט אויף
איהם און הימעל ממליץ גיוועזין און מען האט אויף איהם רחמנות געהאט.
איז געקומען און מארק אריין איין גוי מיט א כלי האניג. זענין צו גיקומען
מענטשען און האבען גיוואלט קויפען ביי דעם גוי דעם האניג האט ער
זיי געזאגט דאס ער וועט דעם האניג נישט פערקויפען נאר צו מאיר׳ל
ספראווידליווער האבען זיי פון איהם חוזק געמאכט. און ער איז אזוי
גישטאנען

געשטאנען ביז נאכט און ווייל מאיר'ל איז נישט געקומען איז ער אהיים געפארען מיטן האניג :

און ווי ער איז אהיים געקומען האט איהם די פויערטי געפרעגט פערוואס ער האט צוריק געברענגט דעם האניג. האט ער איהר געזאגט אז ער איז געשטאנען ביז פאר נאכט און מאירעק ספראווידליוועך איז נישט געוועזען אין מארק. און אנדערע מענטשן האט ער נישט געוואלט פערקויפן ווייל ער האט מורא געהאט אז זיי וועלין איהם אב נארען. האט איהם די פויערטי געזאגט פער וואס ביסטו נישט צו איהם אהיים געפאהרען אפשר איז ער נישט געזינד.

און אפאהר טאג ארום איז ווייטער דער פויער געפאהרען און שטאדט אריין און האט ווידער מיט גינימען די כלי האניג. און עס איז ווייטער צו געקומען צו איהם מענטשין וואס האבין געוואלט קויפן דעם האניג. אבער ער האט ווייטער געזאגט דאס ער וועט קיינעם נישט פערקויפען נאהר דעם מאירקע ספראווידליוועך. און זיי האבין פון איהם ווייטער געלאכט. אין ווי דער פויער איז אזוי געשטאנען א פאהר שעה און ער האט געזעהן אז מאיר'ל קימט נישט ארויס און מארק אריין איז ער צו געפאהרען צו איהם צו דער שטיב. אין איז אריין געגאנגען צו זיין ווייב און האט זי געפרעגט ווי איהר מאן איז דאה דען ער האט אכלי האניג און ער וויל קיינעם נישט פערקויפען נאהר איהר מאן. און ער איז גיוועזען און בית המדרש. איז דאס ווייב צו איהם געגאנגען און בית המדרש אריין און זי האט אהנגעהויבען צו וויינען פאר וואס זאלסטו דיך נישט מרחם זיין אויף דיין בני בית די קינדער גייען ארום און הינגערין גאנצע טעג. גיי אהיים עס איז גיקומען א גוי מיט א כלי האניג אפשר וועסטו עפיס פערדינען מיר זאלען האבען צו קויפען א שטיקיל ברויט און שטיב אריין. האט ער איהר געזאגט אז ער וועט אב לערנין די שיעורים וועט ער אהיים קומען איז דאס ווייב אהיים געגאנגען און האט אהנגעהויבען מיט דעם פויער צו רעדען ביז דער מאן איז א היים געקומען און זי האט גיהייסען דעם פויער ארויב נעמין די כלי מיטען האניג און שטיב אריין האט ער גיזאגט אז ער קאן נישט אליין ארויב נעמין דען עס איז שווער האבען די שכינים איהם צו געהאלפען און זיי האבען עס אריין גענימען און שטיב אריין הזט ער גיפרעגט דעם פויער ווי פיעהל ער וויל פאר דעם האניג האט ער איהם גיזאגט וויפיעהל ער וועט איהם געבין וועט ער נעמען דען די אלע גוים האבען איהם געהאלטען פאר א ערליכען מענטש אז ער נארט קיינעם נישט.

האט

האָט ער איבער גירעכענט אז דאָס האָט די ווערט צוואָנציג רייניש. און ער האָט איהם אָבער נישט געהאט צו געבען די צוואָנציג רייניש. דער ווייל איז אריין געקומען אַ שכנטע אז ער זאָל איהרס אַ קינד אָב שפּרעכין א עין הרע ר״ל האָט זי גיהערט אז זיי דארפין צו האָבען צוואָנציג רייניש האָט זי זיי געבאָרגט. האָבין זיי דעם פויער בעצאָהלט און ער איז אהיים געפאָרען און מיין זיידע מאיר׳ל איז זיך צוריק געגאנגען און בית מדרש אריין לערנען:

און ווי דאָס ווייב האָט געפרעגט אַ סוחר צו ער וועט קויפען דעם האניג האָטעהר זיך איהם געהייסען ברענגען האָט זי אָהנגעהויבען אַרויס צו נעמין ביסלעך ווייס דען אין גאַנצין מיט אַ מאָהל האָט זי דאָך נישט געקענט נעמין און ווי זי האָט שוין אַ העפּט געהאַט אַרויס גענימען האָט זי געזעהן אַז עס איז דאָה אַדעק און מיטען דער כלי. האָט זי זיך זייער דערשראָקען דען זי האָט געמיינט אַז דער פויער האָט זיי גינארט און אונטער דער דעק האָט ער אַריין געלייגט שטיינער דריבער איז עס אַזוי שווער געוועזען איז זי געלאָפין צו איהר מאַן און בית מדרש אַריין און האָט איהם דערציילט פון דעם אומגליק ר״ל וואָס זיי האָט געטראָפען. און האָט אָהנגעהויבען צו וויינען ווי וועלין מיר נעמין אָב צו געבין דער שכנטע די צוואָנציג רייניש וואָס מיר האָבען געבאָרגט האָט דער מאַן איהר געזאָגט מיר וועלין פערקויפען דאָס הויז און מיר וועלין די צוואָנציג רייניש אָב געבין. און ער איז אהיים געגאנגען און האָט אויפגעהאקט די צווייטע דעק וואָס איז געוועזען אין דער כלי. איז געוועזען פיהל מיט גאָלדענע מטבעות. האָט ער געזאָגט דאָס איז מעשה ניסים טאָהר מען דערפין נישט קיין הנאה האָבין. נאָהר אוועק געבין אויף צדקה. און ער האָט דאָס אינגאַנצין צעטיילט אָרימע לייט. נאָהר דאָס וואָס זיין ווייב האָט דער ווייל אראָב געגנבעט זענען זיי געוועזען גבירים אין זייער גאנץ לעבען:

אין דערנאָך און אפּאָהר וואָכען איז דער פויער ווייטער געקומען צו זיי עפּיס פערקויפען האָט זי איהם גיפרעגט ווי ער האָט גענימען דעם האָניג האָט ער געזאָגט דאָס ער איז געפאָהרען און וואלד נאך האלץ האט ער אויס געשפּאנט די אקסין און האט זיך אנידער געשטעלט האקין א בוים און האט איהם ארויף געלייגט אויף דער פיהר ווי ער האט שוין געוואלט אוועק פאהרען זעהט ער אז די אקסען זענען נישט דאה איז ער זיי געגאנגען זיכען אין וואלד האָט ער זיי געטראָפען שטיין ביי א גראָבען

בוים

בוים אין ער איז געווען הויל און עס זענען פון איהם ארויס געפלויגן בינען האט ער גענומען די האק און האט אינטער געהאקט דעם בוים איז די כלי געשטאנען אינווייניג. האט ער געמוזט אב ווארפן דאס גאנצע האלץ אין ארויף לייגן די כלי אויף דער פוהר דען די אקסען האבען די כלי אליין אויף קוים געקענט דער שלעפין. און ער ווייסט גאהר נישט ווי עס האט זיך צו איהם גענומען אזוי א קראפט דאמאלס אז ער האט אליין געקענט ארויף לייגען די כלי אויף דער פוהר. דען און שטאדט האט ער זי בשום אופן נישט געקענט אויפהייבען אזוי איז דער כח פון בטחון האט דער רבי ר׳ מאיר׳ל זכרונו לברכה געזאגט:

א ווינדערליכע מעשה וואס ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער האט דערציילט.

א חסיד וואס פלעגט אסאך יאהרען פארען צו ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער זכרונו לברכה. און ער האט לא עלינו נישט געהאט קיין קינדער און ר׳ מאיר׳ל פלעגט איהם אלע מאהל צו זאגען אז ער וועט מיט השי״ת הילף האבען קינדער. און אין דער צייט איז דער הייליגער ר׳ ישראל׳טשי ריזינער זכרונו לברכה אנטלאפען פון רוסלאנד קיין סאדיגער און די עסטרייכישע רעגירונג האט איהם געוואלט צוריק שיקען קיין רוסלאנד און עס איז געוועזען א ספעציעלע זיצונג און דעם פארלעמענט וועגען דעם צו מען זאל איהם לאזען וואהנען און סאדיגער צו מען זאל איהם צוריק שיקען קיין רוסלאנד און דער הייליגער ריזינער איז דאמאלט זייער נישט רוהיג געוועזען דערפין איז דער חסיד געקומען צו ר׳ מאיר׳לן אויף שבת נאך שבת. האט דער רבי ר׳ מאיר׳ל געזאגט צום חסיד. איך וועל דיך שיקען קיין סאדעגער צום הייליגען צדיק ר׳ ישראל׳טשי ריזינער און דארט וועסטו געהאלפען ווערען מיט השי״ת הילף מיט קינדער. און האט אויף גיעפינט דאס שיפלאד און האט ארויס גענימען א שליסעל און איז צו בעגאנגען צו א שאפע און האט ארויס גענימען א חלה פון די צוועלף חלות און האט איהם גיגעבען און האט געזאגט איך גיב דיר א חלה פון יענע צוועלף חלות די זאלסט זי געבען דעם הייליגען צדיק פון ריזין און זאלסט איהם

איהם זאגען אז איך האב דיר דאס גיגעבען פאר א סימן אז איך האב דיך צו איהם געשיקט און זאלסט איהם זאגען אז דאס איז פון מיינע צוועלף חלות פון שבת. דערנאך האט ער איהם געזאגט איך וועל דיר געבין נאך א סימן. די זאלסט איהם זאגען אז ער גייט אויפען גלייכען שאסיי און איך גיי אויפן פוילישען וועג און דערנאך קומען מיר ביידע גלייך האט שוין דער חסיד גיוואלט אוועק גייען האט דער רבי ר׳ מאיר׳ל צוריק גערופען און געזאגט איך וועל דיר געבען נאך א סימן די פאהרסט שוין צו מיר פערצעהן יאהר און די האסט ביי מיר א חזקה צו זינגען שבת יום זה מכובד. אלזא ווען די וועסט קומען קיין סאדיגער אפילו און דער וואלטען זאלסטו אויך זינגען דעם גאנצען זמר יום זה מכובד. אויף דעם אז ער זאל זינגען יום זה מכובד האט ער איהם אהנגעזאגט למה״ש ער זאל נישט אנדערש טוהן נאר אויס זינגען דעם גאנצען זמר מעג זיין וועלכען טאג ער וועט קומען. און דער חסיד איז אוועק געפאהרען קיין סאדיגערי

און איז אהין געקומען דינסטאג:

דאמאלס איז געוועזען דאס זיצינג און ווייען צו מען זאל דעם ריזינער לאזין וואהנען און סאדעגער אדער מען זאל איהם צוריק שיקען קיין רוסלאנד דריבער איז דער ריזינער ארום געגאנגען שטארק פערטראגען און דער חסיד איז אריין געקומען און האט געזאגט די גבאים אז ער איז א פרימישלאנער חסיד און ער פאהרט פון פרימישלאן ספעציעל אב געבען א גריס דעם רבין פון ר׳ מאיר׳ל האבען די גבאים זיך דער פרייט דען זיי האבען געוויסט אז ווען עס איז דאה עפיס א גריס פון ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער ווערט דער רבי אביסעל פריילויכער. און אויך האבען זיי גערעכענט אפשר וועט עפיס גוט נייעס זיין וואס עס איז אינטרעסאנט האבען זיי איהם תיכף אריין געלאזט. און אויך אלע גבאים זענען מיט אים אריין געגאנגען צו הערען וואס פאר א גריס ער האט געבראכט. איז דער חסיד אריין געקומען און האט שלום גענומען און האט געזאגט. מיין רבי ר׳ מאיר׳ל פרימישלאנער האט מיך געשיקט צו אייך אז איהר זאלט מיר צו זאגען אז מיט השי״ת הילף וועל איך געהאלפען ווערען מיט קינדער. און האט מיר גיגעבען א סימן א חלה פון זיינען צוועלף חלות האט דער ריזינער זכרונו לברכה גענומען פון שיפלאד א שליסעלע און האט גיעפענט א שאפע און האט די חלה ארויס געלייגט דערנאך האט דער חסיד געזאגט איך האב נאך א סימן מיין רבי האט געזאגט אז איהר גייט און גלייכען שאסיי און ער גייט פוילישען וועג דערנאך קימט איהר ביידע גלייך אויף איין ארט. דער נאך האט ער

ווידער

ווידער געזאגט איך האב נאך א סימן יום זה מכובד און האט אהנגעהויבין צו זינגען הויך יום זה מכובד ביז ער האט אבגעזינגען דעם גאנצען זמר און דער ריזינער זכרונו לברכה איז שטארק פריילך געווארען און האט אהנגעהויבען צו לאכען, און די מענטשין וואס זענען דארט געוועזען האבין זיך אויך נישט געקענט איינהאלטען פאר געלעכטער. און אין דעם טאג איז אין וויען געבליבען אז דער ריזינער זכרונה לברכה איז א גיבוירינער סאדעגערער און מען זאל איהם נישט ארויס שיקען קיין רוסלאנד. דאס האט געמיינט דער רבי ר' מאיר'ל פרימישלאנער מיט דעם יום זה מכובד. און דער ריזינער זכרונה לברכה האט געזאגט צו דעם חסיד איך וייס גאר נישט נאך וואס ער האט אייך געשיקט צו מיר פאהרט א היים געזינטע הייט איהר האט שון א ישועה. דער חסיד איז אהיים געפאהרען און השי"ת האט איהם געהאלפען מיט קינדער און הצלחה זיין גאנץ לעבען:

א ווינדערליכע מעשה פון ר' מאיר'ל פרימישלאנער זכרונו לברכה.

אמאהל זענען געקומען צום רבי'ן ר' מאיר'ל קיין פרימישלאן צווי מענטשין פון גאלאף איינער א יונגערמאן און איינער איז נאך געוועזען א בחור. האט זיי דער רבי ר' מאיר'ל גיפרעגט צו עס איז דא און גאלאף ערליכע יודען האט דער יונגערמאן געזאגט. זיי זענען טריפה ווי א לעכט. איז דער רבי ר' מאיר'ל זייער שטארק בייז געווארען אין ער איז וייס געווארען ווי קאלעך און האט דעם יונגערמאן געשאלטען מיט אלע קללות וואס געפינען זיך און דער תוכחה ר"ל און האט שוין מיט איהם נים געוואלט רעדין. נאר ער האט גיפרעגט דעם צווייטען דעם בחור וואס ער פערלאנגט. האט ער געזאגט אז ער וויל טוהן א שידוך נאר עס קומט איהם נישט איגטער א לייטישען שידוך. האט איהם דער רבי ר' מאיר'ל גיבענטש מיט אלע מיני ברכות. און ווי דער בחור האט גיזעהן אז דער רבי רעד מיט איהם זייער פריינדליך האט ער גיזאגט דעם רבי'ן וואס קומט מיר ארויס פון די אלע ברכות דער יונגערמאן איז דאך מיין שותף און איהם האט דאך דער רבי געשאלטען האט דער רבי געזאגט דעם בחור הער נאר

מיט

בִּיז וואָס איך זאָג דיר אָהן די וועסט אהיים פאָהרען טאָמער וועט ברענגען זאָל דיך גאָהר נישט שאַדין און די זאָלסט נישט גיין קיקען מעג זיין ווי עס וועט זיין. זענען זיי אהיים געפאָרען און אין אַ פאָהר וואָכען ארום האָט אויס געבראָכען אַ שרעקליכע שריפה טאַקי ביי דעם יונגערמאַן און הויז און ער האָט געוואָלט אַלעס אַרויס ראַטיווען איז ער אַליין פערברענט געוואָרען ר״ל און דער בחור האָט דערנאָך גענימען זיי ווייב דען זי איז גיוועזען א פיינע בריה אַ אשת חיל און האָט מיט איהם געהאט קינדער און זיי האָבען געפיהרט א גליקליך לעבען פון דאַנען קענען מיר זיך אַרויס לערנען אַ מוסר נישט חלילה צו רעדין קיין שלעכטס אויף קיין אידען. דען מען איז און המעל דערפין נישט צופרידען און השי״ת זאָל אינגז אָפהיטען פון אַלע אומגליקען׃

ספר

תפארת הצדיקים

דא ווערט דערציילט זייער ווינדערליכע מעשיות וואס עס האט זיך פאסירט ביי דיזע גאונים.

ווינדערליכע מעשיות פון רבי'ן מלובלין זצ"ל.
א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' אורי' סטרעליסקער זצ"ל.
א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' חיים קאסיבער זצ"ל.
א ווינדערליכע מעשה פון הגאון ר' יהודא החסיד זצ"ל.
א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' הירש מליך דיניבער זכרונו לברכה.
זייער ווינדערליכע מעשיות פון רבי'ן ר' משה לייב סאסיווער.
א ווינדערליכע מעשה וואס האט זיך פאסירט מיט דעם רבי'ן ר' שניאור זלמן זצ"ל.
א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' פנחס און פון רבי'ן ר' שמעלקי זצ"ל.
זייער ווינדערליכע מעשיות פון הייליגען קאזניצער מגיד זכרונו לברכה.
א ווינדערליכע מעשה פון בראדער רב זצ"ל.

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' אברהם כהנא נאלעווקא 39

ווארשא

שנת תרפ"ד לפ"ק

TYFERES HACADIKIM

Wydanie księgarni
A. KAHAN Warszawa Nalewki № 39
konto czekowe P. K. O. 5723.
1924.

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

תפארת הצדיקים

אַן ווּנדערליכע מעשה פון רבי'ן פון לובלין ז"ל.

דער רבי פון לובלינ'ס פאָטער האָט געוואָהנט און לאַנצוט און זיין זוהן ר' איציק'על האָט געשעמט פאַר און עילוי. האָט ער מיט איהם געטוהן אַ שידוך און אַ אַנדערי שטאָדט מיט אַגרויסען גביר. און דער גביר האָט דעם חתן אויס גיקליידט און האָט נאָך דעם פאָטער צו געגעבין געלד און קעשינע אַריין. און ווי עס איז גיקימען דער זמן חתונה האָט דער גביר איהם גישיקט אויף דער הוצאה און זיי זענין גיקימען צו פאָרין און גבירס שטאָדט אַריין האָט דער חתן געזאָגט צו זיין פאָטער אינזערי חכמים זכרונו לברכה האָבין געזאָגט אַז מען טאָר נישט מקדש זיין קיין אשה איידער מען זעהט זי און איך האָב דאָך נישט געזעהן די כלה. האָט איהם דער פאָטער געזאָגט גיט איך גייא צו מחותן און וועל איהם זאָגען אַז ער זאָל זי איהם שיקען. איז ער געגאַנגין צום מחותן און האָט איהם געזאָגט אַז דער חתן וויל זעהן די כלה. איז דער מחותן אַריין גיגאַנגין צו זיין טאָכטער די כלה און האָט איהר דאָס געזאָגט. איז זי זייער צו פרידען געוועזין דער פון. און האָט זיך תיכף אָהנגעטהון דאָס גאַנצע צוהריינג און איז געגאַנגען מיט איהרע חברי'טית צום חתן און דער פאָטער האָט זי איהם געוויזען. פאַר נאכט האָט מען אָה נגעהויבן צו שרייען מען זאָל גיין צום בעדעקינס דען די חתן כלה האָבין שוין געגיג געפאַסט. האָט דער חתן געזאָגט צו זיין פאָטער אַז ער וויל נישט גיין צום בעדעקינס ער האָט געזאָגט ווייל ער האָט געזעהן אַ שתי וערב אויף איהר שטערין. און זיין פאָטער האָט געוויסט אַז זיין קינד איז זייער אַ ערליכער און א ירא שמים נאָר פאַר קיין נביא האָט ער איהם נישט געהאַלטין האָט ער צו איהם געזאָגט אינזערי חכמים זכרונו לברכה האָבין דאָך געזאָגט אַז עס איז גלייכער אַז

אַ מענטש זאָל זיך לאָזין אַריין ווארפין און אַ קאַלעך אויוועַן אַריין און ער זאָל קיין מענטש נישט פערשעמין און אויב די וועסט יעצט נישט גיין צו בעדעקענס וועסטו דאָך די מחותנים אָהנטהון זייער אַגרויסע בושה. און אויך האָבין זיי געמאַכט זייער גרויסע הוצאות אויף דער חתונה. האָט דער חתן געזאָגט און וואס זאָל איך אָבער טוהן אַז איך האָב געזעהן אַזאַ שלעכטין צייכין אויף איהר שטערין האָט איהם דער פאָטער געזאָגט אויב די ווילסט מיך הארכין זאָלסטו גיין יעצט צום בעדעקינס און אויך צו דער חופה און זי מקדש זיין כדת משה וישראל. דער נאָך אַז די וועסט נישט קענין מוט איהר וואהנען וועסטו דיך גט'ין:

האָט ער גיפאָלגט דעם פאָטער און איז געגאַנגין צו דער חופה און מען האָט געמאַכט אַגרויסע סעודה. און דער פריא איז דער פאָטער אַריין געגאַנגין און האט זיך מיט זיי געזעגינט און איז אַוועק געפאהרען און ער האט זיך געטראַכט, איך האָב איהם דאָך איבער געלאזט ביי און גביר מסתמא וועט אַלעס זיין און אָרדינונג. אָבער דער יונגער מאַן האָט אויף זיין ווייב אַפילו נישט געוואָלט קיין קוק געבין און די ערשטי פאָהר טעג האָבין זיי איהם גאָר נישט געזאָגט. נאָר ווי עס איז אַוועק געגאַנגין עטליכע וואָכין איז דער גביר אַריין גיגאַנגען צו איהם און האָט איהם געזאָגט פער וואָס פערשעמסטו מיין טאָכטער אויב זי גיפעלט דיר נישט קאָנסטו זי גט'ין און איך וועל דיר אָב געבין דיינע צווריס'נע קליידער. און קענסט דיר גיין ווי די וועסט וועלין. האָט ער איהר גיגעבען אַ גט און איז פון דאָרט אַוועק גיגאַנגען:

דער נאָך ווי ער האָט זי ג'גט האָט ער זיך מיישב גיוועזען עס טויג נישט ער זאָל אַהיים גיין צו זיין פאָטער. דען ער וועט האָבען עגמת נפש דערפין איז ער געגאַנגען קיין מעזריטש צום רבי'ן ר' בער און איז דאָרט גיזעסען זיבען יאָהר און האָט גילערינט ביי טאָג און ביי נאַכט. און סוף פון די זיבען יאָהר ווי ער האָט שוין געהאַט אַ סאַך אָהנגילערינט תורה און חסידות. האָט ער זיך געלאָזט אַהיים גיין. און דאָס איז גיוועזען חנוכה צייט און ער איז נישט געגאַנגען גוט אָנגעטוהן. און עס איז און דרויסען זייער קאַלט גיוועזען. אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט איבער האַלטען. האָט ער דערזעהן אַ קרעטשמי איז ער דאָרט אַריין געגאַנגען אפשר וועט מען איהם דאָרטען לאָזען בעכטיגען. ווי ער איז אַריין געקומען און דער קרעטשמי אַריין האָט ער גיזעהן אַז און דער קרעטשמע איז גיוועזין נאָר אַ יונג ווייבעל. האָט ער זי גיפרעגט ווי איהר מאַן איז דאָה האָט זי איהם געזאָגט אַז ער איז און אַדאָרף דער לעבין גיין

ער

ער וועט אוודאי אין אַ שעה אָדער העכסטינס אין צוויי שעה אַהיים קימען
האָט ער זיך איבער גערעכינט מען טאָר דאָך נישט זיין מיט אַ אשה אַליין.
האָט זיך איהם אָבער אויס גיוויזען אַז ווען האָבין אינזערע חכמים געזאָגט
אַז אויף עריות זאָל מען זיך לאָזין הרג'נין און נים טוהן די עבירה דאָס איז נאָר
ווען ער דאַרף טוהן די עבירה פון עריות אָבער צו זיין מיט אַ אשה אַליין
איז דאָך נישט קיין חיוב זיך מוסר נפש צו זיין און ער האָט געפילט אַז
ווי באַלד ער וועט נאָך גיין אַ שטיקעל וועגס וועט ער געפרוירען ווערין
דריבער איז גלייכער אַז ער זאָל דאָ איבער נעכטיגען. האָט ער זיך
געקויפט לעכט און האָט זיך אַנידער געזעצט לערנען. איז די בעל הבית'טע
צו גיקומען און האָט אויסגילאָשין דאָס לעכט און האָט איהם אָהנגירעדט
ער זאָל מיט איהר טוהן אַ עבירה האָט ער נישט געוויסט וואָס פאַר אַ עצה
צו טוהן דען זי האָט פערשלאָסין די טוהר אַז ער זאָל נישט קענין אַנטלויפין
האָט ער איהר געזאָגט אַז ער מיז פריער אַרויס גיין. און ער לאָזט איהר
איבער דאָס פעקיל זיינס פאַר אַ משכון אַז ער וועט באַלד צוריק אַריינקמען
האָט זי איהם אויפגישלאָסין און ווי ער איז אַרויס גיקימען האָט ער
זיך געטראַכט יעצט איז שוין די צייט וואָס עס האַלט ביי דער עבירה
פון עריות אַליין. דריבער וועט ער זיך מוסר נפש אַזוי ווי דער דין איז.
און איז פון דאָרט אַ וועק געלאָפין. און די קעלט איז גיוועזען זייער
גרויס איז ער פערחלשט געוואָרין און איז אַ נידער געפאַלין אויף דער ערד
און אַזוי ווי ער איז נאָר פון דאָרט אַרויס געגאַנגען. איז איהר מאַן דער
בעל הבית פון דער קרעטשמע אָהנגיקימען. האָט ער געפרעגט וועמינס
איז דאָס פעקיל האָט זי איהם געזאָגט מסתמא פערקערט אַזוי ווי די מעשה
פון יוסף הצדיק מיט פוטיפר'ס ווייב. אַז עס איז דאָ אַריין גיקימען אַ ישיבה
בחור מיט דעם פעקיל און האָט זי געבעטען אַז זי זאָל איהם לאָזען דאָ
נעכטיגען האָט זי איהם געלאָזט. האָט ער זיך געלאָזט אויפין קול לערנין
און זי האָט גימיינט אַז ער איז אַ ערליכער מענטש האָט זי איהם געבעטען
ער זאָל נאַכטיגנג געבין און זי איז זיך גיגאַנגין ליגין שלאָפין און ווי ער האָט
געזעהן אַז איך האָב מיך אויס געטיהן האָט ער פערשלאָסין די טיהר אין
אויסגילאָשין דאָס לעכט און האָט מיך געוואָלט פערגוואַלדיגען. נאָר ווי איך
האָב אָהנגעהויבין צו שרייען אויף מיין קול אַז די וועסט זיכער שוין באַלד
אָהנקימען האָט ער מורא בעקומען און איז אַנטלאָפין און האָט איבער געלאָזט
דאָס פעקיל אויפען טיש. און עס איז דורך געפאָרען אַ בעל עגלה דורך
דער קרעטשמע. איז ער אַריינגעגאַנגען טרונקען אַ ביסעל בראָנפען האָט ער

גיהערט ווי זי דערציילט דעם מאַן די מעשה. און ער איז אויך געפאָרען אויף
דעם וועג ווי דער רבי פון לובלין ז״ל איז גיגאַנגען און ווי די פערד האָבין
גיזעהן ליגען אַ מענטש אויף דער ערד האָבען זיי זיך דערשראָקען און
האָבען זיך אָב גישטעלט. איז דער בעל עגלה אַראָב געגאַנגען זעהן וואָס
דאָרט איז האָט ער דער זעהן אַ מענטש ליגט און שניי האָט ער איהם
נעגנימען אויפען וואָגען און האָט איהם אָהנגעהויבען צו רייבען מיט בראָנפין
ביז השי״ת האָט געהאָלפען דאָס ער האָט איהם דערמונטערט. און חאָטש
דער בעל עגלה האָט פערשטאַנען אַז דאָס איז דער מענטש וואָס די
קרעטשמערין האָט פון איהם דערציילט אַז ער האָט זי גיוואָלט פערגוואַלדיגען
פון דעסט וועגין האָט ער גיהאַט אויף איהם רחמנות. און האָט איהם אַרום
נעדעקט מיט אַלטע שטיקער וואָס ער האָט געהאַט אויפען וואָגען און איז
מיט איהם אַוועק געפאָרען:

און ווי דער היילינער רבי האָט זיך אַביסעל בערוהיגט און אָהן גיוואַרימט
האָט ער שטאַרק אָהנגעהויבען צו וויינען אַז השי״ת זאָל איהם מוחל
זיין וואָס ער איז גיוועזען מיט אַ אשה אַליין און שטיב דען ער זעהט דאָך
אַז עס האָט איהם גאָר נישט גיהאָלפען. פערקעהט ער האָט דאָס פעקיל
זיינס אויך היזק געהאַט. איז דאָך אַ בעוויז אַז ער האָט די זאַך ניט רעכט
געטוהן און ער האָט אַזוי לאַנג געוויינט ביז ער האָט אַריין גיברענגט
אַ געדאַנק פון תשובה און דער בעל עגלה און ער האָט אויך אָהנגעהויבען צו
שרייען וואָס האָט זיך מיט מיר געטוהן וואָס איך האָב אַזוי פיעל געזינדיגט
און האָט שטאַרק תשובה געטוהן. דערנאָך האָט ער זיך איבער גערעכענט
וואָס איז ער עפּיס משוגע געוואָרען ער זאָל דערציילען פאַר אַ פרעמדין
מענש זיינע עבירות וואָס ער האָט געטוהן. האָט ער זיך איבער גירעכינט
אַז עס איז נישט אַנדערש נאָר דער מענטש וואָס ער האָט איהם אויפגינימען
אויף דער פיהר איז א ערליכער מענטש און ער האָט איהם גיברענגט דער
צו תשובה צו טוהן. און די מעשה פון דער קרעטשמערין איז פערקערט.
דאָס זי האָט איהם צו גירעדט צו טוהן איין א עבירה. און ער איז מיט
איהם אזוי געפאָרען א פאָהר מייל האָט ער איהם גיפרעגט ווי אהין ער
דארף. האָט ער געזאָגט קיין לאַנציט. און אז זיי זענען צו געקמען צום וועג
וואס מען דארף זיך אב דרייען קיין לאַנציט ראט דער בעל עגלה גיזאָגט
איהר דארפט דאָך און דער זייט. און איך פאָהר און איין אַנדערי זייט איז ער
אַראָב גיגאַנגען פון דער פיהר און האט געזאגט צום בעל עגלה. וואס פאר
אַ בקשה דארפט איהר ווען איך איך בענטשין האט דער בעל עגלה געזאגט

ווָאס

וואס פעהלט מיר איך האב דאך א ווייב מיט קינדער אין א וואגין מיט א פאהר גיטע פערד. וואס זשע דארף איך פון השי"ת און וואס דארף השי"ת פון מיר. פרעגט אידם דער היילינער רבי פון לובלין און זוהן האט איהר אויף האט ער געזאגט ניין ער האט נישט נאר טעכטער. האט איהם דער רבי גיבענטש אז ער זאל געהאלפען ווערין מיט א בן זכר און אז דער רבי זאל איהם בענטשען צו דער חופה. און האט זיך מיט איהם אב גיזעגינט און איז אוועק גיגאנגען זיין וועג קיין לאנציט. און דער פאטער האט מיט איהם געטוהן א שידוך פון לובלין און דער רבי איז דארט גרויס גיווארען און בעשהמט אויף דער גאנצער וועלט מיטן נאמען דער חוזה פון לובלין און ווייא דער בעל עגלה איז אהיים גיפאהרען און זיין ווייב האט דאס זעלבע יאהר געהאט א בן זכר. און ווי זיין זוהן איז אויף געוואקסען און ער איז שוין אלט געוועזען פינף און צוואנציג יאהר האט דער פאטער מיט איהם א שידוך געטוהן פון לובלין מיט א צווייטען בעל עגלה. אין ווי עס איז געקימען פאר דער חופה האט דער מחותן פין לובלין געזאגט אזוי ווי עס איז היא דא א רבי איז גלייך מיר זאלין גיין פאר דער חופה צי איהם אז ער זאל בענטשין אינזערי קינדער די חתן כלה. איז דער מחותן בעשטאנען אין זיי זענען אהין געגאנגען מיט די חתן כלה. אין ווי דער בעל עגלה איז אריין געקימען אין האט דערקענט דעם רבין האט ער גענעבין אפאטש מיט ביידע הענד און אויסגעשריגען דאס איז דאך דער אייגענער און די מענטשין וואס זענען דארט גיוועזען האבין זיך דערשראקין דען זיי האבין נישט געוויסט וואס ער מיינט דערמיט און דער בעל עגלה האט זיך ארום גערדרייט און שטיב און איז ווידער צו געגאנגין צום רבין און האט איהם אהן געקיקט און ווידער ווינדערליך אויסגעשריגען דאס איז דאך דער אייגענער און אזוי איז געוועזען דריי מאהל האט איהם דער רבי געפרעגט וואס ער מיינט דער מיט. האט ער איהם בעזאגט איהר גערענקט נישט דעמאלט ווען איהר זענט אנטלאפין פון דער קרעטשמי און איך האב אייך גיטראפין ליגען און שנייי גיפרארין און האב אייך דער מינטערט האט איהר מיך געבענשט אז איך זאל האבען א זוהן און איהר זאלט איהם בענטשין צו דער חופה. יעצט איז אייער ברכה מקוים גיווארען זייט מקיים וואס איהר האט צו געזאגט האט זיי דער רבי געבענטשט זכותו יגן עלינו:

וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן פון לובלין ז"ל:

און זאַמישטש איז געוועזען אַ סך מתנגדים און דער ראש הקהל איז אויך געוועזען אַ גרויסער מתנגד און אַז זיי זענען געוואָהר געוואָרען אַז מען איז געפאָהרען צו אַ רבי'ן האָבען זיי איהם גרודיפט. און עס דאָרט געוועזען צוויי יונגע לייט וואָס זיי האָבען זייער חשק געהאַט צו פאָהרען קיין לובלין נאָר זיי האָבען מורא געהאַט פאַר די שטאָדט לייט. האָבען זיי זיך איינמאָהל אָב געשמועסט אַז זיי זאָלען נישט נעמען נאָר טלית און תפילין און אַ שבת'דיגע קאַפּאָטע און זיי זאָלען אַפילו נישט דערציילען זייערע ווייבער און זיי זענען געגאַנגען און וועג אַריין. ווי זיי זענען שוין געוועזען דריי מייל פון שטאָדט. האָט זיי בעגעגענט זייער ראש הקהל. און האָט זיי גיפרעגט ווי זיי גייען. האָבען זיי געזאָגט אַז זיי גייען האַנדלען. האָט ער געזאָגט איהר זאָגט ליגענט איהר גייט אַ וודאי קיין לובלין צום רבי'ן און ער האָט געהייסען אַ גוי ער זאָל זיי אָב היטען און ער וועט גייען צום נאטשאלניק ער זאָל זיי שליסען און קייטען און אהיים פיהרען קיין זאַמישטש און ער איז אַוועק געגאַנגען האָבען זיי גיבעטען דעם גוי אַז ער זאָל זיי אָבלאָזען דען זיי זענען דאָך נישט קיין גנבים אַז מען זאָל זיי שליסען און קייטען. האָט ער זיי געזאָגט זיי זאָלען איהם געבען אויף אַ טרינק בראָנפען וועט ער זיי אָב לאָזען האָבען זיי איהם גיגעבען און ער האָט זיי אָב גילאָזט זענען זיי אַנטלאָפען און אַ וואַלד אַריין און ווייל עס האָט אָהנגיהויבען צו רעגענען זענען זיי אַריין גיגאַנגען טיעפער און וואַלד ווי עס איז געדיכטע בוימער אַז זיי זאָלען נישט אַזוי דורך געווייקט ווערען און עס איז נאַכט געוואָרען האָבען זיי אויף גיהאָנגען זייערע מלבושים אויף דיביימער וואָס זענען געוועזען און דער העלפט אָב געשניטען און זיי האָבען אויפגעהאָנגען זייערי מלבושים מיט די היטלען אויף די אָבגעהאַקטע ביימער אויסצוטריקענען און זיי האָבען זיך גילייגט אינטער אַנדערע ביימער שלאָפען ווי עס איז אַביסעל ליכטיג געוואָרען האָט איינער געזאָגט צום צווייטען דאכט זיך מיר אז דער ראש הקהל אינזערער שטייט דאָה דען פון דערווייטענס האט איהם אויס גיזעהן דער בוים וואָס ער האָט אויפגעהאנגען דאָס היטעל מיט דעם פאלטען ווי א מענטש. האָט דער צווייטער געזאָגט נעם א שטעקען און ברעך אים די ביינער און ער איז אַזוי פער טראַכט געוועזען אַז ער האָט נישט געפיהלט אַז ער קלאַפּט און א בוים אַריין און האָט אהנגיהויבען צו שלאָגען דעם בוים און

גידאָרט

געשריגען רשע וואָס האָסטו געוואָלט פון אינז אין וואָס ביסטו געגאַנגען צום נאַטשאַלניק אינז הייסין שליסען אין קייטין וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבין מיר דיר גיטיהן. אין זענען אַוועק געגאַנגען קיין לובלין.

און ווי זיי זענען אַריין געקימען צום רבין פון לובלין זכרונו לברכה האָט ער זיי געפרעגט ווי האָט מען אַזוי אַ שטארק האַרץ צי שלאָגען אַ יוד. אין אָהנהייב האָבין זיי ניט פערשטאַנען וואָס ער מיינט דערמיט נאָר דער נאָך האָבין זיי זיך דערמאַנט די מעשה זענען זיי אַריין געגאַנגען צים רבי'ן און האָבין איהם דערציילט די גאַנצע מעשה וואָס זיי האָט געטראָפען מיט דעם ראש הקהל אין אַז ער פאַניגט זייער די וואָס פאָהרין צי רבי'ס. האָט זיי דער רבי געזאָגט איהר דאַרפט פאַר איהם שוין גאָהר קיין מורא ניט צי האָבין דען איהר ווייסט וואָס איהר האָט געטוהן מיט אייערי כלומר'שטע קלעפ ביי דעם ערשטען קלאַפ איז זיין ווייב געשטאָרבין און ביים צווייטען קלאַפ זענען זיינע קינדער גישטאָרבין און ביים דעם דריטען קלאַפ איז זיין גאַנץ פערמעגען פערברענט געוואָהרען ר"ל. פון דאַנען קאָן מען זיך אַרויס נעמין אַ מוסר ווי גרויס דער כח פון די צדיקים איז אַז אפילו זייערע תלמידים קענען אַזוי מעניש זיין דעם וואָס טוהט זיי שלעכטס חלילה:

אַווינדערליכע מעשה פון רבי'ן פון לובלין ז"ל:

דער צדיק ר' דוד זלאטעס זכרונה לברכה און דער חסיד ר' אליעזר פון דאָלינא זענען אַמאָהל געגאַנגען צו זאַמען קיין לובלין האָבען זיי געמיזט אַ דורך גייען דורך אַ קליין שטעדטיל וואָס דאָרט האָט ניט געוואָהנט קיין יודען. און אַז עס פלעגט דאָרט אַ דורך צו גייען אַ יוד האָבען זיי איהם שטאַרק געפּאַניגט און פאַר דער שטאָדט איז געוועזען אַ דאָרף וואָס דאָרט איז גיוועזען עטליכע יודען וואָס זיי האָבען געהאַט אַ קרעטשמע זענען זיי אַריין געגאַנגען און דער קרעטשמי זייי זאָלען דאָרט זיך אַ ביסעל אָב רוהען פון דעם וועג און זיי האָבין זיך געוואַשען און געגעסען און דאַמאָלט איז געוועזען די צייט פון ריקרעטי וגב און יודען האָט מען דאַמאָל'ס ניט גענומען צום מיליטער נאָר זיי האָבען בעצאָהלט

געצאהלט אזא פאדאטעק וואס האט געהייסען רעקרוטירונג איז פונקט אהן געקומען דער ראש הקהל וואס צו איהם האט גיקעהרט דאס דארף אז זיי זאלען איהם געבין דאס רעקרוטירונג. און ווי ער האט זיי גיזעהן זיצען זענען זיי איהם זייער גיפעלין און ער האט זיי שלום גיגעבען. און האט זיי גיפרעגט פון וואנען זיי זענען און ווי זיי גייען האבען זיי געזאגט זיי גייען קיין לובלין צום רבי'ן האט ער זיך פער זיי פערקלאגט אז ער האט אויך אײדעם וואס איז א גרויסער חסיד נאר ער קען פון איהם נישט אויס טען דען אז ער פאהרט קיין לובלין און ער איז דארטען צוויי חדשים פארט ער פון דארט קיין קאזיניץ און זאמט זיך ווידער און קאזעניץ דריי חדשים און אזוי פאהרט ער ארום און ער איז קיינמאהל און דער היים נישט דא. האבען זיי אים גיגעגעבען צו פערשטייען אז עס דארף איהם ניט צו פערדריסען אויף זיין איידעם און עס איז איהם איינגעגאנגען זייערע רייד אז ער האט אזוי הנאה געהאט דאס ער האט געהייסען זיי געבען ביער אויף זיין קאנטע און זיי האבען זיך גיזעגינט און זיי זענען אוועק ויגאנגען און ווי זיי זענען אריין געקומען און שטאדט אריין זענין זיי בעפאלען די שטאדט גוים און האבען זיי איינגעזעצט און תפיסה אריין. ווי עס איז טאג געווארען האבען זיי דערזעהן אז א יודינע זיצט אויך אין תפיסה האבען זיי זי גיפרעגט וואס מען האט זי איינגיזעצט. האט זי געזאגט דאס וויל מען האט גענימען איהר מאן איז זי מיט איהם מיט געגאנגען האבען זיי זי גיבעטען אז זי זאל גייען און דארף אריין און זאל זאגען דעם ראש הקהל וואס ער איז דארטען דא בייא דיא יודען אז די מענטשין וואס ער האט זיי נעכטען געגעבען ביער האט מען און שטאט איינגעזעצט און תפיסה. און זיי בעטען איהם ער זאל זיי קימען ארויס נעמען און אין דעם זכות וועט השי"ת העלפין דאס איהר מאן וועט אויך ניצול ווערין. די יודעני האט זיי צו געזאגט. און איז טאקי באלד ארויס געגאנגען און דארף אריין און האט נאך געטרויסען דעם ראש הקהל. זי האט דערציילט אז מען האט די יודען און אויך א סאך אנדערע יודען איינגעזעצט און שטאדט און דער תפיסה אריין. איז ער באלד מיט איהר מיט געגאנגען און שטאדט אריין און איז גלייך צו געגאנגען צו דער תפיסה און האט זיי געזאגט זיי זאלין זיך גאר נישט שרעקין דען ער וועט זיי מיט השי"ת הילף ארויס נעמין פון דער תפיסה. און ער איז אוועק געגאנגען און האט זיך געזאמט א האלבע שעה און איז תיכף גיקימען מיט איינעם פון דער פאליציי און האט געהייסין דעם סטרוזש אז ער זאל זיי אלע בעפרייען. און זיי זענען פון דארט

אַ וועק געגאַנגען קיין לובלין. און ווי זיי זענען אריין געקומען צום רבי'ן האָט זיי דער רבי געזאָגט שלום עליכם ישיבה בחורים דען ער האָט געזעהן דאָס זיי זענען געזעסען און תפיסה. האָבין זיי דערציילט דעם רבין דאָס זיי מיזען אַדורך גיין דורך דעם שטעדטיל אין די גוים פאַניגען זיי און אויך אלע יודען וואס גייען דארט א דורך ליידען פון זיי. האט דער רבי געזאגט אז זיי זענע אזעלכע רשעים מעגען זיי פערברענט ווערען און זיי זענען אוועק געוועזען א צייט ביים רבי'ן און לובלין:

דער נאָך ווען זיי זענען אהיים געגאנגען זענען זיי נאָך אמאָהל א דורך געגאנגען דורך דער שטאָדט האבען זיי שוין מעהר נישט גיזעהן און איהר נאָר קוימענס דען די גאַנצע שטאָדט איז פערברענט געוואָרען. זענען זיי פריילעך אַוועק גיגאַנגען און דאָרף אַריין וואָס איז גיוועזען אינטער דער שטאָדט אין זענען אַריין געגאַנגען און דער קרעטשמע אַריין ווידער זיך אָב ריהען האָט זיי דער בעל הבית דערציילט אַז אַזוי ווי זיי זענען אַוועק געגאַנגען פון דער שטאָדט דעם צווייטען טאָג האָט פליצלונג אויסגעבראָכין אַ שרעקליך פייער און שטאָדט און עס איז נישט מעגליך געוועזען גאָר נישט אַרויס צו ראַטיוועןן און אויך נישט דאָס פייער צו פערלעשען האָבין זיי בעמערקט אַז דאָס איז פונקט געוועזען ווען זיי זענען געוועזען ביים רבי'ן און ער האָט דאָס גיטוהן. זכותו יגן עלינו:

אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן פון לובלין ז"ל.

אַמאָהל זענען די חסידים געפאָהרען קיין לובלין אויף שבת און ווייל עס איז שוין געוועזען שפעט האָבין זיי מורא געהאט אז זיי זאָלין נישט פער בלייבין שבת אין וועג האָבען זיי געבעטען דעם בעל עגלה ער זאָל אביסעל געשווינדער פאָהרען האט ער זיי געזאָגט אויב איהר וועט פאַר מיינעט וועגען אויך אָב געבען אַ קוויטעל וועל איך פאָהרען געשווינדער האָבען זיי איהם צו געזאָגט. ווי זיי זענען אַריין גיקומען קיין לובלין און האָבען אָב געשריבען קוויטלעך האָבען זיי אָב געשריבען פאַר'ן בעל עגלה'ס וועגען אויך אַ קוויטעל. און ווי זיי זענען אַריין געקומען צום רבי'ן און אַנידער געלייגט די קוויטלעך האָט דער רבי גענומען דעם בעל עגלה'ס קוויטעל

אין

אין האָט שטאַרק געקוקט דערויף און האָט געזאָגט דער מענטש שיינט מיר זייער. האָבּין זיך די חסידים פערווינדערט אין האָבין געזאָגט דעם רבין אַז דאָס קוויטעל איז פון זייער בעל עגלה אין ער איז גאָהר אַ פּראָסטער מענטש האָט זיי דער רבי געזאָגט אפשר שיינט ער גאָהר יעצט אַזוי. אין ביי נאַכט ווי זיי זענען אַהיים געקומען אויף דער סטאַנציע איז דער בעל עגלה נישט געוועזען און ער איז גאָהר נישט געקומען נעכטיגען צו מאָרגינס און דער פריה איז ער געקומען אויף דער סטאַנציע האָבין זיי איהם געפרעגט ווי ער איז געוועזען ביי נאַכט האָט ער זיי דערציילט אַז אַזוי ווי ער האָט אויס גישפּאַנט די פערד האָט ער גיהערט אין דער גאַס שפּילען איז ער געגאַנגען זעהן ווי מען שפּילט האָט ער געזעהן אַז עס איז דאָרט אַ אָרימע חתונה איז ער אויך דאָרט געשטאַנען און געהערט שפּילען. ווי עס איז געקומען צו דער חופה האָט דער חתן געזאָגט אַז ער וועט נישט גיין צו דער חופה ביז דער מחותן וועט איהם געבען אַטלית וואָס ער האָט איהם צו געזאָגט אין דער מחותן האָט אָבער נישט געהאַט. האָט געהאַלטען דער ביי דאָס דער שידוך זאָל בטל ווערין און עס איז געוואָרען אַגרויס גישריי און אַ קריגערייא צווישען די מחותנים בין איך געגאַנגען און האָב געגעבען געלד אויף אַטלית אַבי עס זאָל זיין די חתונה. האָבין זיי מיך שוין נישט אַוועק געלאָזט. און מיר האָבין זיך געפרייט אגאנצע נאכט. האָבען הערשט די חסידים פערשטאנען פאר וואָס דער רבי האָט געזאָגט אז ער שאַהנט איהם דורך דער גרויסער מצוה פון הכנסת כלה וואָס ער האָט געטהון:

אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן פון לובלין ז"ל:

דער הייליגער רבי ר' יעקב יצחק זכרונו לברכה פון לובלין. פלעגט צו פאָהרען צום רבי'ן ר' אלימלך זכרונו לברכה קיין ליזענסק איינמאָהל איז ער אַדורך געפאָהרען דורך אַ שטאָדט. האָט ער געהערט אַז דער רב פון דער שטאָדט איז אַ גרויסער גאון און אויך אַ צדיק. איז ער צו איהם געגאַנגען שלום נעמען. אין זעהן צו די זאַך איז אמת האָט ער געזעהן אַז ער איז ספק אַ גרויסער צדיק און ער לערינט מיט אַזא ברען גלייך ווי

ווי שטיקער פייער שפריצען פון זיין מויל. האָט דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה בעשלאָסען צו פערבלייבען דאָרט איבער שבת. כדי ער זאָל קענין גוט נאָך קוקען זיין גאַנץ פיהרעכץ. האָט ער געזעהן אַז ער איז זייער אַ גרויסער עוסק אין תורה און אין תפילה נאָר ווי ער האָט איהם גיפרעגט צו ער פאָהרט צו אַ רביין אין ער האָט איהם געענטפערט אַז נישט. האָט ער זיך פערוואונדערט דען ער האָט געוויסט אַ כלל אַז דעם דרך פון חסידות קען אַ מענטש אַליין נישט דער גיין ציימען ער זאָל האָבען אַ קבלה פון א רביין פון מויל צו מויל. אזוי ווי אַלע גרויסע חסידים און זייערע רביים האָבען זיך געפיהרט:

האָט דער הייליגער רבי פון לובלין געזאָגט צו דעם רב. איהר זאָלט מיך פאָלגען, וואָלט איך אייך געזאָגט איהר זאָלט מיט מיר מיט פאָהרען צום רביין ר׳ אלימלך קיין ליזענסק. און דאָרט וועט איהר הערשט קומען צום אמת׳דיגען חסידות וויא א יוד דארף זיך פיהרען אין תורה אין יראת שמים האָט איהם דער רב געענטפערט איך וואָלט דיך גיפאָלגט מיט דיר מיט צו פאָהרען צום רביין ר׳ אלימלך קיין ליזענסק נאָר ווייל איך בין היינט זייער פערנימען און פערשידינע זאַכען וואָס איך קען היינט נישט אַוועק פאָהרען אַלזאָ אויב די וועסט אויף מיר וואַרטען דאָ נאָך ביז איבער דעם צווייטען שבת. איך זאָל קענען איבער דער צייט ערלעדיגען אַלעס וואָס איך דאַרף וועל איך קענען מיט דיר מיט פאָהרען איז דער הייליגער רבי פון לובלין בעשטאַנען צו צי וואַרטען דאָרט נאָך אַ וואָך און ער זאָל פאָהרען מיט דעם רב קיין ליזענסק. און אין דער גאַנצער צייט האָט דער רבי גוט אַכטונג גיגעבין אויף דעם גאַנצען פיהרונג פון דעם רב און זיין לערנען און אין זיין דאַווינען. און עס איז איהם אַלעס גיפעלען און ער האָט זיך זייער גיפרייט וואָס ער האָט זוכה גיוועזען אַז דורך איהם זאָל אַזאַ גדול פאָהרען צום רביין ר׳ אלימלך דען ער וועט אַ וודאי דאָרט נאָך גרעסער ווערען און דער רבי ר׳ אלימלך וועט אוך דערפין נבואה האָבען. און ווי עס איז געקומען נאָך שבת זענען זיי ביידע געפאָהרען קיין ליזענסק און אַזוי ווי זיי זענען גיפאָהרען האָט דער רב געבעטען דעם רביין פון לובלין זכרונו לברכה אַז ער זאָל איהם פאָהרשטעלען ביים רביין אַז ער איז אַ רב און איז אויך אַ גרויסער למדן, כדי דער רבי זאָל איהם מקרב זיין. און דער רבי פון לובלין האָט דאָס איהם צו געזאָגט דען ער האָט געוויסט אַז זיין רביין דעם הייליגען רביין ר׳ אלימלך דאַרף מען נישט פאָהרשטעלען נאָר ער ווייסט

אליין

אַלְעס. אוּן עֶר וועֶט זִיךְ אַ וודאי פריַיעֶן מיט אַזאַ חשובּ'עֶן חסיד אוּן וועֶט איהם מקרב זיַין ווי ווייט מעֶגליךְ איז:

אוּן דער שטייגער איז געוועזען אז שטענדיג ווען דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה פלעגט צו קומען קיין ליזענסק אוּן אזוי ווי ער פלעגט נאָהר אריין קומען אוּן הויף אריין פלעגט דער רבי ר׳ אלימלך איהם אקיגעגען צו גייען אוּן האָט איהם שלום געגעבען. אוּן איהם זייער פריינדליך אויף גענומען. און ווי פערווינדערט איז ער געוואָהרען ווען ער איז מיט דעם רב אריין געגאַנגען צום רבי׳ן און נישט גענוג ער איז איהם נישט אַ קעגען געגאַנגען. נאָהר ווען ער איז אריין געקומען צום רבי׳ן און שטיב אַריין האָט זיך דער רבי פון זיי איבער געדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט. אוּן האָט זיי אפילו נישט געוואָלט אָהנקוקען. און בפרט קיין שלום געבען האָט זיך דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה זייער דער שראָקען. אוּן ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו קלערען פאַרוואָט דער היילינגער רבי ר׳ אלימלך האָט איהם היינט אַזוֹ דערווייטערט פון זיך. האָט ער זיך מיישב געוועזען ער וועט פרובען אַליין צו גיין צום רבי׳ן איז ער מיט דעם מענטש אוועק געגאַנגען אויף דער סטאַנציע. און איז אַליין צוריק געגאַנגען צים רבי׳ן. און ווי ער איז נאָהר אַרויף געקומען אויף דער פאַהרענציגער שוועל פון רבינ׳ס הויז איז באַלד דער רבי ר׳ אלימלך אַרויס געגאַנגען אים אַ קעגען און האָט איהם שלום געגעבען מיט גרויס פריינדלעכקייט אַזוי ווי ער איז געוואָהנט געוועזען אַלע מאָהל. און ער האָט צו איהם געזאָגט ווי פאַלסטו אויס מיר צו ברענגען אַזוי אַ פערדאָרבענעם מענטש וואָס איך האָב און זיי טמא פנים נישט געקענט קוקען. האָט זיך דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה זייער געווינדערט און האָט זיך געטראַכט וואָס קען דאָס זיין איך קען דאָך דעם מענטש און ביי דער גאַנצער צייט וואָס איך בין ביי איהם געוועזען האָב איך דאָך איהם געזעהן נאָהר לערנען און דאַווינען מיט אַזוי אַ גרויסען ברען וואָס פאַסט פאַר אַ צדיק וואָס זאָגט דער רבי אויף איהם אַז ער קען נישט קוקען אויף זיין טמא פנים און ער איז אַזוי געשטאַנען פאַר טראַכט דען ער האָט נישט געוואַגט איבער צו פרעגען זיין היילינגען רבי׳ן:

אָבער דער היילינגער רבי ר׳ אלימלך האָט באַלד פערשטאַנען זיין פערווינדערונג און האָט איהם געזאָגט די זאָלסט וויסען טייערער ברודער אַז עס איז פערהאַנדען און דער טומאה אַזוי אַ אָרט וואס דאָרטען איז געמאַכט געוואָרען אַז די מענטשין וואָס זיי דינען

השי״ת

השי"ת מיט אַ פּני׳ לשם כבוד אָדער אַנדערע פּניות. נאָהרט מען איהם דאָרט. דען דער לעבען דעם אָרט איז דאָה אַ קליפה פון פייער וואָס זי גיט די מענטשען פייער און עס דאַכט זיך איהם אַז ער דינט השי"ת מיט גרויס חשק. אָבער דער אמת איז דאָס אָב געגאַהרט און ער האָט גישט און זיך קיין פּינק יראת שמים גאָהר אַלע זיינע מדרגות זענען פון אַ טמא אָרט וואָס די קליפות פערפיהרען איהם ער זאָל ח״ו קיינמאָהל קיין תשובה נישט טוהן דען ער מיינט דאָך שטענדיג אַז ער איז גאָהר אַגרויסער צדיק און דער מענטש וואָס די ביסט מיט איהם געקומען איז אויך פון די מענשען און אין זיין גאַנצע עבודה און תורה איז נישט דאָ קיין פּינק יודישקייט און יראת שמים נאָר זיין גאַנצער ברען איז פון די טמא ערטער און דריבער האָב איך איהם נישט גיקוקט קיקען אין פּנים אַריין איך האָב מיך איבער בּעדרייט מיטען פּנים צו דער וואַנט דען איך האָב קיין שום עצה נישט פאַר זיינעט וועגען איהם צו העלפען:

ווי דער הייליגער רבי פון לובלין זכרונו לברכה האָט דאָס געהערט איז ער זייער דערשראָקען געוואָרען און האָט אויך שטאַרק רחמנות געהאַט אויף דעם רב וואָס ער זיצט ביי טאָג און ביי נאַכט און לערינט. און ער ווייסט גאָר ניט אַז ער איז אין אַזאַ אומגליק דען ער מיינט דאָך אַז ער איז אַ צדיק. און ער איז אַריבער גיגאַנגען אויף זיין סטאַנציע און האָט דערציילט דעם רב אַלעס וואָס דער ר׳ אלימלך האָט איהם געזאָגט. האָט דער רב זיך זייער שטאַרק צו וויינט און ער האָט זיך געקלאַפּט און קאָפּ אַריין. אויף זיין ביטער מזל וואָס און זיין לעבען וואָלט ער זיך דאָס נישט גיוועזען פאָהר געשטעלט. אַז ער זאָל זיין חלילה אין דער טומאה. און ער האָט גיבעטען דעם רבין פון לובלין זכרונו לברכה. אַז ער זאָל גיין צום הייליגען רבין ר׳ אלימלך און איהם בעטען ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען און זאָל איהם אַרויס געבען אַ תיקון דען ער וויל באמת דינען השי"ת. און ער האָט גאָהר נישט געוויסט אַז ער גייט נישט און גיטען וועג ר"ל. און געשטרויכילט געוואָרען פּניות און אין שלעכטע געדאַנקען ר"ל. איז דער רבי פון לובלין נאָך אַמאָהל געגאַנגען צום רבין ר׳ אלימלך און האָט איהם גיבעטען אַז ער זאָל דעם רב עפּיס אַ טובה טוהן און ער זאָל איהם אַרויס געבען אַ תיקון. אָבער דער רבי ר׳ אלימלך האָט איהם ווידער גיענטפערט אַז ער קען איהם גאָהר נישט העלפען. אָבער דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה האָט נישט גיקוקט אַוועק גייען און האָט געזאָגט אַז עס איז אַגרויס רחמנות אויף דעם רב. און אַז ער וויל באמת תשובה

טוהן

טוהן, האט איהם דער רבי ר' אלימלך געענטפערט אויב ער וויל באמת האבען א תיקון און תשובה טוהן זאל ער ווארטען ביז מיין ברודער דער רבי ר' זישא וועט קומען צו פאהרין וועט ער איהם געבען א תיקון. האט דער רב צו געווארט און דער רבי ר' זישא האט איהם גיגעבען א תיקון און ער איז געווארען א צדיק גמור. זכותו יגן עלינו:

א ווינדערליכע מעשה פון רבין ר' אורי' סטרעליסקער זכרונו לברכה:

דער רבי ר' יודא צבי פון סטרעטין פלעגט צו פאהרין צו סטרעליסקער רבין זכרונו לברכה. און דער סטרעליסקער פלעגט איהם שיקען אויף אזעלכע ערטער וואס עס האט קיינער נישט פערשטאנען נאך וואס ער שיקט איהם אהין. נאר דער נאך אז ער איז צוריק געקומען און פון די נעהמען וואס ער האט געברענגט האט מען געזעהן אז ער פלעגט איהם צו שיקען מענטשען מחזור בתשובה זיין. איינמאהל איז ער גיקומען צום רבין קיין סטרעליסק און דער רבי האט איהם געהייסען פאהרען קיין בעסראביע. איז ער ביי נאכט פער בלאנזעט געווארען און א וואלד און ווי זיי זענען ארויס געפאהרען פון וואלד האבען זיי דער זעהן אגרויסין טייך האט דער רבי ר' יודא צבי פון סטרעטין געזאגט צום בעל עגלה ער זאל אריבער פאהרען דעם טייך אין דער צווייטער זייט אריין האט דער בעל עגלה געזאגט ער וויל פריהער מעסטען דאס וואסער ער זאל וויסען ווי עס איז נישט טיף וועט ער דארט פאהרען. האט זיך איהם גידאכט אז אויף איין ארט איז דאס וואסער נישט טיעף און ער האט אהנגעהויבין דארט צו פאהרען נאר ווי די פערד זענען אריין געגאנגען און וואסער אריין איז דאס וואסער זיי געגאנגען ביז צום האלז האט דער בעל עגלה אהנגעהויבען צו שרייען, האט איהם דער רבי געזאגט ציא צוריק דיא פערד אויפן לאנד. און השי"ת האט געהאלפען זיי זענען ארויס געפאהרען אויפן לאנד. און זיי זענען אזוי ארום געפאהרען אויפן ברעג טייך ביז זיי זענען געקומען אויף א ארט האט דער סטרעטינער זכרונו לברכה געזאגט צום

בעל

בעל עגלה ער זאל דא אריבער פאהרען און ער זאל שוין נישט מעסטין דאס וואסער. האט ער אזוי געטוהן און זיי זענען בשלום אריבער געפאהרען דעם טייך זיי זענען גיקומען צו א קריסטליך הייזיל און זיי האבען איהם אויפגיוועקט און געזאגט אז ער זאל זיי ארייין וויזען צו א יוד און זיי וועלען איהם דער פאר געבען א רו״כ און א טרינק בראנפין איז דער קריסט מיט זיי געגאנגען און זיי האבין אהנגעקלאפט ביי דעם יוד האט דער משרת גיעפינט און דער בעל הבית איז געשלאפען און דער צווייטער שטיב:

דער נאך האט דער קריסט גיפרעגט די יודען ווי קימט איהר צו מיין שטיג האבין זיי געזאגט זיי זענען אריבער געפאהרען איבער דעם וואסער זענען זיי צו געקימען צו זיין שטיב האט ער געזאגט ווי איז דאס מעגליך דער טייך איז דאך זייער טיעף און מען מיז זיך איבער איהם א ריבער שיפען האט ער זיי נישט געוואלט גלייבען ביז זיי האבען געוויזען דעם צייכען אויפן וואגען פון דעם וואסער. האט ער זיי געזאגט אז איהר האט געקאנט אריבער פאהרען דעם טייך אהן א שיף זענט איהר מלאכים. און האט אהן געקלאפט ביים בעל הבית און דער צווייטער שטיב און האט געשריגען הייב דיך געך אויף דען עס איז צו דיר געקומען מלאכים נישט קיין מענטשין אז זיי זענען דעם טייך אריבער געפאהרען אהן א שיף און ער האט נישט געוואלט ביי זיי נעמען קיין געלד דען ביי מלאכים האט ער געזאגט וויל ער קיין געלד נישט נעמין. און דער בעל הבית האט זיך אויפגעהויבען און האט זיי גיגעבען עסין. און זיי גיפרעגט פון וואנען זיי זענען האבען זיי געזאגט אז זיי פאהרען צום רביין קיין סטרעליסק און האבען איהם דערציילט די צדקות פון סטרעליסקער רביין און זיי האבען אבגיבענטש און דארט אביסעל צו גינעכטיגט און אין דער פריה דאבען זיי אב געדאווינט און האבען זיך צו געגרייט אוועק צי פאהרען האט זיי דער בעל הבית געבעטען אז זיי זאלען איהם מיט נעמען קיין סטרעליסק האבין זיי איהם מיט גענימען און ער איז געווארען א ערליכער יוד. זכותו יגן עלינו:

א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' חיים קאסיווער זכרונו לברכה:

דער הייליגער רבי ר' חיים קאסיווער זכרונו לברכה איז געוועזען א גבאי פון ארץ ישראל געלד. און ער האט געהאלטען א סאך מענטשען זיי זאלען ארויס פאהרען צינויף נעמען דאס געלד. און איינער פון זיי איז געוועזען דער חסיד ר' פייוויל פון סניאטין איינמאהל איז דער ר' פייוויל געפאהרען פון סניאטין נאך דעם ארץ ישראל געלד און זיי האבען געבלאנזעט און וועג און דער בעל עגלה האט זיי געזאגט אז ער איז נאך אויף דעם וועג קיינמאהל נישט געפאהרען. דער וויל האבין זיי דערזעהן פון דער ווייטינס א שטיב און עס לייכט זיך דארט זענען זיי נאך געפאהרען נאך דער שאן, און ווי זיי זענען צו געקומען נענטער האבען זיי געזעהן אז עס איז א קרעטשמע זענען זיי אריין געגאנגען, נאהר עס איז זיי נישט בעקאנט געוועזען די קרעטשמע, און די אלע משרתים פון דער קרעטשמע זענען געגאנגען דייטש געקליידעט נאר וויל עס איז געוועזען קאלט אין דרויסען און עס איז געפאלען א גרויסער שנייא האבען זיי דארט גערעכענט צו בעכטיגען, און עס איז באלד צו זיי צו געקומען איין משרת און האט זיי געפרעגט צי זיי ווילען דאה בעכטיגען האבען זיי געזאגט יאה. האט ער זיי געוויזען א צימר וואס דארט האט געברענט א לעכט. און דער אויוען איז געווען געהייצט זענען זיי דארט אריין געגאנגען און האבען זיך אנידער געזעצט ביי אויוען. נאהר עס איז עפעס אוף זיי געפאלען א מורא און זיי האבען אליין נישט געוויסט פאר וואס זיי שרעקען זיך דער וויל איז אריין געקומען צוויי פריצים מיט איוד וואס איז געגאנגען און א ספאדיק און האבין זיך געהייסין געבען דריי גלאז וויין האט זיי דער משרת געגעבען און זיי האבען גיטריקען און דער יוד וואס איז געגאנגען און ספאדעק האט נישט געוואלט טרינקען האבען די צוייא פריצים געפרעגט פארוואס טרינקסט די נישט האט ער געזאגט וויל מען טאהר דעם ויין נישט טרינקען. האבען זיי איהם גיפרעגט פארוואס האסטו דאמאלס געטרינקען און זיי האבין איהם געגעבען צוויי פעטש און זיי זענען מיט איהם ארויס געגאנגען. איז אויף זיי געפאלען א גרויסער פחד. און זיי האבען זיך געמיזט איינער דעם צווייטען צו האלטען אז זיי זאלען נישט אנידער פאלען פאר שרעק. און אין א האלבע שעה ארים זענען זיי ווייטער אריין געקומען מיט דעם ספאדיקעל

אין

און האָבען זיך ווייטער געהייסען געבען דריי גלאָז ווייַן און זיי האָבען אויס געטרינקען אין דאָס ספאָדיקעל האָט נישט געוואָלט טרינקען האָבען זיי איהם ווייטער געפרעגט פאַר וואָס טרינקסטו נישט האָט ער געזאָגט ווייל מען טאָהר נישט האָבין זיי איהם געזאָגט פאַר וואָס האָסט די דאַמאָלס געטרינקען און האָבען איהם ווידער גיגעבען צוויי פעטש און זענען מיט איהם אַרויס געגאַנגען. און אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען זיי אַריין געקומען צום דריטען מאָהל און האָבען זיך געהייסען געבין דריי גלאָז ווייַן. האָט זיך דער יוד וואָס איז געגאַנגען און ספאָדיק אויס גידרייט צו ר׳ פייוולין און געזאָגט ר׳ פייוויל איהר קענט מיך נישט איך בין דאָך פון אייער חסידים און האָט איהם אָהנגערופען אַ נאָמען וואָס איז ר׳ פייוולין בעקאַנט גיוועזען אַז דער מענטש איז שוין גישטאָרבען און האָט איהם געזאָגט איהר זעהט די יסורים וואָס זיי טוהן מיר אָהן איך בעט אייך זייער אַז איהר וועט זיין ביים רבי׳ן זאָלט איהר מיך מזכיר זיין. דער וויילע איז געוואָהרען נאָך צוועלף און די קרעטשמע איז פון זיי פערשווינדען געוואָרען און זיי זענען געבליבען שטיין אויפן פרייען פעלד. און השי״ת האָט זיי מציל גיוועזען אַז עס האָט זיי גאָהר נישט געשאַדט :

דער נאָך זענען זיי געפאָהרען קיין קאַסוב האָט ר׳ פייוויל דערציילט דעם רבי׳ן די גאַנצע מעשה און האָט איהם געזאָגט דעם נאָמען פון דעם מענטש האָט דער רבי געזאָגט אַז דער מענטש איז באמת גיוועזען אַ ערליכער מענטש נאָר ער איז גיוועזען אַ מעקלער צווישען פריצים און אַמאָהל האָבען זיי געמאַכט אַ גרויס געשעפט וואָס ער האָט פערדינט אַ פאָהר הונדערט רו״כ מעקלעריי האָבען זיי איהם נישט געוואָלט געבין נאָר ער זאָל מיט זיי טרינקען אַ גלאָז ווייַן. און ווייל ער האָט נייטיג געדאַרפען דאָס געלד דען ער האָט גיוואָלט אַ שידוך טוהן מיט זיין טאָכטער האָט ער זיך געלאָזט איבער רעדין פון יצר הרע ר״ל און ער האָט גיטרינקין מיט די פריצים ווייַן און פאַר דאָס האָט מען איהם געפסק׳ענט אַזאַ עונש ר״ל און דער רבי האָט פאַר איהם מתפלל גיוועזען און האָט געזאָגט אַז פון היינט אָהן וועט ער שוין נישט ליידען קיין עונש. און ער האָט געהאַט גרויס זכות אבות אַז ער זאָל זיך קענען מזכיר זיין. פון דאַנען קענען מיר זעהן ווי גרויס דער כח פון די צדיקים איז אַז זיי קענען דעם וואָס האָט און זיי אמונה העלפען אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט זייער זכות זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלען זוכה זיין צו האָבען אמונת הצדיקים

און מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעס וואָס מיר דאַרפען צו האָבין אמן :

אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' יהודא החסיד זכרונו לברכה :

דער הייליגער צדיק ר' יהודה החסיד וועלכער האָט געשריבען דעם טייערין ספר חסידים. האָט געהאַט אַמנהג אַלע פרייטיג צו נאַכטס פלעגט ער זיך אַנידער צו זעצין און שוהל און ווער עס האָט זיך איינגעבויגין ער זאָל איהם בענטשין האָט ער איהם געבענטש. איינמאָהל איז איינער געקימען צו רייטען אויף אַ פערד און דער שטאָדט ווי ר' יהודה החסיד האָט געוואָהנט און איז אַריין געגאַנגין צו איינים און אכסניא אַריין אַז ער זאָל דאָרט שבת האַלטין און דער בעל הבית פון דער סטאַנציע פלעגט דאַווינען ביי ר' יהודה החסיד און שוהל און איז נאָך דעם דאַווינען צו געגאַנגין צו ר' יהודה החסיד ער זאָל איהם בענטשין איז דער פרעמדער אורח אויך צו געגאַנגין ר' יהודה החסיד זאָל איהם בענטשין. האָט ר' יהודה החסיד אויף געהויבין דעם טלית און געזאָגט אייך וועל איך בענטשין זונטאג. און דער אורח איז אַהיים געגאַנגען ווי עס איז געקימען שבת צו נאַכטס האָט דער מענטש בייטיג געדאַרפין אַוועק צו פאָהרין און ער האָט זיך צו געגרייט דאָס פערד און ער איז געריטען און וועג אַריין. און ווייל עס איז זייער פינצטער געוועזין האָט ער געבלאָנזיט און וועג און מיטען דער נאַכט האָט ער דערזעהן פון דערווייטינס אַז עס איז זייער ליכטיג איז ער געריטין נאָך די ליכט ביז ער איז צו געקימען צו אַ שטיב האָט ער געזעהן אַז דאָרט איז זייער ליכטיג האָט ער צו געבינדען דאָס פערד צו אַ בוים און ער איז דאָרט אַריין געגאַנגין האָט ער געזעהן מענטשין דרייען זיך ארום אַהין און צוריק און פלוצלינג איז אויף איהם געפאַלין אגרויסער פחד און ער איז געבליבין שטיין דערשראָקין. איז איינער אדייטש מיט א מעסער צו איהם צו געקימען און האָט אָהנגעשארפט דאָס מעסער אין אַ שטיין און האָט איהם געזאָגט איך וועל דיך תיכף שחטין האָט ער אָהנגעהויבען צו וויינען פאַר וואָס קומט מיך צו הרג'נען דערווייל איז אָהנגעקומען

אַ

אַ אַלטער מאַן און האָט געזאָגט אָהן קיין משפט קאָן מען איהם גאָר נִיט טוהן. זאָל מען ברענגען אַ וואָג שאָהל. האָט מען געבראַכט אַ וואָג שאָהל און מען האָט גיוואויגען עבירות און מצות און די עבירות האָבען איבער גיוואויגען ר"ל און פלוצלונג איז געקומען צו לויפען אַ מענטש און האָט אַרויפגעוואָרפען אַ פעלץ אויף דער שאָהל פון די מצות האָבען די מצות איבער גיוואויגען האָט דער אַלטער גיזאָגט נאָ פטור און פלוצלונג איז פער־שוואונדען גיוואָרען פון איהם די שטיב מיט די לעכט מיט די מענטשען און ער איז געבליבען שטיין און מיטען פעלד איז ער שטאַרק דערשראָקען גיוואָרען אַז די האָר האָבען זיך איהם אויפגישטעלט פאַר מורא. דער וויל האָט ער דערזעהן דעם מענטש וואס האָט אַרויף גיוואָרפען דעם פעלץ האָט ער איהם גיפרעגט ווער ביסטו און ווי בין איך. האָט ער איהם געזאָגט זאָלסט וויסען אַז איך בין שוין אַ סאַך יאָהרען געשטאָרבען נאָר אויב די גידענקסט אַז די ביסט אַמאָהל ווינטער גיפאָהרען און די האָסט גיטראָפען אַ יוד גייען צו פיס און די האָסט גיהייסען דעם בעל עגלה שטיין און האָסט אויף גענימען דעם יוד און די האָסט גיזעהן אַז עס איז איהם קאַלט גיוועזען האָסטו גענומען דיין פעלץ און האָסט איהם גיגעבען ער זאָל זיך דערוואָרימען האָט ער זיך דערמאַנט און געזאָגט יאָ איך גידענק. האָט ער גיזאָגט איך בין דאס דער יוד און יעצט האָט מען מיך אויפגיוועקט פון קבר איך זאָל דאָ אַהער ברענגען דעם פעלץ. וואָרין די ביסט גיוועזען ביי מזיקים און די העטסט און גי' ליבט השי"ת אַז די ביסט ניצול גיוואָרען. איז ער צוריק גיגאַנגען. און שטאָדט אַריין און האָט דערציילט ר' יהודה'ן די מעשה האָט ער איהם גיזאָגט איך האָב דאָך גיזאָגט די זאָלסט קומען זונטאָג וועל איך דיך בענטשען דען אַז עס וואָלט גיוועזען די נאַכט איבער גיגאַנגען וואָלסטו שוין און קיין סכנה נישט גיוועזען. זכותו יגן עלינו:

אַ וואונדערליכע מעשה וואָס דער רבי ר' הירש מליך דינעוור האָט דערציילט.

דער רבי ר' הירש מליך דינעווער וואָס האָט געמאַכט דעם הייליגען ספר בני יששכר און פיהל אַנדערע ספרים איז אמאָהל געפאָהרען אין וועג

איז ער גיקומען אין דער פריה און א דארף אריין. און איז אריין גיגאנגען צו א יוד און קרעטשמע אריין. און דער יוד האט פאר זייערט וועגען אב גיגעבען א בעזונדער שטיב זיי זאלען דארטען קענען דאווינען. האט דער רבי גיפרעגט דעם יוד צו עס איז דא א ארט ווי זיך מכין זיין פארין דאווינען האט דער יוד געזאגט אין דער שאפע איז דא א ארט זיך מכין צו זיין איז דער רבי צו גיגאנגען נאהר ער האט זיך נישט גיקענט מכין זיין האט דער רבי גיפרעגט דעם בעל הבית אפשר איז דא אמאהל גיוועזען אויף דעם ארט פין דער שאפע אהויז האט דער בעל הבית געזאגט אז נישט. נאר ער האט דא אמאהל געמאכט א סוכה. האט דער רבי געזאגט אז דאס ארט וואס מען שטעלט דער אויף א דבר שבקדושה בלייבט דער אויף א רושם דערפין. און דעדורך האט ער זיך ניש גיקענט מכין זיין. און האט זיי דערויף דערציילט. א מעשה ווי גרויס דער כח פון דער מצוה איז:

אין א שטאדט איז גיוועזען א גרויסער גביר און ער האט געהאט א טאכטער וואס זי איז נישט געגאנגען און גיטען וועג ר״ל און ווייל ער האט גיהאט א ווייען האנדעל און עס פלעגט אריין קומען גרויסע לייט האט זי זיך בעקענט מיט א גענעראל. און דער פאטער האט דער פון גיהאט שטארק עגמת נפש. נאהר ער האט איהר גאר נישט געקענט טוהן. האבען איהם מענטשין געזאגט אז ער זאל זי חתונה מאכען וועט זי אפשר בעסער ווערען. האט דער פאטער מיט איהר געטהון א שידוך און האט גענומען זייער א פיינעם איידעם ער איז זייער געלערנט געוועזען און אויך א שיינער פארשוין. אבער זי האט גאר נישט אב געטרעטין פון איהרע שלעכטע וועגין. און אז זי איז טראגין געווארען האבען מענטשען געזאגט אז דאס איז נישט פון איהר מאן איז דער יונגער מאן זייער פערשעמט געווארען און איז אריין בעגאנגען צו זיין שווער דער גביר און האט איהם דערציילט די מעשה און האט אהנגעהויבען שטארק צו וויינען און דער גביר האט אויך מיט געוויינט אויף זייער אומגליק. דערנאך האט דער גביר געזאגט איך ווייס דאך דאס די ביסט זייער א פיינער מענטש און עס איז מיר לייד אז איך זאל זיין א גורם און דיין אומגליק אלזא אויב די ווילסט זי געטין וועל איך מיט איהר רעדין אז זי זאל פון דיר נעמין א גט איז דער יונגער מאן דערויף בעשטאנען און דער פאטער האט איהר דאס געזאגט איז זי אויך בעשטאנען. און ער האט זי גיגט. דערנאך האט זי געהאט א יונגעל און דער פאטער האט איהם גענומען צו זיך. און זי איז אוועק מיט דעם גענעראל קיין אויסלאנד. און דער גביר האט דאס קינד אויף געהאדעוועט

און

און האט עס געגעבען און חדרים ארײן צו לערנען און אז עס איז דער וואקסען געווארען האט דער מיט אים א שידוך געטוהן און מען האט איהם געריפען אין שטאדט דעם גבירים אײניקעל דען דער פאטער זײנער איז נאך אוועק אײדער ער איז געבורען און די מיטער איז אויך באלד אוועק און ער האט זיך געמאכט א מסחר און שטאדט:

אײנמאהל האבין צוויי סוחרים אהנגעהויבען צו ברענגין סחורה פון אויסלאנד און זיי האבין דרינגען גאר ניט פערדינט האבין זיך אנדערע סוחרים און זיי זייער מקנא געוועזען און האבען נאך געפארשט פון וואנען מען ברענגט די סחורות. און דער יונגער מאן דעם גבירים אײניקעל און נאך אײנער זענען געפארען קיין אויסלאנד אויף ברענגען די סחורה. ווי זיי זענען גיקימען נאהנט פון דעם ארט האבען זיי זיך אהנגעהויבען צו פרעגען אויף די סחורות האט מען זיי געזאגט אז צו דעם ארט ווי די סחורות ווערען אויסגעארבייט איז נאך דאה צוויי מייל האבען זיי געדינגען א פערד און וואגען זיי זאלען דארט אהין צו פאהרען און דער פויער וואס זיי האבען געדינגען איז גיוועזען א מילנער ער האט געהאט א אייגענע מיהל און דאמאלט איז גיוועזען ווינטער אום פרייטיג. און ווי זיי האבען אהנגעהויבען צו פאהרען האט זיך געמאכט א גרויסער שניי. אז עס איז נישט מעגליך גיוועזען בשום אופן צו פאהרען איז דער מילנער ארײן גיפאהרין מיט זיי צו זיך און מיהל ארײן. נאר זיי האבען אבער נישט געהאט וואס צו עסין האבען זיי גיבעטען דעם מילנער ער זאל רייטען און זאל זיי ברענגען עפיס צו עסין און אויך א פלאש בראנפען. און עס האט איהם אפילו נישט געגליסט צו רייטען און דזא שלעכטען וועטער נאר ווי ער האט גיהערט בראנפען האט ער גאהר נישט געקלערט און איז באלד אוועק געריטען און שטאדט ארײן ברענגען. און ער האט זיך געזאמט און שטאדט ביז נאכט. ווי זיי זענען אזוי גיזעסען האבען זיי גיזעהן ווי א אלטע נקיבה איז אראב גיגאנגען פון פיעקאלעק און האט גענימען צוויי לעכט און האט זיי אהנגעצינדען און ווי זי האט דערזעהן די יודען האט זי זיי גיפרעגט אויף יודיש פון וואנען זיי זענען האבען זיי געזאגט פון ווייט פון איין אנדערע מדינה האט זי זיי גיבעטען אז זיי זאלען איהר זאגען פון וועלכער שטאדט האבען זיי איהר געזאגט. האט זי ווייטער גיבעטען אז זיי זאלען איהר זאגען ווער זיי זענען פון דער שטאדט האט אײנער געזאגט איך בין דעם גבירים אײניקעל ווי זי האט דאס דערהערט האט זי זייער שטארק אהנגעהויבען צו וויינען און האט דעם יונגען מאן געזאגט די זאלסט וויסען

אַז איך בין דיין מוטער וואָס איך בין אַוועק מיט אַ גענעראַל ווען ביסט נאָך קליין געוועזען און האָט איהם דערציילט אַז און אַ צייט נאָך דעם וואָס זי איז מיט דעם גענעראַל אַוועק האָט זי דער גענעראַל אוועק געוואָרפען און זי האָט געמיזט נעמען אַ פּראָסטען דאָרפס פויער און מיט דעם פויער האָט זי געהאַט דעם מילנער און דער מילנער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט און זי האָט זיי געזאָגט אַז חאָטש זי האָט געטוהן אַלע עבירות פינדעסטוועגען האָט זי קיינמאָל נישט פערפעהלט קיין לעכט צו בענטשין און איז צוריק אַרויף געגאַנגען אויפן פּיעקאַליק און האָט אָהנגעהויבען זייער שטאַרק צו וויינען און תשובה צו טוהן ביז זי איז אויסען גיבליבען פון פיהל האַרץ ווייטוהג אויף איהרע שלעכטע מעשים וואס זי האט גיטוהן
ביי איהר גאַנץ לעבען :

און דערנאָך איז דער מילנער געקומען און האָט זיי גיברענגט ברוט און חלה אין בראָנפין און די לעכט זענען שוין געהאַט אויסגעגאַנגין האָט ער געמיינט אַז זי האָט פערגעסען צו צינדיין לעכט האָט ער זי גערופען אַז זי זאָל זיך אויף הייבין און צינדין לעכט אָבער זי האָט זיך גאָר נישט אָהנגערופין איז ער צו געגאַנגען און האָט געזעהן אַז זי ליגט טויט :

האָט זיך דער מילנער זייער שטאַרק צווויינט. האָבען איהם די יודען געפרעגט וואָס ער וויינט אַזוי זי איז דאָך שוין געוועזען אַ אַלטע האָסטו דען געמיינט אַז זי וועט אייביג לעבען. האָט דער מילנער זיי געזאָגט דאָס ער וויינט אַזוי ווייל ער איז צו קריגט מיט דעם גלח פון דאָרף האָט זיך דער גלח בערימט אַז ווען די מוטער זיינע וועט ענדיגען וועט ער ביי איהם צו נעמין זיין גאַנץ פערמעגען קבורה געלד. האָבין זיי געזאָגט מיר וועלין דיר אַ עצה געבין דו זאָלסט גיין צים קרעטשמער און זאָלסט ביי איהם קויפען אַ אַלטע קאָפּקע און אַ קלייד מיט אַ פאַרטעך און מיר וועלין זי אָבשערין און אָהנטהון די מלבושים און מיר וועלין זי מיט נעמין און שטאָדט אַריין און מיר וועלין זאָגען אַז דאָס איז אַ אָרימע יודינע וואָס זי איז געשטאָרבין און וועג און מען וועט זי בעגראָבען אויפן יודישען בית הקברות. און עס וועט דיך נישט קאָסטען קיין איין פּרוטה און וואָס וועט דיר דען שאַטען אַז זי וועט ליגען אויפן יודישען בית הקברות. האָט דער מילנער זיי געהאָרכט און איז גיגאַנגען צום קרעטשמער און האָט געקויפט די מלבושים און איז אַהיים געקומען האָבען זיי זי אָב געשוירען און אויפגעלייגט אויפן מילנערס וואָגען און ווי זיי זענען גיקומען און מיטען וועג אַריין האָבען זיך די פערד פּליצלונג דערשראָקען און

האָבען

האָבען איבער גידרייט די פיהר און דער מילנער איז גיהרג'עט געוואָרען און זיי האָבען אריין געפיהרט דעם מת און שטאָדט אריין און האָבען געזאָגט אז דאָס איז א אָרימע יודינע וואָס זי איז געשטאָרבען. און מען האָט זי קובר געוועזען אויפען יודישען בית הקברות. האָט דער דינביער רבי זכרונו לברכה געזאָגט אז זי האָט זוכה געוועזען אז זי זאָל קומען צו קבר ישראל און דער זוהן זאָל זאָגען נאָך איהר קדיש. און דער גוישער זוהן זאָל גיהרג'ט ווערען ווייל זי האָט זיך געהאַלטען און דער מצוה און זי האָט קיינמאָהל נישט מבטל געוועזען. אַזוי גרויס איז דער כח פון א מצוה. השי"ת זאָל איננ העלפען מיר זאָלען זיך האַלטען און אַלע מצות אמן:

א וואונדערליכע מעשה וואס דער ראולא רבי האט דערציילט.

אַמאָהל האָבין צוויי מלאכים מלחמה גיהאַלטען איבער א שטיק מדינה און עס איז און דער מלחמה גיפאַלען א סאַך מיליטער. און אויך האָט עס די מלאכים אָב געקאָסט א סאַך געלד און קיינער פון זיי האָט נישט גיקענט דעם צווייטען ביי קומען. האָבען זיי זיך מיישב געוועזען זיי וועלען זיך נאָך קיקען זייער יחוס און וועלכער עס וועט זיין א גרעסערער יחסן דעם זאָל קערין דאָס שטיק מדינה אין עס איז געפינען געוואָרען אז איינער פון זיי איז געוועזען המן הרשע'ס אייניקיל איז ער שטאַרק מבויש געוואָרין און יענער מלך האָט גענימען דאָס שטיק מדינה. האָט עס דעם מלך זייער פערדראָסין און ער האָט גוזר געוועזען אז די יודען פון זיין מדינה זאָלען איהם געבין צעהן טויזינד צענטנער זילבער. און א יוד וואָס הייסט מרדכי זאָל מען אויפהענגען ר"ל און האָט שטרענג גוזר געוועזען אַז און א קליינע צייט זאָל מען איהם ברענגען דאָס געלד מיט דעם יוד. די יודען פון דער מדינה האָבען אָהנגעהויבען צו פאַסטען און צו זאָגען תהלים און האָבען אַרויס געשיקט שלוחים צו אַלע רבי'ס פון דער וועלט אַז זיי זאָלען פאַר זיי בעטען. זענען די שלוחים אויך גיקומען צום רב ר' משה איסרליש וואָס האָט גימאַכט דעם רמ"א אויף שלחן ערוך און האָבען איהם אויך דערציילט די מעשה האָט ער זיי גידייסען פאָרין און א שטאָדט אריין און

דאָרטען

דאָרטען אינטער דער שטאָדט וואָהנט אַ שניידער וואָס ער פאַרעכט אַלטע מלבושים און ער וועט אייך העלפען. און ווי באַלד ער וועט אייך נישט וועלין ענטפערין זאָלט איהר איהם זאָגען אַז דער קראָקאָווער רב האָט אייך געשיקט אַז ער זאָל אייך העלפען. זענען זיי אַהין געפאָהרען און זיי זענען צו איהם אַריין געגאַנגען איז ער געזעסען מיט דעם פנים צו דער וואַנד און פאַרעכט אַ מלבוש האָט ער זיי געפרעגט וואָס זיי ווילען האָבין זיי געזאָגט אַז זיי ווילען פאַרעכטין אַ מלבוש האָט ער זיי געהייסען זעצין. האָבין זיי אָהנגעהויבען צו שמיסען פון דער גזירה און ער האָט זיי געפרעגט און וועלכער מדינה די גזירה איז האָבען זיי איהם געזאָגט. און זיי האָבען אויך געזאָגט אַז מיר זענין אויך פון דער מדינה מיר דאַרפען גאָר נישט פאַרעכטען נאָר מיר זענען געקומען אַז איהר זאָלט מתפלל זיין דאָס די גזירה זאָל בטל ווערין. האָט ער זיי געזאָגט נאָך וואָס זאָלט איהר שפּאַס מאַכען פון מיר איך בין דאָך נאָר אַ שניידער ווי קאָן איך אייך העלפין. האָבען זיי געזאָגט איהר זאָלט וויסען אַז דער קראָקאָווער רב האָט אינז געשיקט צו אייך און געהייסען אייך זאָגען פון זיינט וועגען אַז איהר זאָלט מתפלל זיין אַז די גזירה זאָל בטל ווערען. האָט ער זיי געזאָגט פאָהרט אַ היים און מיט השי״ת הילף וועט די גזירה בטל ווערין. און דער קיסר האָט איינגעפיהרט אַז אַזוי ווי ער האָט זיך אויפגעהויבען האָט קיינער צו איהם נישט געטאָרט אַריין קומען נאָר הערשט אַ שעה נאָך זיין אויפשטיין האָט געמעגט דערגרעסטער מיניסטער אַריין קומען און דער נאָך ווער עס האָט נאָהר געוואָלט :

אַמאָהל אַזוי ווי ער חאַפּט זיך אויף פון שלאָף דערזעהט ער ווי אַ יוד אַ אָרימאַן מיט גילאַטיטע מלבושים איין לאַטע אויף דער צווייטער שטייט לעבען איהם. האָט עס איהם זייער פערדראָסען און ער האָט אויף זיך גיחאַפּט דעם פאַלטאָן און דעם רעוואָלווער און איז אַרויס גילאָפין אופין גאַניק און גיוואָלט שיסען די זעלנער וואָס שטייען אויף דער וואַך פאַר וואָס זיי האָבען גילאָזט דעם אָרימאַן דעם יוד אַריין גיין צו איהם. נאָר ווי ער איז אַרויס געקומען אויפין גאַניק האָט מען איהם גיגעגעבין אַ חאַפּ און אַוועק גיטראָגען און דער ליפּטען אַ ערך פון הינדערט מייל און אַריין גיוואָרפען אויף אַ בית הקברות און די וועגנט אַרום דעם בית הקברות זענען גיוועזען הויך אַזוי ווי ביז צום הימעל און ער האָט געשריגען און גיוויינט אָבער ער האָט דען גיקענט הערין זיין קול אָבער אַזעלכען גרויסע מורא און ער איז אַזוי גילעגען אַ גאַנצי טאָג נאַקיט און באָרוויס און הינגעריג

עין

און ער האָט זיך מורא געהאַט אומצוקוקען דען עס איז אַרום איהם ניט מעהר געוועזען ווי מצבות. פאַר נאַכט האָט ער דערהערט און דער צווייטער זייט גייט אַ מענטש האָט ער שטאַרק אָהנגעהויבען צו שרייען מיט זיינע לעצטע קרעפטען און געוויינט און געבעטען אַז מען זאָל אויף איהם רחמנות האָבען. און עס איז צו איהם צו געקומען אַ בעטלער וואָס איז געוועזען הויך אַזוי ווי ביז צום הימעל און האָט געטראָגען צוויי גרויסע טאָרבעס ברויט. האָט ער איהם געפרעגט די האָסט דאָס אַזוי געשריגען? זאָגט ער יאָ און האָט פאַר איהם אָהנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און האָט איהם דערציילט די גאַנצע מעשה אַז ער איז געוועזען אַ קיסר און אַזוי ווי ער איז היינט און דערפריה אַרויס געגאַנגען אויפן גאַניק האָט מען איהם אַראָב געחאַפט אין אַוועק געטראָגען דאָ אַהער און ער ווייסט נישט פאַר וואָס און ווער עס האָט איהם דאָס געטוהן. און יעצט ליגט ער שוין דאָ אַגאַנצע טאָג נאַקיט און באָרוועס. און הינגעריג האָט דער בעטליר אַרויס גענימען פון זיינע טאָרבעס אַ שטיק ברויט און האָט איהם געגעבען און איז אַוועק געגאַנגען. דעם צווייטען טאָג איז ווידער דער גרויסער בעטליר געקומען און האָט איהם ווידער געברענגט ברויט און אַזוי איז געוועזען גאַנצע אַכט טאָג:

דער נאָך האָט איהם דער בעטלער געפרעגט ווי איהם דערגייט האָט ער אָהנגעהויבען שטאַרק צו וויינען און האָט געבעטען דעם בעטליר ער זאָל איהם נעמען צווישען לעבעדיגע מענטשען דען דאָס חיות גייט איהם שיעור אויס פאַר מורא וואָס ער איז אויף אַ בית הקברות און זעהט אַרום זיך נישט מיין ווי מצבות האָט איהם דער בעטלער געזאָגט אַזוי ווי דער לעבין איז דאָ אַ וואַלד וואָס מען אַרבייט שינדלין וועט ער פרעגען די בעלי מלאכות אויב זיי וועלען איינשטימען איהם צו צי נעמען צו דער אַרבייט האָט ער געזאָגט אַז ער וועט אַרבייטען שינדלען אַבי ער זאָל זיין צווישען לעבעדיגע מענטשען. איז דער בעטלער אַ וועק געגאַנגען און דעם צווייטען טאָג איז ער צוריק געקומען און האָט איהם פון דאָרט אַרויס גענימען און אַוועק געפיהרט אין וואַלד אַריין ווי מען האָט געאַרבייט שינדלין. און ער איז דאָרט געוועזען און וואַלד אַ גאַנץ יאָהר און האָט געאַרבייט מיט די בעלי מלאכות שינדלין:

דער נאָך איז ווידער דער בעטליר געקומען און האָט איהם געפרעגט וואָס ער מאַכט. האָט ער געזאָגט אַ וודאי איז מיר יעצט בעסער ווי פריהער נאָר איך בין אָבער געוועזען אַ קיסר און איך קאָן ניט שרייבין אפשר

וועט

וועט דיר אינטער קומען אַ אָרט ווי מען דאַרף אַ שרייבער אָדער אַ בוכהאַלטער זאָלסטו מיך דאָרט אַהין נעמין. האָט איהם דער בעטליר גיזאָגט און אַ דאָרף דערלעבען דאַכט זיך דאַרף מען האָבען אַ שרייבער און דער גמינא וועט ער זיי פרעגען אפשר וועלין זיי איהם אויף נעמען פאַר אַ שרייבער. און איז אַוועק גיגאַנגען דעם צווייטען טאָג איז ער געקומען און האָט איהם אַהין גענימען און דעם דאָרף אַריין און ער איז דאָרט גיוועזען אַ שרייבער דריי יאָהר און דער צייט איז דער בעטלער נישט געקומען צו איהם. נאָך די דריי יאָהר איז דער בעטלער גיקומען צו איהם און האָט איהם ווידער גיפרעגט וואָס עס הערט זיך ביי איהם האָט ער איהם גיזאָגט אַ וודאי איז מיר היינט בעסער ווי פריהער נאָר קייגען דעם וואָס איך בין גיוועזען און אַ גרויסע שטאָדט איז מיר נישט איינגענימען אין דאָרף אפשר קענסטו מיך נעמען ערגיץ אויף אַ אַמט און אַ שטאָדט האָט ער איהם גיזאָגט דאָ אין אַ שטאָדט נישט ווייט דאַרף מען אַ נאַטשאַלניק אפשר וועלין זיי דיך וועלין אויף נעמען איז ער אַוועק גיגאַנגען און דעם צווייטען טאָג איז ער גיקומען און האָט איהם גענימען און דער שטאָדט און ער איז דאָרט גיוואָרען נאַטשאַלניק און איז דאָרט גיוועזען פינף יאָהר און אין די גאַנצע פינף יאָהר האָט ער נישט גיזעהן דעם בעטלער צום סוף פון די פינף יאָהר איז דער בעטלער גיקומען און האָט איהם ווידער גיפרעגט ווי איז דערגייט האָט ער איהם געזאָגט אַ וודאי איז מיר בעסער ווי פריהער נאָר איך בין דאָך אָבער גיוועזין אַ קיסר וואָס איז אַ ווערט אַזוי אַ קליינע שררהשאַפט קייגין דעם וואָס איך בין גיוועזין פריהער אַ קיסר. האָט דער בעטליר גיזאָגט דאָה דערלעבין איז דאָה אַמדינה וואָס דער קיסר איז גישטאָרבין קאָן איך פועלין אַז די זאָלסט נעמין די מלוכה און זאָלסט דאָרט ווערין קיסר נאָר אויב עס איז אמת אַזוי ווי די זאָגסט אַז די ביסט גיוועזין אַ קיסר און די וועסט קענין פיהרען אַ מלוכה. האָט ער גיזאָגט אַוודאי איז דאָס אמת אַז איך בין גיוועזין אַ קיסר און איך קאָן פיהרין אַ מלוכה. האָט איהם דער בעטליר ווידער גיזאָגט אפשר ביסטו אַשלעכטער מענטש און אַז די וועסט ווערין קיסר וועסטו זיין שלעכט צו יודין און וועסט אויף זיי גוזר זיין שלעכטי גזירות ח"ו דריבער זאָלסטו מיר געבין אַ פאַפיר אינטער גישריבען מיט דיין חתימה אַז די זאָלסט ניט גוזר זיין קיין שלעכטי גזירות אויף יודין און אויך וואָס די האָסט גוזר גיוועזין ווען די ביסט גיוועזין קיסר זאָלסטו מבטל זיין. האָט ער אים תיכף גיגעבין אַזאַ פאַפיר און האָט גיחתמינט דערויף האָט איהם דער בעטליר גינימען און דער מדינה אַריין און ער האָט גינימען די מלכה פאַר אַ ווייב און האָט גיהאַט מיט איהר צוויי קינדער.

אין

תפארת הצדיקים

אין דער מדינה איז גיגאנגען דער ים און אלע מאהל זענען אהן געקומען שיפען מיט מענטשען. פלעגט דער קיסר מיט דער קיסר'טע גיין אלע טאג שפאצירען ביי דעם פארט פון ים אמאהל האבען זיי מיט גינימען זייערע קינדער אויף שפאצירען און זיי האבען זיך גישפילט ביי דער בריק און זיי זענען אריינגעפאלען און ים אריין:

ווי די מלכה האט דערזעהן אז איהרע קינדער זענין אריין גיפאלען האט זי זיך שטארק איבער גישראקען און איז זיי גילאפען ראטיווען איז זי אויך אריין גיפאלען. ווי דער קיסר האט דאס דערזעהן. איז ער איבער רעשט גיוואהרען און האט זיך אויך אריין גיווארפין און ים אריין און איז גיפאלען אלע מאהל טיפער ביז עס האט זיך איהם גידאכט אז ער איז געקומען און א רעזידענץ שטאדט און עס האט איהם אויס גיוויזען אז דאס איז זיין רעזידענץ שטאדט ווי ער איז גיוועזין קיסר. האט ער זיך גיטראכט ער וועט גיין אהנקיקען דעם פאלאץ צוא ער וועט איהם דערקענען איז ער גיגאנגען צום פאלאץ האט ער איהם דערקענט אז דאס איז טאקי זיין פאלאץ נאר ער האט גיזעהן ארום גיין מיליטער אויף דער ווארטע האט ער מורא גיהאט צו צו גיין. דערנאך האט ער זיך מיישב גיוועזען ער וועט פריווען אריין צו גיין. און ער איז צו געקומען צו דער וואך האבען זיי איהם נישט גישטערט און ער איז אזוי א דורך גיגאנגען אלע פאלאצען ביז ער איז געקומען צו דעם שלאף צימער האט ער גיטראפען דעם ארימאן שטיין מיט זיין כתב אינטער געשריבען אז ער האט די גזירה מבטל גיוועזען. האט ער פערשטאנען אז די אלע יסורים זיינע זענין נאר גיוועזען צוליב דעם וואס ער האט גוזר גיוועזען א שלעכטי גזירה אויף די יודען. האט ער גיפרעגט דעם ארימאן פאר וואס האסטו מיר אזא לאנגע צייט אהנגעטוהן שרעקליכע יסורים האט ער גענימען דאס זייגעריל און האט איהם גיוויזען אז עס האט נישט מעהר גידויערט ווי א פערטיל שעה ווייל ער האט גיווארפען אויף איהם א חלום האט זיך איהם אזוי געדאכטען אז עס האט לאנג גידויערט און ער האט הערשט נאך אמאהל מיט זיין אייגען ווילען די גזירה בטל גימאכט דאס האט דער ראזלא רבי ר' יודא צבי זכרונו לברכה דערציילט ביי דער מלוה מלכה זכותו יגן עלינו אמן:

א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' משה ליב סאסיווער זצ"ל.

אמאהל איז גיקומען דעם בערדיטשעווערס זוהן ר' ישראל וואס איז גיוועזען רב און פיקאב קיין סאסיב צום רבי'ן ר' משה לייב זכרונו לברכה. האט דער סאסיווער גיזאגט צום פיקאווער רב איך האב עטליכע גיטע ארענדארס און איך ויל צו זיי אביסעל ארויס פאהרען. וואלט איך גיוואלט אז איהר זאלט אויך מיט מיר מיט פאהרען. ער האט איהם איינגעשטימט דערויף. האט דער סאסיווער גיהייסען איינשפאנען פערד און וואגען און זיי זענען אויף גיזעסען און א וועק גיפארען און ווי זיי זענען געקומען און א דארף אריין איז געוואהרען א גרויסער שלאקס רעגען און זיי זענען גיפאהרען און א אפענער פיהר. האט זיי דערזעהן א וואנער (א יוד וואס האט געמאכט בראנפען) און ער האט גיקענט דעם סאסיווער רבי'ן דען ער און זיין ווייב פלעגען אלע מאהל פאהרען קיין סאסיב האט ער אהנגעהויבען צו שרייען רבי קומט אריין צו מיר אין שטיב אריין דען איהר וועט דאך אויסגעווייגט ווערען פון רעגען וואס גיסט אויף אייך האט דער רבי איהם גיפרעגט צו ער האט א ארט זיי אריין צו נעמען אין שטיב אריין איז גיגאנגען דער וואנער. און האט ארויס גישטעלט די קיה פון שטיב און אויס גירייניגט און זיי אריין גענימען. און דער רבי ר' משה לייב האט אלע מאהל געזאגט רבונו של עולם די זאלסט מיר נישט פערשטערין מיין שמחה. און דער פיקעווער רב האט נישט פערשטאנען וואס ער מיינט דער מיט און וואס א שמחה ער האט דאה נאר ער האט געוויסט אז דעם סאסיווער רבינ'ס ווערטער זענען נישט אומזונסט אהן א כוונה. און אין דרויסען האט אלע מאהל מעהר גערעגינט. זייא האבין זיך גישטעלט דאווינען מנחה און מעריב און דער נאך האט דער וואנער אריינגעברענגט צוויי גלעזער הייסע מילך און האט זיי געגעבען צו טרינקען און האט אריין געברענגט שטרוי און האט זיי אויס געבעט אויף דער ערד און זיי האבען זיך געלייגט שלאפען און דאס קאלב איז אויך געלעגען און שטיב אויפן שטרוי לעבין זיי. און דער פריא האט זיך דער רבי ר' משה ליב אויף גיהויבין מיט אגרויסע שמחה. און האט געפרעגט די בעל הבית'טע מיט וואס פאר א אהנבייסען זי וועט זיי אויף נעמין האט זי געזאגט אז דער רבי וועט אב דאווינען וועט איר שוין זעהן. האט דער סאסיווער געזאגט צום פיקעווער רב לאמיר לייגין

טלית

טלית און תפילין. זיי האָבין זיך געשטעלט דאַווינען און ווי זיי האָבין אָב געדאַווינט האָט מען זיי געגעבען אַ שיסעל הירז איינגעקאָכט אין דער מילך דער רבי ר׳ משה לייב האָט אָהנגעהויבען צו עסין און האָט געזאָגט צום פּיקיווער רב עסט דען די הירז איז זייער גיט. איהר האָט נאָך קיינמאָהל נישט גיהאַט אַ טעם און עסין ווי און דער הירז איז דאָ. נאָר דער פּיקיווער רב איז גיוועזען געוואָהנט אַזוי ווי און אַ גרויסע שטאָדט און ער האָט קיינמאָהל אַזאַ מאכל נישט גיגעסען האָט ער גיגעסען אַ לעפיל און מיין האָט ער נישט גיוואָלט עסין. נאָר דער רבי ר׳ משה לייב האָט איהם אַלע מאָהל געזאָגט עסט. דען די הירז איז זייער גיט. האָט ער גענימען נאָך אַ לעפיל און האָט גיגעסען:

דער נאָך האָט דער רבי ר׳ משה לייב גיפרעגט די בעל הביתטע ווי זי האָט גענימען די הירז האָט זי געזאָגט אַז זי האָט געליגען ביי דער מילנערין. האָט ער זי גיפרעגט צו די מילנערין איז אַ גיטע און זי לייט איהר אַלע מאָהל. האָט זי געזאָגט אַז יאָ, האָט ער זי ווידער גיפרעגט צו דער מילנער איז אויך אַ גיטער מענטש. האָט זי גיזאָגט ניין ער איז אַ בייזער הינד און ער שלאָגט דאָס ווייב אַלע מאָהל און זי אַנטלויפט צו מיר האָט ווידער דער רבי גיפרעגט צו זי האָט נאָך אַ סאַך פון דער גיטער הירז וואָס זי האָט דיר געליגען האָט זי דעם רבי׳ן געענטפערט ניין זי האָט מעהר נישט געהאַט נאָהר דאָס ביסעל הירז וואָס זי האָט עס מיר געליגען האָט דער רבי זי ווידער געפרעגט און דער מאַן ווייסט אַז זי לייט דיר אַלע מאָהל האָט זי געזאָגט ניין האָט דער רבי זי ווידער געפרעגט אז דער מילנער איהר מאַן זאָל ווייסען אַז זי האָט דיר אַוועק געבאָרגט די הירז וואָס וואָלט ער געזאָגט האָט זי געזאָגט ער וואָלט זיך אויף איהר געבייזערט. האָט דער רבי געזאָגט צו דער בעל הביתטע. הער וואָס איך וויל דיר זאָגען דער מילנער וועט אַהיים קימען און ער וועט זי פרעגין ווי די הירז איז דאָה און וועט זי שלאָגען אַזוי ווי זיין שטייגער איז וועט זי אַנטלויפין צו דיר און זי וועט זאָגען אַז זי וויל זיך מגייר זיין זאָלטו מיט איהר קימען צו מיר און דער רבי האָט זיך אָבגעזעגענט און זיי זענען אַוועק געפאָרען, און אַזוי איז טאַקי געוועזען דער מילנער איז אַהיים געקימען און האָט דאָס ווייב געפרעגט ווי די הירז איז און האָט זי אָהנגעהויבען צו שלאָגען איז זי אַנטלאָפין צו דער וואַנערין און האָט איהר געזאָגט אַז זי וויל זיך מגייר זיין האָט די וואַנערין זי גענימען קיין סאַסוב און דער רבי האָט איהר מיט געגעבען אַבריף צו זיינס אַ בעקאַנטען רב און אַ אַנדערע

שטאָדט

שטאדט און ער האט זיי מגייר געוועזן און עס איז פון איהר ארויס געקימען גרויסע צדיקים:

א וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' משה ליב סאסיווער זצ"ל.

דער הייליגער רבי ר' משה ליב סאסיווער. איז אויך געוועזן זייער חשוב ביי די גרויסע פריצים. איינמאהל איז הערשיל'ע זידיטשיווער געקומען אויף שבת קיין סאסיב האט ער געזעהן אז נאכדעם ווי דער רבי איז געגאנגען פון מקוה און עס איז נישט מעהר געוועזן ווי צוויי שעה צו שבת. איז דער רבי געגאנגען אינטער דער שטאדט. איז דאס ר' הערשיל'ען געוועזן א ווינדער און ער האט בעשלאסען איהם נאך צו געהן און זעהן וועגען וואס פאר א ענין ער געהט דער וויל האט ער געזעהן אז עס איז א דורך געפאהרען א פריץ מיט זיין ווייב מיט א קינד און ווי דער פריץ האט דערזעהן אז דער סאסיווער רבי געהט האט ער זיך אב געשטעלט דען ער האט געקענט דעם רבי'ן און האט מיט איהם אהנגעהובען צו רעדען אונגאריש דען דער סאסיווער זכרונו לברכה האט גירעדט גוט אונגאריש. האט איהם דער רבי גיפרעגט ווער די פריצה איז האט ער געזאגט אז דאס איז זיין ווייב און דאס איז זייער קינד. האט ער זייער אב געלויבט פארן פריץ זיין ווייב מיט דעם קינד אז זיי זענען זייער שיין און מיט אלע מעלות. דערנאך האט ער איהם גיפרעגט ווער איז דער פארמאן האט איהם דער פריץ גיענטפערט דאס איז א יוד וואס איז געזעסן און מיין קרעטשמע און האט מיר נישט בעצאהלט די ראטעס האב איך איהם גענימען פאר א אייביגען קנעכט. האט איהם דער רבי געזאגט ער איז דאך א פויער און א נארישער מענטש עס פאסט גאהר נישט פאר אזא גרויסען פריץ צו פאהרען מיט אזא פאהרמאן. גיב איהם מיר. האט דער פריץ געזאגט איך קען דאס נישט. דען ער איז א שלעכטער מענטש און ער האט מיר שוין א לאנגע צייט קיין ראטעס נישט געצאהלט:

און דער פריץ איז אוועק געפאהרען אפאהר כריט האט דער פאהרמאן בעדרייט די קאטש און דער פריץ מיט ווייב און קינד זענען אנידער געפאלען

אויף

זייף דער ערד און האָבען זיך צו קלאַפּט. און דער רבי איז תיכף צו געלאָפין און האָט זיי געהאָלפען אויפהייבין און האָט ווייטער געזאָגט צום פריץ גיב מיר דעם פאָהרמאַן דען עס פּאַסט נישט פאַר דיר די זאָלסט פאָהרען מיט אַזוי אַנידריגען און שלכטען מענטש. און דער פריץ האָט נישט געוואָלט און ער האָט געקריצט מיט די ציין אויף דעם פאָהרמאַן און האָט געזאָגט ער מיז ביי מיר זיין אַ אייביגער קנעכט. און זיי זענען ווייטער אַוועק געפאָהרען ווי זיי זענען נאָך אַפּאָהר טריט אָב געפאָהרען האָט דער פאָהרמאַן ווייטער איבער געדרייט די קאָטש און דער רבי איז ווייטער געגאַנגען זיי אויפהייבין און האָט ווידער געבעטען דעם פריץ ער זאָל איהם געבען דעם פאָהרמאַן און האָט איהם געזאָגט די ביסט דאָך אַיינגעשטעלט מיט דיין גאַנץ לעבען און דיין ווייב און קינד אַז די פאָהרסט מיט אַזוי אַשלעכטען מענטש. גיב איהם בעסער מיר אַוועק האָט איהם דער פריץ אַוועק גיגעבען. און דער רבי איז מיט איהם גיגאַנגען און שטאָדט אריין און האָט איהם געהייסען גיין אָב שערען און דערנאָך גיין און מקוה אריין און ער האָט איהם איבער גיגעבען צו א מלמד ער זאָל מיט איהם לערנען דען ער האָט שוין געהאט פערגעסען דאָס גאנצע יודישקייט און ער האָט אפילו נישט גיקענט דאווינען און קיין שום ברכה מאכען דען ער איז גיוועזען שוין א לאנגע צייט ביי דעם פריץ און ער האָט דאָרט גיגעסען טריפות און דער פריץ האָט איהם קיינמאָהל נישט געלאָזט אליין גייען און שטאָדט אריין און אויך האָט ער איהם נישט געלאָזט קיינמאָהל רעדין מיט קיין יודען ער זאָל נישט אנטלויפען. און ער איז דערנאָך גיוואָרען א גרויסער בעל תשובה און א ערליכער יוד און ער האָט אלע מאָהל גיפלעגט צו קומען קיין סאסיב צום רבי׳ן ער זאָל איהם מדריך זיין און גיטען וועג ער זאָל קענען פארעכטען די אלע עבירות וואָס ער האָט געטוהן ווען ער איז גיוועזען ביים פריץ האָט דאַמאָלס דער רבי ר׳ הערשעלי זידוטשעווער גיזאָגט אז אויף דעם סאסיווער רבי׳ן איז גיזאָגט געוואָהרען דער פסוק „בים דרכך ושביליך במים רבים ועקבותיך לא נדעו״ דאס הייסט אז ער האט אויפן קאָפּף אפילו אַזעלכע וואָס זענען שוין אַוועק פון יודישקייט ווייט ווי אין ים ער זאָל זיי אומקערען:

אַ ווּנדערליכע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי ר׳ שְׁנֵיאוֹר זַלְמָן ז״ל הָאט דֶערְצֵיילְט:

דֶער הֵיילִיגֶער רבי ר׳ שניאור זלמן זכרונו לברכה וואָס האָט געמאַכט דעָם הֵיילִיגֶען ספר „תניא״ וואָס איז בעוואָסט בּיי אַלע חסידים. און עֶר איז אויך בשמ״ט מיטן נאָמען דער רב. האָט דערציילט אַז איינמאָהל איז עֶר געוועזען און מעזריטש ביי דעם הֵיילִיגען רבּ׳ין ר׳ בער זכרונו לברכה און פיער וואָכען איידער עֶר האָט געהאַלטען ביי אַוועק פאָהרען. האָט דער רבי ר׳ בער נאָך איהם געשיקט אַז עֶר זאָל אַריין קימען צו איהם. ווי עֶר איז געקומען האָט איהם דער רבי געזאָגט אַז עֶר זאָל גיט אַריין קלערין און עֶר זאָל אויסקלויבען ווענכין נוסח וואָס צו שרייבען און די פרשיות פון תפילין און ווי אַזוי צו מאַכין די קשרים אַז עס זאָל זיין אויס געהאַלטען נאָך אַלע פוסקים. האָט דער רבי ר׳ שניאור זלמן זכרונו לברכה דרינען אַריין געקלערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט פיער וואָכען און האָט עס איבער געגעבען דעם מעזריטשער סופר אַז עֶר זאָל אַזוי מאַכען פאַרען רבּי׳נס וועגין דערנאָך האָט איהם דער רבי גידאַנקט און עֶר איז אַ היים געפאָהרען און פון מעזריטש האָט עֶר געמיזט אַדורך פאָהרען דורך דער שטאָדט האַניפאָליע וואָס דאָרט האָט געוואָהנט דער רבי ר׳ זישא זכרונו לברכה. און אַז עֶר פלעגט דאָרט נעכטיגען פלעגט עֶר גיין צום רבּי׳ן ר׳ זושא. און אויף דער סטאַנציע איז עֶר שפּעטער געקומען נאָר שלאָפען און אַז עֶר איז געקומען אויף דער סטאַנציע פלעגט צו איהם אַריין קומען דער האַניפאָליער סופר. דען עֶר האָט געוואָהנט לעבין דעם אָרט ווי דעם רבּי׳נס סטאַנציע איז געוועזען. און עֶר איז אויך געוועזען פון די מעזריטשער חסידים פלעגט עֶר צו וועלען שמיסען חסידות. דאָס מאָהל איז פונקט געוועזען די נאַכט פון ר״ח שבט און עס איז געוועזען אַ גרויסער שניי און דער רבי ר׳ שניאור זלמן זכרונו לברכה איז שטאַרק אַ דורך געווייקט געוואָהרען פון דעם שניי איז עֶר זייער מיעד געוועזען און איז גלייך צו געפאָהרען צו דער סטאַנציע און האָט אָב געדאַווינד מעריב און זיך געלייגט שלאָפען און איז נישט גיגאַנגען צום רבּי׳ן ר׳ זושא אָבער דער סופר וואָס פלעגט אַלע מאָהל ווען דער רבי רב שניאור זלמן איז געקומען קיין האַניפאָליע צום רבּי׳ן אויך צו קומען. איז אויך דאָס מאָהל צום רבּי׳ן נישט געקומען. און דער פריה איז דער סופר אַריין געקומען צום רב און האָט איהם איבער גיבעטען וואָס ער

איז פאר נאכט נישט געקומען מקבל פנים זיין דעם רביין. וויל דער רבי ר׳ זושא האט איהם די וואך דערציילט אז מען האט איהם געזאגט פון הימעל אז פון ר״ח שבט אהן וועט דער רבי פון מעזריטש אהנהייבען צו שרייבין אביעם נוסח און זיינע פרשיות. אלזא זאל ער איהם שרייבין נייע פרשיות לויט דעם נוסח אין אויך איבער מאכען די בתים מיט די קשרים לויט דעם נוסח און זאל זעהן אז עס זאל פארטיג ווערען אויף ראש חדש שבט דען ער וויל פון ראש חדש אהן לייגען לויט דעם נייעם נוסח פון די פרשיות וואס דער מגיד זכרונו לברכה פון מעזריטש וועט לייגען. און די צייט איז שוין געוועזען קורץ האט דער סופר געמוזט אויף זיין אגאנצע נאכט ער זאל פארטיג מאכען אויף צו מארגענס און דער פריא די תפילין. האט דער רבי ר׳ שניאור זלמן זכרונו לברכה געזאגט אז ער זאל איהם ווייזען דעם נוסח פון די פרשיות וואס דער רבי ר׳ זושא האט זיך געהייסען שרייבען איז געוועזען פונקטלעך ווי ער האט מברר געוועזען פארין מגיד פון מעזריטש זכרונו לברכה האט איהם דער רבי ר׳ שניאור זלמן זכרונו לברכה דערציילט די גאנצע מעשה ווי דער רבי האט איהם אריינגערופען און געהייסען מברר זיין דעם נוסח און ער האט פיער וואכין דער ביי געארבייט:

נאך א מעשה פון תניא זכרונו לברכה:

דער היילינער רבי ר׳ שניאור זלמן זכרונו לברכה האט אמאהל געשריבען אבריף צום רביין ר׳ זושא זכרונו לברכה און אין די טיטלען פון אויווען האט ער אויך געשריבען דעם טיטעל „שר התורה“ דאס הייסט דער האר פון דער תורה. וואס דעם טיטעל איז פאסיג צו שרייבען צו א גרויסען גאון און וויל דער רבי ר׳ זושא איז געוועזען בעוואוסט און חסידות נישט גאונית אין די מענטשין וואס זענען דער ביי געשטאנען איז זיי געוועזען אווינדער און זיי שרייבען דען זיי האבען געוואוסט אז דער היילינער תניא זכרונו לברכה. שרייבט יעדיןווארט פונטקליך און ער שרייבט קיינעם נישט קיין גרעסערין טיטעל ווי איהם קימט. האבען זיי זיך גישט געקענט איינהאלטען און זיי האבען געפרעגט דעם רביין פאר וואס ער שרייבט דעם רביין ר׳ זושא אזא טיטעל וואס לויט זייער פערשטאנד איז דער טיטעל נאהר פאסיג פאר

א גרויסען גאון און דער רבי ר׳ זושא האט ער איז געוועזען בשמ״ט און חסידות אבער און לומדות איז ער נישט בעקאנט. האט זיי דער רבי געזאגט איך וועל אייך דער צייילען א מעשה וועט איהר וויסען אז דער רבי ר׳ זושא איז טאקי יאה דער „שר התורה״:

איינמאהל ווען מיר זענען געוועזען ביים מגיד זכרונו לברכה און מעזריטש האט איינער פון אונזערע חברים געוויזען א מאמר פון זוה״ק וואס איז זייער שווער געוועזען צו פערשטיין. און מיר אלע האבין זיך דריינען מפלפל געוועזען. אונזער רבי ר׳ זושא האט נאך געהאלטען פארין דאווינען. און ער איז ארום געגאנגען און בית המדרש אהין און צוריק זייער פערקלערט און פערטיפט און הייליגע געדאנקען. און וויל מיר האבען זיך שטארק מפלפל געוועזען און דעם מאמר פון זוה״ק איינער האט געזאגט דער פשט איז אזוי דער צווייטער האט געזאגט אנדערש איז געווארין א גרויס געוואלט און בית מדרש און מיר האבען דערמיט גישטערט דעם רביין ר׳ זושא זיינע הייליגע געדאנקען צו האלטען. האט ער אינז גיפרעגט וואס איז דאס אזא טימעל און א געשריי און בית מדרש האבען מיר גיענטפערט אז עס האט איינער געוויזען א שווער שטיקעל זוה״ק און מיר מיטשען זיך אלע דריינען און מיר ווייסען נישט דעם ריכטיגען פשט. דער זאגט אזוי און דער זאגט אזוי. און פון דעם איז אזא געשריי. האט דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה געזאגט ווייזט מיר נאר אויף דעם מאמר פון זוה״ק. אפשר וועל איך עפיס וויסען. האבען מיר איהם געוויזען. האט ער אינז גיבעטען אז מיר זאלען זיין שטיל א ביסעל ער זאל קענען אריין קלערען דריינען. און ער האט זיך אהנגעשפארט דעם קאפף אויף דער דא[illegible]ד און ז אזוי גילעגען א וואלע:

און דער נאך האט ער זיך אויפגעהויבען און האט אינז געזאגט דעם פשט פינם מאמר און זוה״ק אז עס אינז אלע גיפעלען און מיר האבען אלע מודה גיוועזען אז דאס איז דער אמתידיגער פשט און די כוונה פון רשב״י. איז אינז די זאך זייער א וואונדער גיוועזען דאס די גרעסטע לומדים האבען זיך אזוי לאנג געמיטשעט און האבען בשום אופן נישט געקענט וויסען דעם ריכטיגען פשט און דער רבי ר׳ זושא וואס איז גאהר נישט בעוויסט פאר קיין למדן זאל און דער קליינער וואלג טרעפען צו זאגען דעם ריכטיגען פשט. האבען מיר איהם איבער גיפרעגט ער זאל אינז זאגען פון וואנען ער ווייסט דעם פשט פון דעם מאמר פון זוה״ק. האט ער אינז געזאגט וויל איהר האט מיך נישט געלאזט און זינען האבען מיינע געדאנקען וואס איך

האב

האָב געהאַט פאַר דעָם דאַווינעָן דורך אײַעָרעָ געָשרײַעָן האָב איך גיבעָטין השי״ת אַז עָר זאָל מיר שיקעָן רב שמעון בן יוחאי דעָם מחבר פון זוה״ק עָר זאָל מיר זאָגעָן דעָם פשט און זײַנעָ ווערטעָר. כדי עָס זאָל זיך אויף הערען אײַערע געשרײַען און איהר זאָלט מיך לאָזען און זינגען האָבען דאָס דאַווינען. און יעצט דאַרפט איהר שוין וויסען אַז ער איז טאַקי דער שר פון דער תורה זכותו יגן עלינו:

נאָך אַ מעשה פון תניא זכרונו לברכה:

ווען דער רבי ר׳ שניאור זלמן זכרונו לברכה איז צוריק געקימען פון פעטערבורג זענען צו איהם געקומען אַ גרויסער עולם חסידים שלום נעמין האָט ער זיי געפרעגט וואָס זיי ווילען צו ער זאָל זיי זאָגען אַ מאמר חסידות צו ער זאָל זיי דערציילין אַ מעשה האָבען זיי געזאָגט אַז זיי ווילען הערען אַ מעשה האָט ער זיי אָהנגעהויבען צו דערציילען:

ווען מען האָט זיך דער וויסט און מעזריטש ביי דעם רביין ר׳ בער זכרונו לברכה אַז די גאונים דער רבי ר׳ שמעלקי פון ניקלשפורג און זיין ברידער ר׳ פנחס וואָס האָט געמאַכט די גאונישע ספרים „הפלאה און המקנה” זכרונו לברכה וועלין קימען קיין מעזריטש צום רביין ר׳ בער זכרונו לברכה. האָט מען דאָרט זיך שטאַרק צו געגרייט זיי אויפצונעמין און מען האָט אויס געקאַלעכט די דירות און געוואַשען די פאָדלאָגעס מיט די פענסטער פינקט אַזוי ווי אויף פסח:

און ווי זיי זענען געקומען צו פאָהרען האָב איך גיזעהן אַז איך זאָל זיין דער ערשטער ביים רביין זכרונו לברכה ווען זיי וועלען אַריינקומן שלום נעמין. און ווי זיי זענען אַריינגעקומען האָט זיי דער רבי גיגעבען אַ פריינד־ליכען שלום און זיי האָבען גיפרעגט דעם רביין אַ פשט און אַ שטיקעל רמב״ם וואָס עס איז זיי זייער שווער גיוועזען. האָט זיי דער רבי גיזאָגט אַז ער איז יעצט שטאַרק שוואַך און ער קען זיך נישט מיטשען אַריין צו קלערין און דעם אַריין. נאָר זיי זאָלען זיך מטריח זיין צו ר׳ זושא׳ן וואָס ער איז אויך הערשט געקומען צום רבי׳ן וועט ער זיי זיכער ענטפעריי דעם ריכטיגין פשט און רמב״ם׳ס ווערטער:

און

און ווי איך האָב דאָס גיהערט בין איך תיכף געלאָפען אויף מיין סטאַנציע און דער רבי ר׳ זישא איז מיט מיר געשטאַנען אויף איין סטאַנציע אין ווי זיי זענען אַריין געקומען איז דער רבי ר׳ זושא גיזעסען פערקלערט און זיינע הייליגע געדאַנקען און ער האָט גאָר נישט בעמערקט זייער אַריין קומען. בין איך צו געגאַנגען און האָב איהם גיגעבען אַ ריהר ביי דער האַנט האָט ער זיך אומגעקוקט און דערזעהן די חשוב׳ע געסט. האָט ער זיי גיגעבען שלום און איבער גיבעטען פאַר וואָס ער האָט זיי געלאָזט שטיין דען ער איז גיוועזען פערקלערט האָט ער זיי נישט בעמערקט:

האָבען זיי איהם געזאָגט דאָס דער רבי האָט זיי געשיקט צו איהם ער זאָל זיי זאָגען דעם פשט פון דעם רמב״ם וואָס זיי איז שווער און האָבען איהם געזאָגט די הלכה פון רמב״ם און וואָס עס איז זיי דריגען שווער האָט דער רבי ר׳ זושא פערוויכערט די לולקע און אין אַפּאָהר מינוט נאָך זיין קלערען האָט ער זיי געזאָגט נאָך איינער קשיא זעהט אויס אַז איהר האָט נישט געלערינט דעם רמב״ם כסדר דען ווען איהר זאָלט גיוועזען לערנען די הלכה פריהער פון דעם וואָס איהר פרעגט וואָלט איהר גאָהר נישט געהאַט צו פרעגען און ווי ער האָט זיי געזאָגט איז זיי טאַקע איינגעפאַלען דער תירוץ אַזוי ווי דער רבי ר׳ זושא האָט זיי געזאָגט. און זיי האָבען זיך שטאַרק פערוואונדערט וואָס זיי איז גאָהר באַלד שווער געוועזען. דען ר׳ זושא איז גירעכט אַז מען לערענט די הלכה פריהער דאַרף מען גאָהר נישט פרעגען. און איך האָב מיה נאָך מיין פערוואונדערט דען מיר האָבען דאָך דעם רבין ר׳ זושא קיינמאָהל נישט געזעהן לערנען און דאָה האָט ער זיי אויסען־ווייניג גיענטפערט די הלכה פון רמב״ם פריהער גלייך ווי איינער וואָס איז קלאָהר און גאַנצען רמב״ם:

און בין צוריק געגאַנגען צום רבין זכרונו לברכה האָט ער מיך געפרעגט צו די גאונים זענען געוועזען ביים רבין ר׳ זושא האָב איך געזאָגט אַז יאָה און האָב איהם אויך געזאָגט וואָס ר׳ זושא האָט זיי גיענטפערט האָט מיך דער רבי געפרעגט צו ער האָט זיי באַלד גיענטפערט האָב איך געזאָגט ער האָט אַפּאָהר מינוט געראויכערט די לולקע און דער נאָך האָט ער זיי גיענטפערט. האָט דער רבי זכרונו לברכה געזאָגט עס זעהט אויס אַז ר׳ זושא איז עפּיס נישט ביים גאַנצען געזונד השי״ת זאָל איהם שיקען אַ רפואה שלימה. דער זכות פון די צדיקים זאָל אונז ביי שטיין אמן:

ווי אזוי די ברודער די גאונים דער רבי ר׳ שמעלקי פון ניקאלשפורג און דער רבי רב פנחס דער מחבר פון די בערימטע ספרים „הפלאה און המקנה” זענען געווארען דעם היילינען רבי׳ן ר׳ בער׳ס פון מעזריטש חסידים.

ווען אויף דער וועלט איז מפורסם געווארען דאס גרויסקייט פון היילינען רבי׳ן ר׳ בער זכרונו לברכה און די ברודער די גאונים דער רבי ר׳ שמעלקי און דער רבי ר׳ פנחס האבען אויך געהערט זיין גיטען נאמען האט דער רבי ר׳ שמעלקי געזאגט צו זיין ברודער ר׳ פנחס איך האב גיהערט אז עס איז דא און מעזריטש א גרויסער רבי. לאמיר פאהרען קיין מעזריטש און מיר וועלין פון איהם לערנין תורה פאר השי״ת וועגין מיר זאלין אויך זוכה זיין צו דינען השי״ת מיט גרויס ליבשאפט אזוי ווי דער מעזריטשער רבי. האט דער רבי ר׳ פנחס איהם גיענפערט מיר וועלען דאך מיזען א סאך מבטל זיין אינזער לערנען ביז מיר וועלין קומען קיין מעזריטש. און אפשר איז דער רבי גאהר נישט קיין למדן און ש״ס און פוסקים אזוי ווי מען זאגט אויף טייל פון די רבי׳ס. האט איהם דער רבי ר׳ שמעלקי געזאגט. דאס ער האט גיהערט אז ער איז אויך א גרויסער גאון און ש״ס און פוסקים. האט איהם דער רבי ר׳ פנחס געפאלגט און איז מיט איהם מיט געפאהרין קיין מעזריטש:

אין זיי זענען אריין געקומען פונקט פרייטיג נאך צוועלף. און אזוי ווי זיי זענען אהן געקומען זענען זיי גלייך געגאנגען צום היילינען מגיד זכרונו לברכה שלום נעמען. האט ער זיי גיגעבען שלום און מעהר האט ער מיט זיי נישט גירעדט ווייל ער איז גיוועזען פערטיעפט און די הכנות פון שבת האט עס דעם רבי׳ן ר׳ פנחס פערדראסען און ער האט געזאגט צו זיין ברודער דער רבי ר׳ שמעלקי. די זעהסט שוין ווי מענטשין קענען אזוי אלעס איינרעדין. זיי האבען אינז דערציילט אז דער רבי איז א בעל רוח הקודש. און יעצט זעהסטו דאך אליין ווען עס זאל אמת זיין אז ער האט רוח הקודש וואלט ער דאך געוויסט אז מיר זענען גרויסע תלמידי חכמים. און ער וואלט אינז גיוועזען שענער אויפגענימען. און מיט אינז געשמיסט און לערנען. און אזוי עס איז געקומען שבת צו די סעודות האט דער רבי געזאגט תורה אויפען חסידישען שטייגער און ווייל זיי זענען נאך דאס נישט גיוועזען געוואהנט האבען זיי נישט פערשטאנען וואס ער זאגט און זיי

האבין

האָבען שטאַרק חרטה געהאַט אויף זייער פאָהרען וואָס זיי האָבען אַזו לאַנג מבטל גיוועזען פון לערנען ביי דער צייט וואָס זיי זענען אַרויס געפאָהרען און יעצט ביי דעם צוריק פאָהרען דען זיי האָבען געמיינט אַז דער רבי וועט עפּיס זאָגען אַ תורה אַפשעטיל אַז זיי זאָלען אויך קענען שמיסען מיט איהם. און אויף דער תורה וואָס דער רבי האָט געזאָגט האָבען זיי קיין ידיעה נישט געהאַט און זיי האָבען זיך אויך נישט גיקענט אָהן ריפען און זיי האָבען בעשלאָסען באַלד שבת צו נאַכט אַריין צו גיין צום רבי'ן זיך גיזעגינען און אַ היים צו פאָהרען. ווי זיי זענען אַריין געקומען צום רבי'ן זיך גיזעגינען האָט ער זיי געזאָגט אַז זיי זאָלען נאָך אַביסעל וואַרטין ביז ער וועט נאָך זיי שיקען און דער וויל זאָלען זיי צוריק גיין אויף זייער סטאַנציע:

האָבען זיי געוואַרט ביז דינסטאָג אָבער דער רבי האָט נאָך זיי נישט געשיקט זענען זיי אַליין געקומען צום רבי'ן האָט ער זיי גיזעגינט נאָר ער האָט זיי גיבעטען אַז זיי זאָלען זיך גיין גיזעגינען אויך מיטן רבי'ן ר' זושא און דער רבי ר' זושא איז דאַמאָלט גיוועזען און בית מדרש. זענין זיי צו איהם געקומען און געזאָגט דאָס דער רבי האָט זיי גיזעגינט און האָט זיי אויך געהייסען גיין גיזעגינען מיט איהם. דריבער זענען זיי צו איהם געקומען. האָט זיי דער רבי ר' זושא געזאָגט. אינזערע הייליגע חכמים זכרונם לברכה האָבען געזאָגט אַז אויב דער רבי איז אַזוי ווי אַ מלאך זאָלסטו פון איהם לערנען תורה און אויב נישט זאָלסטו פון איהם נישט לערנין איז דאָך די זאַך זייער שווער צו פערשטיין צו קען דען וועלכער מענטש אַ מלאך, צו האָט דען אַ מענטש גיזעהן אַ מלאך ער זאָל וויסען צו דער רבי איז אַזוי ווי אַ מלאך און ער מעג פון אים לערנין. האָבען זיי זיך פערווינדערט דען זיי האָבען זיך קיינמאָהל נישט גישטעלט אויף אַזעלכע קשיות און דער אמת דאַרף מען דאָך דאָס צו פערשטיין:

האָט זיי דער רבי ר' זושא געזאָגט הערט אויס מיינע ברודער, דער אמת'דיגער פשט איז אַזוי אויב דעם רבי'נס דרכים און יודישקייט זענען פון דיר פערהוילען אַזוי ווי דער מלאך איז פערהוילען פון מענטשין זאָלסטו פון איהם לערנען תורה. און האָט זיי גיזעגינט, איז זיי די ווערטער גיט איינגעגאַנגען און זיי האָבען געזאָגט איינער צום צווייטען יעצט זעהן מיר דאָס דער רבי האָט טאַקי יאָ רוח הקודש און דעריבער האָט ער איינז געשיקט צום רבי'ן ר' זושא און ניט בלויז דער רבי האָט רוח הקודש נאָר אויך זיין תלמוד דער רבי ר' זושא האָט אויך באַלד מיט רוח הקודש געוואוסט

וואָס

וואס מיר האבען און הארצען און זינען אויפען רבי'ן. און דאס האט ער
אינז פערענטפערט מיט דער תורה וואס ער האט אינז געזאגט. און זיי זענען
פערבליבען ווייטער ביים רבי'ן ביז זיי זענען געווארען גרויסע חסידים.
און אויף זיי האט דער הייליגער מגיד זכרונו לברכה געזאגט, אז ער האט
גיזעהן א שטיב פיעל מיט לעכט נאר זיי האבען נישט געלייכט. האט ער
אריין געלאזט און איהר א פינק האבען זיי אלע אהנגעהויבען שטארק צו
לייכטען זכותם יגן עלינו:

א ווינדערליכע מעשה פון הייליגען קאזניצער מגיד זכרונו לברכה:

דער הייליגער קאזניצער מגיד ר' ישראל זכרונו לברכה פלעגט ימים
נוראים אליין דאוויגען פארין עמוד. אייננמאהל איז דער הייליגער
מגיד צו געגאנגען צום עמוד זאגען כל נדרי און ער איז אזוי געשטאנען
ביים עמוד צוויי שעה. און האט גאהר נישט געזאגט נאהר שטארק געוויינט
נישט אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען אלע מאהל. האבען זיך די חסידים
זייער געוואונדערט דען זיי האבען פער שטאנען אז עס איז עפיס ניים.
און עס איז אויף זיי געפאלען א גרויסע שרעק דאס זייערע האר האבען
זיך אויף געשטעלט פון שרעק פליצלינג האט זיך דער הייליגער מגיד אויס
געדרייט און געפרעגט צו עס איז נישט דאה צווישען דעם עולם אייגער
א פילובער. האבען זיי זיך אומגעקוקט און זיי האבען נישט געפונען נאהר
זייער א פראסטען מענטש פון דארף ראגוויץ וואס עס איז צווישען גנויועשוב
און צווישען פילוב ביי דער ווייסעל און זיי האבען איהם געברענגט צום
הייליגען מגיד. האט איהם דער מגיד געפרעגט צו ער קען די שטאדט פילוב
האט ער גיענטפערט דעם מגיד ז"ל איך קאן די שטאדט פילוב זייער גוט
דען איך האב און דארף א מילכעגס און איך פיהר אלע טאג די מילך
מיט דער פיטער קיין פילוב. האט דער הייליגער מגיד איהם ווידער גיפרעגט
צו ער קען דעם דארטיגען פריץ קשאנזע שאטרינסקע און זיין הינט. האט
ער גיענטפערט אז ער קען גיט דעם פריץ און אויך זיין הינט. און האט

דערציילט אז דער הינט איז אזוי גרויס ווי א קיה און אז ער לויפט שטענדיג ארום און שטאדט נאר ער טשעפעט קיינעם נישט. אויך ער בילט נישט. האט איהם ווידער דער הייליגער מגיד גיפרעגט ווי האט ער גענומען דעם הינט. האט דער מענטש געזאגט אז דער פריץ איז אמאהל געפאהרען קיין אויסלאנד אויף א געיעג פון פערד. האט ער דארט געקויפט דעם הינט און האט פאר איהם בעצאהלט אכטצעהן הינדערט רענדליך און האט איהם ספעציעל אויס געמויערט א שטאל ער זאל דארט שטענדיג זיין. האט עס אויך בעטראפען צוויי הינדערט רענדלעך. און אלע טאג פלעגט דער פריץ אליין איהם געבין עסען צעהן פינט פלייש. אין איינמאהל האט דער פריץ איהם גיברענגגט צי עסין. האט ער נישט געווארט ביז דער פריץ איז צו איהם צו געקומען אזוי ווי אלע מאהל נאר ער איז איהם א קייגען געלאפען און האט דאס פלייש אויס געחאפט פון פריצ׳ס האנד איז דער פריץ בייז געווארען און האט געהייסען צו לייגען די שטאל פון דעם הינט. און האט אויך דעם הינט זייער געשלאגען און ארויס געיאגט פונם הויף און פון דעמאלט אהן לויפט ער ארום און דער שטאט פילוב . און ער טשעפעט קיינעם נישט. און ווי דער הייליגער מגיד האט שוין אויס געהערט די גאנצע מעשה פון דעם דארפסמאן האט ער זיך באלד אויס געדרייט צום עמוד און דריי מאהל אויסגעשריגען מיט אפיערדיג געשרייא „נו די הערסט מלאך מיכאל" און האט תיכף אהנגעהויבען צו זאגען כל נדרי. די חסידים האבען זיך זייער פער ווינדערט:

מוצאי יום הקדוש. האבען די חסידים אויסגעקליבען די גרעסטע פון זיי וואס זענען גיוועזען שטארק מקורב צום הייליגען מגיד זכרונו לברכה זיי זאלען איהם פרעגען וואס דאס איז גיוועזען יום הקדוש פאר כל נדרי. וואס ער האט אזוי שטארק געוויינט און דערנאך מיט דער מעשה פון פריץ מיטן הינט. און וואס ער האט געשריגען, דריי מאהל „מלאך מיכאל די הערסט". האט זיי דער הייליגער מגיד געזאגט הערט אויס וועל איך אייך דערציילען די מעשה וואס דא איז גיוועזען. נעכטען דאס הייסט יום הקדוש ביי נאכט איז גיוועזען א גרויסער קיטרוג אויף יודען און הימעל. און די מעשה פאר וואס דער קיטרוג איז גיוועזען איז אזוי. און דער שטאדט מעכיוו וואס איז לעבען קראקא האט געוואהנט א גרויסער ארימאן און ער האט גענדארפען א טאכטער חתונה צו מאכען נאר ער האט נישט געהאט אפילו א פרוטה האט איהם דאס ווייב געפאניגט אז ער זאל זיך ארויס לאזען אויף דער וועלט און מקבץ זיין אויף דכנסת כלה. נאר ווייל

ער

ער איז געוועזען זייער אַ שעמעוודיגער און ער האָט נישט קיינעם גערעדט נאָר ווער עס האָט איהם אַליין גיגעבען האָט ער ביי איהם גענומען פאַר שטייט זיך אַז ער האָט נישט צונויף גענומען קיין סאַך געלד בפרט אויף חתונה צו מאַכען האָט ער אַ וודאי נישט געהאַט. און ער איז אַזוי גיגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט ביז ער איז געקומען קיין פילוב. און האָט דאָרט אויך צו זאַמען גענומען געלד און איז אַוועק געגאַנגען זיין וועג. און וועג האָט ער זיך דערמאַנט אָהן זיין ביטערע לאַגע און האָט זיך בערעכענט אַז ער איז ווייט פון זיין היים און האָט שוין אַזאַ לאַנגע צייט געוואַנדערט און האָט נאָך גאָר קיין געלד נישט מיט וואָס אַ היים צו קומען איז אויף איהם געפאַלען זייער אַ גרויס טרויעריקייט און ער האָט זיך שטאַרק צו וויינט און איז געגאַנגען און געוויינט:

און פליצלונג איז אַ דורך געפאָרען דער פיליבער פריץ און נאָך איהם זענען נאָך געפאָהרען נאָך אַ חב״ה פריצים וואָס זענען גיזעסען און דעם פריץ גיטער און זיי האָבען אים בעגלייט אויפן וועג מיט גרוס פאַראד. און ווי דער פריץ האָט גיהערט דאָס יעמערליכע געוויין פון דעם יוד האָט ער זיך אָב גישטעלט מיט דער קאָטש. און האָט דעם יוד צו גערופען און האָט איהם גיפרעגט וואָס ער וויינט. און אין אָהנהייב האָט דער יוד נישט געוואָלט צו גייען דען ער האָט מורא געהאַט זיי זאָלען איהם ניט שלאָגען. אָבער וויל דער פריץ איז געשטאַנען און האָט עטליכע מאָהל גערופען האָט ער געמיזט צו גיין. און ער האָט דעם פריץ דערציילט זיין גאַנץ אָרימקייט און אַז ער דאַרף יעצט חתונה צו מאַכען אַ טאָכטער און ער האָט נישט קיין געלד דריבער וויינט ער אַזוי שטאַרק. האָט איהם דער פריץ גיפרעגט וויפיהל ער דאַרף אויף חתונה צו מאַכען האָט ער איהם געזאָגט הינדערט רענדליך האָט איהם דער פריץ גיגעבען אַ טשעק און זיין קאַסע אריין. און האָט איהם געזאָגט אַז ער זאָל מיט דעם טשעק גיין און שטאָדט אַריין און זיך נאָך פרעגען צו זיין פאַלאץ און זאָל אריין גיין און קאַסע אריין וועט מען איהם באלד געבען די הינדערט רענדליך. און דער פריץ איז ווייטער נעפאָהרען זיין וועג:

און דער מענטש האָט זיך בערעכענט אַז דאָס איז נישט מעגליך אַז דער דער פריץ זאָל איהם געבען אַזוי אַגרויסע נדבה איז ער דען משוגע געוואָהרען ער זאָל אַוועק געבען אַזוי פיהל געלד האָט ער זיך געטראַכט אַז עס איז נישט אַנדערש נאָר ער האָט פון איהם געמאַכט אַ שפּאַס. און ער האָט מורא געהאַט צו גיין און הויף אַריין צום פריץ נאָהר ער איז

געגאַנגען

געגאנגען זיין וועג ווייטער ביז ער איז געקומען קיין דובענקא און דארט האט ער זיך מיישב געוועזען ער האט דאך שוין א פאהר הינדערט גולדען און עס איז שוין באלד ימים נוראים וועט ער זיך אומקעהרען אהיים און ער האט אזוי געטוהן און איז צוריק צו וועגס נאך א מאל געוועזען און פילוב און איז איינגעשטאנען ביי איין יוד אויף א סטאנציע. דער וויל האט ער זיך צו שמועסט מיט דעם יוד און האט איהם דער ציילט ווי דער וועג איז איהם צו געגאנגען. ביז ער האט איהם אויף דערציילט די מעשה פונם פריץ אז ער האט איהם געטראפען און וועג האט ער איהם געגעבען א בריף און האט איהם געזאגט אז ער זאל מיט דעם בריף גייען און זיין הויף אריין און דער קאסע וועט מען איהם געבען אויף דעם בריף הינדערט גילדענע רענדלעך. האט דער בעל הבית איהם געזאגט אז ער זאל איהם וויזען דעם בריף פונם פריץ האט ער איהם געוויזען:

און ווי דער בעל הבית האט געזעהן אז דאס איז א ריכטיגער טשעק האט ער זיך שטארק פערוואונדערט. און האט איהם געזאגט ווי געפינט זיך און א מענטש אזוי פיהל פוילעקייט איהר קענט דאך מיט דעם בריף בעקומען דאס גאנצע געלד וואס איהר דארפט האבען און איהר זאלט נישט דארפען ארום צו גיין און ווי באלד איהר וועט ווארטען ביז דער בריף וועט צו ריסען ווערען וועט איהר און גאנצען היזק האבען און האט אהם צו געיאגט ער זאל שוין גיין און דויף צריין מיט דעם בריף אב נעמען דאס געלד. אבער ער האט גאהר נישט געמאכט מיט זיינע רייד. דען דער מענטש איז געוועזען זייער א גרויסער בטלן און א פוילער האט ער דעם בעל הבית פון זיין אכסניא אויף נישט געוואלט גלייבען און האט מורא געהאט צו גיין נאהר דער בעל אכסניא דאט אויף איהם רחמנות געהאט. האט ער ביי איהם גענומען דעם טשעק און איז אליין געגאנגען און הויף אריין און האט אב געגומען און דער קאסע דאס געלד און האט עס געברענגט צו דעם ארימאן האט ער זיך זייער געפרייט און איז אהיים געפאהרען פריילעך:

און ווי די מעשה איז געטוהן געווארען איז אויף דעם הימעל געוואהרען א גרויסער קיטרוג ר"ל אויף יודען. פאר וואס דער ארימאן האט ארום געוואנדערט אזוי פיהל יודישע שטעדט און ער האט נישט גיקענט חתונה מאכען און דער פריץ אליין האט איהם גיגעבען ווי פיהל ער האט געוואלט און ער האט חתונה געמאכט. און דער מלאך מיכאל וואס וואס ער איז שטענדיג א גיטער מליץ פאר דעם כלל ישראל איז געבליבען שטיל און האט

האָט אויך גאָהר נישט געוויסט וואָס צו ענטפערין דריבער האָב איך אַזוי שטאַרק געוויינט. ביז דער דאַרפסמאַן האָט דערציילט די מעשה פון דעם פריץ ווי ער האָט אויס געגעבען אַזוי פיהל געלד אויף דעם הינד. האָב איך געזאָגט צום מלאך מיכאל די זעהסט אַז דאָס געלד וואָס דער פריץ האָט דעם אָרימאַן גיגעבען, איז נישט ווייל ער האָט אויף איהם רחמנות געהאַט נאָר עס איז ביי איהם גלאַט קיין געלד נישט חשוב וואָהרען די זעהסט דאָך אַז אויף אַ הינד האָט ער אויס גיגעבען צוואַנציג מאָהל אַזו פיהל דאַמאָלט איז הערשט דער קיטרוג בטל געוואָהרען. און איך האָב גיקענט דאַווינען כל נדרי. דער זכות פון הייליגען קאָזניצער מגיד זכרונו לברכה זאָל אינז ביי שטיין אַז עס זאָלען פון אינז בטל ווערען אַלע קיטרוגים און שלעכטע גזירות און מיר זאָלען געהאָלפען ווערען אמן:

אַ ווינדערליכע מעשה פון הייליגען קאָזניצער מגיד זכרונו לברכה:

דאָס לעצטע יאָהר איידער דער הייליגער קאָזניצער מגיד זכרונו לברכה איז נפטר געוואָרען, ווען ער האָט געזאָגט כל נדרי פאַרין עמוד און ער איז צו געקומען צו די פסוקים „ויאמר ה' סלחתי כדבריך” האָט זיך דער הייליגער מגיד אַנידער גישטעלט. און אָהנגעהויבען צו טענען צו השי״ת מיט דעם לשון רבונו של עולם. דיין שטאַרקייט איז דאָך גיט בעוויסט קיין שום בריי אויף דער וועלט עס זאָל וויסען אויסער דיר אַליין. און מיין שוואַכקייט קען אויך קיינער נישט וויסען אויסער דיר. און אין דעם קען מען וויסען ווי שוואַך איך בין היינט אַז איך פלעג שטענדיג דאַווינען אַלע טאָג פאַרין עמוד און דאָס יאָהר האָב איך נישט געדאַוועט דאָס ווייסט דאָך קיינער נישט דעם אמת אַז עס איז דורך מיין שוואַכקייט אויסער די רבונו של עולם. און פון דעסטוועגען אַ גאַנצען חודש אלול האָב איך יאָ געדאַוועט פאַרין עמוד. און די רבונו של עולם ווייסט דאָך דעם אמת אַז איך האָב נישט מיך און זיכען געהאַט. נאָר דיין הייליג פאָלק יודען. און איך האָב פאַר זיי מתפלל גיוועזען, אַלזאָ פרעג איך דיך איין פראַגע רבונו של עולם פאַר וואָס איז פאַר מיר קיין שום זאַך נישט שווער צו טוהן פאַר די:

די יודענס וועגען חאטש איך בין אזוי שוואך. און די וואס די בייסט אזוי שטארק איז פאר דיר שווער צו זאגען די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך"; דער נאך האט ער ווייטער געזאגט אפשר ווילסטו ניט זאגען די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך" ווייל עס איז נישט דאה קיין צדיקים אין דור. די האסט דאך און רימאנוב דעם היילגען ר' מענדילע פריסטוגער וואס ער שטייט פער אלע צדיקים פון דער וועלט און אפשר רבונו של עולם וועסטו זאגען אז דריבער ווילסטו נישט זאגען די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך" ווייל עס איז ניט דא די „אורים ותומים" האסטו די דאך דעם היילגען חוזה פון לובלין ר' איציקעל וואס ער לייכט אזוי ווי די „אורים ותומים" וואס זענען געוועזען אויפן כהן גדול. און אפשר רבונו של עולם וועסטו זאגען אז דריבער ווילסטו נישט זאגען די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך" ווייל עס איז ניט דאה קיין בעלי תשובה אוף דער וועלט. חאטש איך בין אזוי שוואך בין איך גרייט תשובה צו טוהן פארין כלל ישראל. און איך בעט דיך זייער די זאלסט זאגען „סלחתי כדבריך" און האט אזו גערעט עטליכע מאהל. דער נאך האט ער געהייסען זינגען און האט מיט אהויך קול געגעבען אגעשרייא ויאמר ה' סלחתי כדבריך. און אין דעם אייגענעם יום הקדוש האט דער היילגער רבי פון לובלין זכרונו לברכה געזאגט צו זיינע חסידים ווי העלפט שוין השי"ת אז עס זאל נאכט ווערען און מיר זאלען הערען גוטע בשורות פון קאזעניטץ דען דער קראנקער וואס ער ליגט שטענדיג און בעט דאס האט ער געמיינט דעם היילגען קאזעניטצער מגיד, איז מרעיש עולמות. און ווי מען האט דער ציילט די מעשה פארין היילגען ריזינער זכרונו לברכה האט ער געזאגט איך גלייב באמונה שלמה אז דער קאזעניטצער מגיד האט געהערט פון השי"ת אליין די ווערטער „סלחתי כדבריך" ווען נישט וואלט ער ניש געוועזען ווייטער געדאוועט. זייער זכות זאל אינז בר שטיין אמן:

דער היילגער בראדער רב ר"מ קריסנאפאליער ז"ל.

און בראד איז געוועזען רב דער היילגער גאון ר"מ קריסנאפאליער זכרונו לברכה. ער איז געוועזען בעוויסט אוף דער וועלט אז ער פאסט פון שבת

צו

צו שבת. איינמאהל איז צו איהם געקומען איינער פון זיינע גוטע פריינד וואס ער איז שטארק בעקאנט געוועזען מיט איהם און דאס איז געוועזען פונקט מיטוואך האט ער דעם רב נישט געטראפען און שטיב. האט ער גיפרעגט ווי ער איז. האבען זיי גיענטפערט אז ער איז נישט געגאנגען און ערגיץ און מסתמא איז ער און דער צווייטער שטיב. און וויל ער איז געוועזין מיט איהם שטארק בעקאנט איז ער אריין גיגאנגען און דער צווייטער שטיב אריין זעהן צו ער איז דא דארט. און וויל ער האט איהם דארט אויך נישט געטראפען איז ער געגאנגען ווייטער ביז ער איז געקומען צום לעצטען חדר האט ער גיזעהן אז עס איז פערשלאסען. האט ער פערשטאנען אז מסתמא איז דא דער רב און דעם חדר. האט ער א דורך געקוקט דורך דעם לאך פון שלאס זעהן וואס דער רב טוהט דארט. האט ער גיזעהן אז ער נעמט ארויב א טעפיל איינגעמאכץ און נעמט זיך אלעפילע דער פון און עסט. איז איהם גיוועזען דאס א גרויס וואונדער וואס דער רב פערזיכט און מיטען תענית. נאר ער איז ארויס געגאנגען און האט דערפין גאר נישט דערציילט קיינעם. און אויך נישט איבער גיפרעגט דעם רב:

און א צייט ארום איז ער ווייטער געקומען צום רב פונקט און דעם זעלבין טאג. און אין זעלבער שעה און ער האט ווייטער נישט געטראפען דעם רב. איז ער ווייטער גיגאנגען ביז דעם חדר און האט ווידער געטראפען פערשלאסען האט ער אריין געקוקט נאך דעם לאך פון שליסעל און ער האט ווידער גיזעהן ווי דער רב נעמט אראב א טעפיל און נעמט אלעפילע און נעמט זיך איינגעמאכץ און עסט. האט ער זיך שוין נישט גיקענט איינהאלטען און ער האט גיפרעגט דעם רב וואס דאס איז דען אויב ער פאסט פון שבת צו שבת טאהר ער דאך קיין איינגעמאכץ ניט עסין און אויב ער פאסט ניט מעהר ווי ביז מיטוואך. מעג ער דאך עסין א גאנצע סעודה האט אים דער רב געזאגט זאלסט וויסען אז קיין שום מענטש וייסט נישט פון דעם אז איך פער זיך און מיטען תענית און אפילו מיין אייגען ב״ב וויסט אויך נישט דערפין. נאהר די וויל די האסט שוין די זאך געזעהן צוויי מאהל און עס איז דיר אוונדער און די פרעגסט מיך מיז איך דיר זאגען דעם אמת פערוואס איך מיז פערזיכען אלע וואך מיטוואך און דער זעלבער צייט, וויל איינמאהל איז געקומען דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה קיין בראד און איך האב אמנהג אז וועלכער רבי עס קומט און מיין שטאט אריין ווי איך בין רב גייא איך איהם מקבל פנים זיין און בין א ביסעל ביי איהם און דער נאך געזעגען איך מיך און גייא אוועק ווי איך בין געקומען צום

רבין

רבין ר׳ זושא זכרונו לברכה שלום נעמין און בין אזוי אביסעל געזעסען האט דער רבי ר׳ זושא געזאגט צו זיין כשמש אז ער זאל אריין ברענגין פארין רבינ׳ס וועגען איינגעמאכץ. האב איך געזאגט אז איך וועל נישט עסין וויל איך פאסט פון שבת צו שבת. און דער רבי ר׳ זושא האט מיך זייער געבעטען אז איך זאל עסין און איך האב בשום אופן נישט געוואלט און אז איך האב מיך געזעגענט און בין פון איהם אוועק געגאנגען האט ער מיך בעגלייט ביז צו דער טיהר. און ווי איך האב געעפענט די טוהר ארויס צו גיין האט ער מיר געזאגט איהר זאלט וויסען בראדער רב דאס פון היינט אהן וועט איהר שוין קיינמאהל ביי אייער גאנץ לעבען נישט פאסטען פון שבת צו שבת. האט דאס ביי מיר אויס געזעהן ווי א געלעכטער נאהר פון דאמאלט אהן ווען עס קומט דער טאג פונקטלעך צו דער שעה מיז איך עפיס טועם זיין און אויב נישט בין איך חלילה מסוכן פון דעם הינגער וואס עס קומט מיר אהן א חולשת הלב. אז אלע כוחות גייען מיר אויס און איך מיז נעמין עפיס און מויל אריין. פון דעם קען מען זיך ארויס לערנען ווי הייליג עס איז אינזער ווערטער אז ביי קיין גרויסען צדיק טאהר מען זיך נישט לאנג איינשפארין אפילו עס דאכט זיך אז די טוהסט גלייך זאלסטו איהם הערין וויל „אין מפצירין לגדול" און טוען ווי ער פערלאנגט:

ספר

תולדות

רבי שמעון הפייטן

און דיזען ספר ווערד ערציילט זייער אווינדערליכע
מעשה פון ר' שמעון הפייטן'ס זוהן אלחנן וויא
אזוי ער איז געוועזען פויפס אין רוים און דער נאך איז
ער צוריק געווארען א יוד. און ער איז פערברענט
געווארען אויף קידוש השם. און זיין פאטער האט
געמאכט פיוטים אויף ראש השנה וואס עם הייבט זיך
אהן מיט דעם ווארט „אלחנן" נאך זיין זוהנ'ס נאמען.

מיר האבען דאס איבערגעזעצט אויף זשארגאן כדי יעדער מענש
זאל זעהן דאס גרויסקייט פון דעם הייליגען גאון און צדיק זיע"א.

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' אברהם כהנא נאלעווקא 39

ווארשא

שנת תרפ"ד לפ"ק

SZYMON HAPAJTON
Wydanie księgarni
A. KAHAN Warszawa Nalewki № 39
konto czekowe P. K. O. 5723.
1924.

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

תולדות ר׳ שמעון הפייטן

די געשיכטע פון ר׳ שמעון הפייטן דער רב פון מגנצא מיט זיין זוהן ר׳ אלחנן.

שטיל און רוהיג איז זיך געזעסען דער רב אין מגנצא וואס איז בעוויסט מיט זיין נאמען ר׳ שמעון הפייטן וואס ער האט מחבר געוועזען פיעל פיוטם וואס מען זאגט זיי בכל קהלות ישראל. ער האט אבגילערענט זיין שיעור מיט די תלמודים און זענען זיך אהיים געגאנגען זיך אביסעל אברוהן פון דעם שיעור וואס זיי האבען זיך שטארק מפלפל געוועזען בעת זייער לערנען אזוי ווי מיליטער ביי דער מלחמה שטעהט איינער קעגען דעם צווייטען און יעדער איינער שטרענגט זיך אהן מיט אלע כוחות מנצח זיין דעם צווייטען, אזוי די תלמודים שטעלען זיך איינער קעגען צווייטען מנצח צו זיין זיין חבר און איז זיך מפלפל און ווייזט אויס ווי ער איז גירעכט נאך דעם זאגט זיך דער רבי זיין פשט און ער איז מכריע צווישען זיי און ער גיט די קרוין פון נצחון אויף איינעם פון זיי. הערענדיג דעם ריכטיגען פשט פון זייער רבין ווערד תיכף שלום צווישען זיי. זיי ווערען חבר איינער מיט דעם צווייטען זייער ליעבשאפט ווערד אלע מאהל שטארקער. נאך דעם געהען זיי זיך אהיים פריילך זיך אביסעל אברוהען פון זייער היילעגער מלחמה. אבער זייער רבי ר׳ שמעון ער רוהט ניט ער ענדיגט זיין שיעור נעמט ער זיך טראכטען מחבר צו זיין א פיוט אויף דעם צווייטען טאג ראש השנה פיעל מיט היילעגע געדאנקען וואס הייבט זיך אהן „מלך אמון מאמריך" ער האט שוין באלד געענדיגט זיין ארבייט און שוין אויף געשריבען דעם גאנצען פיוט איז אריין געקומען זיין יונגעל פיער יאהר אלט. ווי ער איז צו געגאנגען צום טיש און אריין געקוקט אין פאפיר אריין. האט ער געזאגט מיט א שמייכעלדיג קול האח! וואס זעה איך יעצט מיין נאמען אלחנן געפינט זיך דא אויף דעם פאפיר דאס איז ביי מיר א גרויסער כבוד וואס די האסט מיך היינט מכבד געוועזען צו דער מאנען מיין

נאמען

נאמען אין דעם טייערען פיוט. דער פאטער האט איהם גיענטפערט מיט א שמייכעל עס איז אמת מיין טייערער אלחנן מיט מיין גאנצען ווילען וועל איך היינט אויף שרייבען דיין טהייערען נאמען אין דעם נייעם פיוט די זאלסט אבער גידענקען אז די וועסט הערען עמיצער וועט דער מאנען דיין נאמען זאלסטו דיך דער מאנען אין דעם חרוז וואס הייבט זיך אהן מיט די ווערטער אלחנן נחלתו בנועם להשפר. אלעס ענטפער אויף זיינע רייד האט דאס קינד גענימען דאס פאפיר און ער האט עס א דורך געלייענט און ער האט געזאגט צי זיין פאטער יא יא מיין פאטער די פינף ווערטער ועלען זיין אויסגעקריצט אויף מיין הארץ איך וועל אויך די ווערטער קיין מאהל ניט פערגעסען. דער ענטפער האט שטארק דער פרייט דעם פאטער און טרערען פון פרייד האבען זיך בעוויזען אין זיינע אויגען. מיט גרויס ליעבשאפט האט ער איהם צי געדריקט צי זיין הארץ און האט איהם גיט אהנגעקישט:

אזוי ווי די זון אין איין לויטערין טאג און איהרע שטראהלין וואס ציהען זיך אויף אלע עקין וועלט אויף יעדען פנים הערשט א פרייד און יעדען בעשעפיניש איז לוסטיג און פריילאך. פלוצלינג ווערען די הימלען פער־וואלקענד עס הערען זיך שטארקע דינערין וואס זיי מאכין ציטערין יעדען איינציגען עס הערשט אויף יעדען איינציגען א נידעריגקייט א מורא. אזוי איז פלוצלינג געקומען איין גידעכטער וואלקען און האט פערפינצטערט די גליקליכע זון וואס האט געשיינט ביז יעצט ביי ר' שמעון הפייטן און שטיב. די מנוחה און לופט וואס האט גיהערשט ביז יעצט אין דעם הויז האט פערלאזט זייער ארט אויס צו ליידיגען א ארט פאר דעם טרויער און פינצטערניש וואס האבען בעפילט דאס הויז. דער איינציגער זוהן אלחנן איז שלאף געווארן זיין שלאפקייט האט זיך גיערגערט פון טאג צו טאג ביז ער איז געוועזען מסוכן. זיינע עלטערן זענען געזעסען לעבען איהם זיין מיטער האט געוויינט און פערגאסען טייכען טרערען אויף איהר טייערען זוהן. זיין פאטער האט געבויגען זיין קאפ צו דער ערד און איין טרויער האט בעדעקט זיין פנים אויף זייער קריסטליכע דינסט מארגאריטא וואס איז געוועזען זיין אם און זי האט איהם ליעב געהאט גלייך ווי איהר אויג זי האט ניט אב גיטרעטען פון זיין בעט איין רגע און האט איהם בעזארגט מיט די רעצעפטען וואס דער דאקטער האט איהם פערשריבען:

ויהי היום בעת דאס שלאפקייט (קדחת) האט זיך געשטארקט האט דאס פנים פון שלאפען יונגעל געפלאמט ווי פייער. די דאקטוירים האבין געזאגט

אַז אַ ברענענדיגע היץ ברענד אין זיינע ביינער מען טאָהר איהם ניט אָבלאָזען קיין רגע מען מוז זיצען לעבען איהם דאָס אומגליקליכע קינד האָט גערעדט אַזעלכע ווערטער וועלכעס מען האָט זיי ניט געקענט פערשטעהן ווייל ער האָט גערעדט פון דער היץ צייטענווייז האָט ער גערופען זיינע עלטערן זיינע חברים (אַלעס מיט ניט קיין ריינע געדאַנקען) פלוצלונג האָט ער זיך אויף געזעצט אויף זיין בעט און געזאָגט מיט אַ קול „אַל־חן נחלתו בנועם השופר" דער רופא ר' נתן וואָס איז דאַמאָלסט געווען אין שטוב האָט זיך געוואונדערט הערענדיג די רייד פון אַזאַ יונג קינד און האָט געקוקט אויף דעם קינד'ס פאָטער מיט אַ פערוואונדערט פנים גלייך ווי ער בעט איהם אז ער זאָל איהם זאָגען וואָס די ווערטער בעדייטען:

דער רב ר' שמעון האָט פערשטאַנען דעם דאָקטערס פערוואונדערט קוקען אַז ער איז נייגעהעריג צו וויסען דאָס בעדייטונג פון די ווערטער וואָס דאָס קונד האָט געזאָגט. האָט ר' שמען געזאָגט צום דאקטער. מיט עטליכע וואָכען צוריק האָב איך אויף געשריבען אויף אַ פאַפּיער אַנייעם פיוט אויף ראש השנה. איז דאָס שלאפע קינד אריין געקומען צו מיר און מיין חדר אריין און ער האָט געזעהן ווי זיין נאָמען איז אויף געשריבען אויף איין אָנהייב חרוז האָט ער זיך זייער געפרייט און ער האָט זיך גחזרת דעם חרוז עטליכע מאָהל כדי ער זאָל איהם גידענקען. און פון דאמאָלס אָהן גידענקט ער אין די ווערטער און זאָגט זיי שטענדיג. דער דאָקטער האָט געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ אלעס צייכען אז ער איז ניט מסכים צו דעם און ער האָט געזאָגט צום רב שוין עטליכע מאָהל האָב איך אייך געזאָגט אַז איהר זאָלט ניט מאַטערען דעם מוח פון דעם יונגען קינד מיט אַזעלכע למודים. ווייל זיי מאַטערען איהם אָב זיין קערפּער צו אַזא יונג קינד טויג' הייגט ניט קיין שום למודים נאָר מען זאָל איהם פריי לאָזען און ער זאָל זיך שפּיעלען מיט זיינע חברים און ער זאָל זיך פערברענגען זיין צייט מיט שפּיעלעריי אינטער דעם הימעל ער זאָל זיך אָהן זעטען מיט גוטע לופט ביז ער וועט אַ ביסעל עלטער ווערען און זיין קערפּער וועט שוין זיין געשטאַרקט דאַמאָלסט וועט איהר איהם מעגען לערנען וואָס איהר וועט וועלען. דאָס קינד איז יעצט זייער שלאַף האָט האָט דער דאָקטאָר געזאָגט ווען ער איז צו געגאַנגען צו דעם קונדס בעטיל און ער האָט איהם גוט בעטראַכט אַלזאָ דאַרף מען יעצט דאָס קינד גוט היטען מען זאָל איהם ניט לאָזען אַליין און שטוב אַפילו איין רגע. נאָר אַמענש זאָל לעבען איהם זיצען ביי טאָג און ביינאַכט ער זאָל איהם אַלע

מאָהל

מאהל איבער בעטען אין ער זאל איהם געבען די רעצעפטען וואס איך יועל דא פערשרייבען, די שאלפקייט וועט נאך דויערען ניין טעג זי וועט אזוי שטעהן אויף איין שטאנד נאך דעם ניינטען טאג וועט זיך די שלאפקייט איבערוועגען אבער צי גוטען אבער חלילה צום שלעכטען.

עס איז נאכט געווארען דער רב ר' שמעון איז געגאנגען און שוהל אריין דאווינען מנחה ומעריב און די רבנית האט זיך צו געלעגט אביסעל כדי זי זאל קענען ביי נאכט אויף זיין און אכטונג געבען אויף דעם שלאפען קונד. און די דינסט מארגאריטא איז אליין געבליבען זיצען לעבען דעם קונד און זי האט ניט אבגעטרעטען קיין איין רגע פון בעט. זי איז געוועזן אליין מיט דעם קונד און זי האט ניט אראב געלאזט איהרע אויגען פון דעם קונד. און זי האט אהנגעהויבען צו קלערען וואס עס קען זיין דער תכלית פון דעם קונד אלעס פרומע גלויבערן האט זי בעדו.. דאס קונד און זי האט געזאגט. מיין הארץ טוהט מיר וועה אויף דיר אומגליקליך קונד. הערשט עטליכע יאהר וואס די ביסט ארויס פון דיין מוטערס בויך און האסט הערשט אהנגעהויבען צו זעהן דאס ליכטיגקייט פון דער וועלט. און די מוזט שוין פערלאזען די וועלט מיט איהר ליכטיקייט. די ביסט א קליג קונד און גאט האט דיך געבענשט מיט א שעהנקייט און נישט קוקענדיג אויף דעם וועט דיין פאדעם פון לעבען איבער געריסען ווערין און עטליכע טעג ארום און די וועסט און דיין יוגענד געהן און גיהנם אריין. ווי שרעקליך איז דיין לאגע. די טויערין פון גן עדן וועלען פאר דיר זיין פערשלאסען און די וועסט ניט זוכה זיין צו זעהן דאס ליכטיקייט פון גאט וייל די ביסט א יוד. מיט מיין גאנצען ווילען און מיט אלע מיינע קרעפטין וואלט איך דיך געוואלט מציל זיין פון דעם שרעקליכען פייער פון גיהנם. ווייל איך האב דיך ליעב און איך האב מיט לייד מיט דיר נאר מיט וואס פאר א אופן קען איך דיך ראטעווען? וואס פאר אוועג זאל איך זיך אויס קלויבען איך זאל דערגרייכען מיין ציעל? און זי האט אהנגיהויבין צו וויינין האט ער זיך אוף געכאפט פין איהר געוויין מיט אשטארקען רעש אין ער האט זיך געווארפען אויף זיין בעט אהן אויף הער זי האט געפריעווט איהם איין צושטילען אין זי האט איהם געוואלט גלייך לייגען אין זי האט איהם געוואלט געבען די רעצעפט. ער האט זי אבער פין זיך אבגעשטויסען אין כמעט די האלבע נאכט איז ניט רוהיג אדורך געגאנגען. נאר ווען דער פאטער איז אריין געקומען צי איהם אין ער האט זיך לעבען איהם אנידער גיזעצט האט דאס קינד אויף געהויבען זיין קאפ אין ער האט זיך געשטארקט אין

ער

ער האט זיך געוואלט אויף זעצען אויף זיין בעט און ער האט געשריגען „אלחנן בחלתו" נאך דעם איז ער געבליבען רוהיג און ער איז אזוי געלעגען א גאנצע נאכט רוהיג ער האט גאהר ניט גירעדט:

באנק פריה איז דער דאקטער אריין גיקומען צו דעם קונד און ער האט דאס קונד בעטראכט און ער האט געזאגט צו די עלטערין אז דעם קונדס קרענק איז אביסעל לייכטער און עס איז דא גרויסע האפענונגען אז דאס קונד וועט געזינד ווערען נאר אויף זיכער קען ער הערשט וויסען ביז די ניין טעג וועלען א דורך געהן דאמאלסט וועט ער שוין וויסען אויף זיכער צו זאגען ווי די שלאפקייט בייגט זיך:

און א זונטאג בעת אלע נוצרים זענען שוין אהיים געגאנגען פון זייער קירכע איז נאך געבליבען עטליכע נוצרים און קירכע שטעהנדיג פאר דעם גלח און האבין זיך מתודה געווען אויף זייערע זינד צווישען זיי איז אויך געוועזען דעם רב׳ס דיענסט מארגאריטא. נאך דעם ווי זי האט זיך מתודה געוועזען האט זי דערציילט דעם גלח וועגען דעם קונד. און זי האט איהם געזאגט דאס איהר הארץ טוהט איהר וועה אויף דעם קונד בעת זי דערמאנט זיך אז ער וועט פערפאלען ווערען און דעם פינצטערין גיהנם און ער וועט ניט זעהן דאס ליכטיקייט פון גן עדן ווען זי קוקט איהם אהן זיין שעהנ־הייט זיין קלוגהייט וואס זי ליעבט איהם גלייך ווי דאס אפעל פון אויג ווייגט און איהר דאס הארץ בעטראכטענדיג זיין ביטערען עונש וואס ער וועט ליידען אויף יענער וועלט. דער גלח האט איהר איינגערוימט עטליכע ווערטער און אויער אריין און זי איז אוועק געגאנגען צופרידען:

חצות לילה הגיע עס איז שוין געוועזען האלבע נאכט און דער רב ר׳ שמעון איז נאך גיזעסען און זיין חדר און גילערענט איין זיסער שלאף האט צו געמאכט זיינע אויגען און ער איז ענטשלאפען געווארען און א האסטיגען שלאף פלוצלינג האט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפען א שמייכעל ווען דער שמייכעל איז א בעוויז אז עס האט זיך איהם געחלמ׳ט א גוטער חלום. פליצלונג האט ער זיך אויף געכאפט פון זיין שלאף און ער האט זיך ארום געקוקט און אלע זייטען און ער האט פערמאכט דאס ספר וואס עס איז גילעגען אפען פאר איהם און ער איז אריין געגאנגען מיט פרייד און דעם חדר אריין ווי זיין קונד איז גילעגען און די מוטער איז גיזעסען לעבין איהם. און ער האט געזאגט צו זיין ווייב די זאלסט וויסען אז אונזער קונד וועט ניט שטארבען נאר ער וועט לעבען און ער וועט דערפרייען אונזערע הערצער. זיין ווייב האט איהם אהנעקוקט פערוואונדערט זי האט ניט געוויסט

קיין

תולדות ר׳ שמעון הפייטן

קיין בעצייטונג פון די ווערטער. ער האָט איהם דערציילט. איך בין געזעסין אליין אין מיין חדר אין אַ שאָלף האָט בעדעקט מיינע אויגען און איך האָב געזעהן אין חלום ווי אותיות פון אונזער הייליגע תורה פליהען אין דער לופטען און זענין אַ דורך געפלוגען דורך מיינע אויגען די אַלף האָט זיך מיר פאָר געשטעלט מיט דעם געשטאַלט פון אַ אָדון גדול און אַ מושל און ער האלט אין זיין האַנד אַגאָלדינע רוט און ער שאַפט מיט זיינע מענשין וואָס שטעהן אַרום איהם. די בית האָט זיך מיר פאָר געשטעלט אַ שעהנע גרויסע שטיב דאָס זעלבע געשטאַלט פון דעם פויפס פאַלאַץ וואָס איך האָב געזעהן מיט עטליכע יאָהר צוריק אין רום. איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין דער שטיב האָב איך געזעהן ווי די טהירען פון דער שטיב זענען פאַר מיר אָפען האָב איך חשק בעקומען אַריין צו געהן אין שטיב אַריין און איך בין אַריין געגאַנגען אין דעם הויז אַריין און איך בין געגאַנגען פון איין שטיב אין דער צווייטער ביז איך בין אַריין געקומען אין דער לעצטער שטיב אַריין די שטיב איז זייער שעהן שענער פון אַלע שטיבען און עס איז געשטאַנען זייער אַשעהנע גאָלדינע שטיהל דאָס שעהנקייט פון דער שטיהל האָט פערלייכט די אויגען און אויף דער שטיהל זיצט דער מושל פון פאַלאַץ מיט אגאלדינע קרוין אויף זיין קאָפ און פיהל שרים בוקען זיך צו איהם זיי קושען די טריט פון זיינע פיס איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אוף דעם מושל בין אין דער שראָקען געוואָרען און איך בין געבליבען שטעהן ווי א צומישטער דער מושל איז אונזער זוהן אלחנן. איך האָב זיך ווייטער איינגעקוקט און איהם האָב איך געזעהן אז אפוילישער צלם העגגט אויף זיין ברוסט. האָב איך זיך זייער דערשראָקען און איך האָב געגעבען אגעשריי וואָס איז דיר געשעהן מיין זוהן אלחנן? ווי ער האָט דערהערט מיך זאָגען דעם נאָמען אלחנן איז ער אראָב געגאנגען פון זיין שטוהל און ער איז ארויף געפאַלען אויף מיין האלדז און ער האָט מיך געהאַלדזט פון ליבשאַפט נאָך דעם איז געקומען דאָס געשטאלט פון אַלע אותיות און געשטאלט פון מעליטער און זיי האָבין מיך גיברענגט בעזאמען מיט אינזער זוהן און אינזער שטאָדט אַריין און אַ שעהנע שטיב לעבען דער שוהל פליצלונג האָב איך דערזעהן דאָרט און דער שטיב שטעהן אגאלדינע שטיהל זייער אַהויכער און אַשעהנע די שטיהל האָט צוויי און זיבעציג טרעפ אַזו ווי די שטיהל פון שלמה המלך און אויף יעדען איינציגע טרעפ שטעהט און איין זייט אַלייב און דער צווייטער זייט שטעהט אַ אָדלער די לייבין האָבען געברימט מיט אַהויך געשריי און די אָדלערס האָבין געקלאַפט מיט אַשטאַרקען רעש אינזער זוהן אלחנן האָט אראָב גנימען

בענומען זיין קרוין פון זיין קאפיף און ער האט זי ארייין געווארפען און טייך אריין. אלעס בעווייז אז ער וויל ניט די קרוין. נאך דעם איז אינזער זוהן ארויף געגאנגען אויף די שטאפלען פון דער שטוהל און די ליבען האבען גילעקט זיינע פיס און די אדלערס האבען זיך צו איהם געבוקט און ער האט זיך אנידער געזעצט אויף דער שטיהל. און איך האב גיזעהן ווי צענדליגער טויזענדער זענען אראב געקומען פון הימעל מיט א שעהן גיזאנג. און איינער פון די מלאכים איז צו גיגאנגען צו אינזער זוהן און ער האט איהם אהנגעטוהן אויף זיין קאפיף א קרוין וואס זי האט געלאכטען אזוי ווי די זוהן און מיטען טאג. און ער האט אויסגערופען מיט א הויך קול אזוי טוהט מען דעם וואס דער מלך העולם וויל און זיי טייערונג דאס הייסט ער וויל איהם געבין כבוד. פון דעם קול פון דעם מלאך האב איך זיך אוף געחאפט און עס איז דאך א חלום. דאך גלייב איך אז דער חלום איז ניט קיין ליגענדער חלום. אינזער זוהן וועט ניט שטארבען פון דער שלאפקייט נאר ער וועט לעבען לאנג און ער וועט זיין בעווסט אוף דער וועלט מיט זיין גרוסקייט. גאט איז גירעכט און זיין משפט איז גרעכט האט בילא דעם רבי'ס ווייב גיענטפערט און זי האט מיט א פרייליך הארץ געקוקט אויף איהר קינד וואס איז געשלאפען רוהיג אויף דעם בעט דאס איז דאך א סימן פון בעסערונג. און דער פריה איז דער דאקטער אריין געקומען און ער האט בעטראכט דאס קינד. (דער דאקטער איז גיוועזען א יוד) און ער האט אויף געהויבען זיינע העגד צום הימעל און האט געמאכט א ברכה מיט א הויך געשריי „ברוך רופא חולים" געלויבט איז גאט וואס ער היילט שלאפע, און ער האט מבשר גיוועזען די בשורה צו די עלטערין אז דאס קינד וועט באלד געזונד ווערען:

הנם דער רופא האט מבטיח גיוועזען די עלטערין פון דעם קינד אז דאס קינד וועט באלד געזונד ווערען אין יעצט זענען זיינע רייד ניט מקוים געווארען זיין געזונד ווערען האט געדויערט א גאנץ לאנגע צייט פון עטליכע חדשים ביז ער האט גיקענט אראב געהן פון בעט און ביז וואנען ער איז אראב גיגאנגען פון בעט האט איהם די דיענסט מארגאריטא איהם אבגעהיטען זי האט איהרע אויגען ניט אראב געלאזט פון איהם זי האט קיין רגע פון איהם ניט אבגיטרעטען. צייט דער גלח האט איהר איין גערוימט א סוד ווען זי האט זיך פאר איהם מתודה גיוועזען און זי האט איהם דערציילט איהרע שמערצען וואס זי האט פון דעם קינד האט זי נאך מעהר געהיטען דאס קינד ווי פריהער, זי האט ניט געלאזט קיין

מענטש

מענטש ער זאל בעדינען דאס קינד. זי האט אפילו די עלטערין אויף ניט געלאזט צו געהן צו דעם קינד נאר זי אליין האט איהם בעדינט ביי טאג און ביי נאכט עס איז פאר איהר ניט שווער געוועזען קיין שום ארבייט אויב זי האט נאר גירעכענט אז עס וועט זיין א טובה פאר דעם קינד. דער רב מיט זיין ווייב האבען בעדויערט די דיענסט וואס זי ארבייט שווער ביי דעם קינד. זיי האבען גירעכינט אז זי ארבייט וויל זי איז טריי איהר בעל הבית. זיי האבען אבער א טעות געהאט זי האט גיארבייט ביי דעם קינד צוליעב א צווייטע זאך וויל בעת זי האט דערצעהלט דעם גל״ח אז זי האט שטארק ליעב דאס קינד. און איהר הארץ טוהט איהר וועה וויל דאס קינד וועט נאך זיין טוידט פערפאלען ווערען און גיהנם: האט איהר דער גל״ח איין גערוימט און אויער ארייין אז זי זאל אויף איהם שפריצען דאס הייליגע גוצרישע וואסער דאס וואסער וועט איהם מציל זיין פון דעם גיהנם. די דיענסט האט געפאלגט דעם גל״ח און זי האט אלעס געטוהן וואס ער האט איהר געהייסען:

יעצט אז דאס קינד האט אהנגעהויבען געזינדטער ווערען האט זי געגלייבט אז דאס הייליגע וואסער האט איהם געהיילט און דאס קינד וועט שוין זיכער בלייבען לעבען. לכן האט זי בעשטימט ביי זיך אז דאס קינד איז איהר און קיין מענש האט ניט רעכט צו בעפעהלען אויף דעם קינד נאר זי. זי האט זיך אזוי טיעף פערטראכט און דעם געדאנק און זי האט שוין גירעכענט און געטראכט ווי אזוי אב צו ראטעווען דאס קינד און עס ארויס געמען פון זיינער עלטערין און זי זאל עס אויף האדיווין אויף דער קטולישע אמונה:

און ערשטען טאג ראש השנה האט געגליקט מעשה שטן זי זאל קענען ארויס ברענגען איהר געדאנק ווירקליך. וויל דאמאלסט איז דאס גאנצע הויז געזינד פון רב געגאנגען און שוהל ארייין דאווינען נאר דער קליינער שלאפער אלחנן איז גיבליבען אין דער היים מיט דער דיענסט מארגאריטא. דאמאלסט האט זי געקענט ווירקליך טוהן וואס זי האט גירעכענט זי האט גיעפענט די טהיר און הויף ארייין און צוויי מענשען זענען ארייין געקומען און שטיב ארייין און זיי האבען געחאפט דאס קינד און זיי האבין איהם פערשטאפט זיין מויל און זיי זענען אנטלאפען מיט דעם קינד. נאך דעם האט דער דיענסט זייער באנק געטוהן אויף דער ווילדער מעשה וואס זי האט געטוהן צו איהר בעה״ב וואס זיי האבין איהר ביז יעצט געגעבין עסין און אלע איהר הצטרכות אויף דעם גאנצען גיטס וואס זיי האבען איהר געטוהן במשך די צייט וואס

זי

זי איז ביי זיי געווען, יעצט זאָל זי זיי טוהן אַזאַ שלעכטס זי זאָל זייער קינד אוועק געבען צו פרעמדע מענשען. זי האָט שטאַרק חרטה געהאַט אויף דעם זי האָט זיך אנידער געוואָרפען אויף דער ערד און זי האָט זיך געריסען די האָר פון קאָפּ און זי האָט גישאָלטין די רגע וואָס זי איז און איהר געבאָהרען געוואָהרען און די רגע וואָס עס איז איהר אויף געקומען אויף דעם געדאַנק צו טוהן אַזאַ זאַך. תיכף איז איהר אָבער געקומען אויף דעם רעיון און עס האָט זיך איהר פאָר גישטעלט אַז אלחנן האָט געמאַכט אַגרויסען שריט און דעם גלח׳שען לימוד אין ער איז שוין איינער פון די הייליגע וואָס אַ המון רב ביקען זיך צו איהם טראַכטענדיג דעם רעיון איז איהר פנים פריילּיך געוואָרען אָבער תיכף חרטה געהאַט אויף דער ווילדער מעשה וואָס זי האָט געטוהן און אַ טייך טרערען האָט זיך גיגאָסען פון איהר אויגען אָהן אַ אויפהער:

שטיל און רוהיג איז זיך דער רב ר׳ שמעון מיט זיי ווייב אַהיים געגאַנגען פון שוהל גאַנץ פריילּיך זיי האָבען ניט געוויסט פון זייער אומגליק וואָס זיי האָט דאָ געטראָפען, אָבער אַרייַנקומענדיג און שטיב אַריין אַז זיי האָבין דערזעהן אַז זייער קינד איז ניט דאָ זיי האָבען זיך געלאָזט צו געהן צו דער דינסט זי פרעגען ווי דאָס קינד איז אָבער צו זייער גרויס אומגליק האָבין זיי גיטראָפען ? ווער דינסט ליגען אויף דער ערד און ווייַנען איהרע האָר פון קאָפּ זענען אויסגעריסען איהר פנים צוריסען מיט גרויס איילינעש און מיט גרויס אומגעדילט האָט די מיטער גיפרעגט ווי איהר קינד איז ווי ער איז געגאַנגען זי זאָל איהם קענען זיכען ? די דינסט האָט אָבער גאָר ניט גיענטפערט נאָר איהרע אויגען האָבין אַרויס געשיינט און זי האָט געשריגען מיט אַווילד געלעכטער ווי אַ משוגעת. די מיטער האָט געמאַכט אַגוואַלד צו איהר געשריי זענען זיך צו זאַמען געקומען די שכנים מען האָט געזיכט דאָס קינד מען האָט געשריגען אלחנן אלחנן זיי האָבען גערעכענט אפשר שלאָפט ער און ווערלכען ווינקעל און ער ווערט הערען זייער קול ווערט ער זיך אָהנרופען זייער גאַנץ זוכען איז אָבער געווען אמזוסט אלחנן ענטפערט ניט דער דאָקטער רבי נתן וואָס ער איז גערופען געוואָרען ער זאָל בעטראַכטען די דינסט האָט ער געזאָגט דאָס עס ווייזט זיך און איהר צייכענס פון שגעון ער האָט זי געהייסען לייגען אויף דעם בעט אין מען זאָל זי לאָזען רוהה אפשר זי ווערט ליגען רוהיג אַצייט ווערט זי געזינד ווערען ווערט מען קענען פון איהר געוואַהר ווערען וואָס מיט דעם קינד איז געשעהן:

די צוויי נוצרים וועלכע האָבען אַרויס געכאַפּט דאָס קינד פון זיינע עלטערינג שטיב האָבען זיי דאָס קינד גיבראַכט און נוצרישען בית מקלט אַריין דאָרט ווי אַלע היילינע נוצרים וואָס זיי זענען מקדיש זייערע יאָהרען צום היילינקייט. דאָס קינד וואָס איז נאָך ניט גיוועזען און גאַנצען גרוינד בעת ער האָט זיך אומגעקוקט אַז ער געפינט זיך און אַ פרעמדע שטיב ניט ביי זיינע עלטערין און שטיב. ער האָט זיך גיבעטען ביי דעם בעדינער פון דעם בית מקלט אַז ער זאָל איהם אָב פיהרען צו זיינע עלטערין דאָס ער בענגט זייער צו זיינע פאָטער און מוטער. ער קען אָהן זיי קיין איין טאָג ניט לעבען זיין בעטין און ווינען איז אָבער גיוועזין אומזיסט עס האָט איהם קיינער ניט גיהערט. דער גלח טומאס וואָס ער איז גיוועזען דער מנהל פון דעם הויז האָט זיך שטאַרק בעמיהעט דאָס קינד געזינד צו מאַכין און איהם מאַכען פערגעסען פון זיינע עלטערין. איז איהם ווייך ניט געלונגין וויל פון בענגשאַפט איז ער דאָס צווייטע מאָהל קראַנק געוואָרען און ער איז גיוועזען גיפעהרליך קראַנק אַז ער איז געווען אַראָב פון געדאַנק. ווען ער איז דאָס צווייטע מאָהל געזינד געוואָרען מיט דער מוה וואָס די משגיחים האָבען אויף איהם אַכטונג גיגעבען עס איז פאַר זיי קיין שום זאַך ניט שוועהר גיוועזען צו טוהן פאַר דעם קינדס וועגען. דאַמאָלס ווען ער איז שוין געזינד געוואָרען האָט ער שוין פערגעסען וואָס מיט איהם איז גיוועזען ער האָט פערגעסין פון זיינע עלטערין ער האָט ניט געוויסט ווער זיינע עלטערין זענין. ווי ער איז געקומען צום געדאַנק און ער האָט גיזעהן דעם גלח טומאס שטעהן לעבין איהם און ער רעדט מיט איהם גיטע רייד האָט ער איהם גירעכינט פאַר זיין פאָטער. און ער האָט איהם געפאָלגט וואָס ער האָט איהם געזאָגט און ער איז ניט אַראָב גיגאַנגען פון זיין בעפעהל קיין האָר. און ער האָט איהם גערופען פעליקס. און ער האָט איהם געשיקט קיין במברג און בית מקלט אַריין כדי זיינע עלטערין זאָלען ניט געוואָהר ווערין ווי ער איז. און די היילינע גייסליכע האָבען מיט איהם גילערינט די גיהעריגע זאַכען וואָס אַ היילינער דאַרף וויסען. זיי האָבען זיך פערווינדערט אויף זיין פעהיגקייט און אויף זיין פעהיגען זכרון. און ווען ער איז אַלט געוואָהרען זיבען יאָהר האָט ער שון גיקענט די לאַטיינישע שפּראַך ריידען און שרייבען גלייך ווי אַלע גילערינטע פון דעם מקלט אַז די לערנערס פון דעם בית מקלט האָבען שוין ניט גיקענט מיט איהם לערנען. האָט מען איהם אַ וועק געשיקט קיין רוים ער זאָל זיך דאָרט לערנען די גרויס למודים וועלכע זיי גיהערען צו איהם לויט זיין פעהיגקייט. און יעדער איינער האָט זיך פערווינדערט

פערווינדערט אויף זיין פעהיגקייט. ווער עס האָט איהם געזעהן האָט זיך געווינדערט אויף זיין שעהנקייט און וואָהל טעטיגקייט. ער איז איבער געשטיגען אַלע זיינע חבירים. דער פּויפּס פון רוים איז געוואָהר געוואָרען פון איהם ער האָט איהם געהייסען ברענגען צו זיך ער זאָל איהם פּריווען צו איז ער טאַקי אַזוי פעהיג. ער האָט זיך גיזעהן אַז מען האָט איהם אפילו קיין העלפט ניט געזאָגט פון זיין פעהיגקייט וואָס ער האָט גיזעהן און איהם. ער האָט גיזעהן אַז דאָס קינד איז געבאָרען צו גרויסקייט און ער האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט. ער האָט געהייסען דעם גרויסען גלח העלדי בראָנד אַז ער זאָל אויף איהם אַכטונג געבען און ער זאָל מיט איהם לערנען לויט זיין געדאַנק וועט פערנעמען. דער גלח וואָס ער איז געוועזען אַ גרויסער חכם האָט ערפיהלט זיין בעפעהל און ער האָט מיט אַלע קרעפטען זיך בעמיהט אַריין צו ברענגען קענטניסעס און דעם יונגען קינד'ס האַרץ אַריין און מען זאָל איהם אויף הייבען אויף דעם הויכען שטאַפּעל פון קענטעניס. אמת זיין מוח איז ניט געוועזען אויף לעהר דאָס פלייסיגקייט פון דעם קינד האָט איהם געבראַכט צו גיטע לעהרע און ער איז איבער געשטיגען אַלע זיינע חבירים זיין נאָמען איז געוועזען בעוויסט אויף דער גאַנצער שטאָדט רוים. און ער איז געוועזען גירעכענט צווישען די גרעסטע פון רוים. ווען דאָס קינד פעליקס איז אַלט געוואָרען אַכצען יאָהר איז דער פּויפּס פון רוים געשטאָרבען און זיין לעהרער העלדי בראָנד איז געוואָרען פּויפּס און זיין תלמוד פעליקס איז געוואָרען איינער פון די וואָס זיצען לעבען פּויפּס:

און דער זעלבער צייט האָט אויסגעבראָכען אַ קריג צווישען דעם פּויפּס און די אייראָפּעישע מלאכים וואָס ביז יעצט זענען זיי געוועזען נכנע אינטער דעם פּויפּס און וואָס ער האָט געזאָגט איז הייליג זיי זענען ניט אַראָב געגאַנגען פון זיין בעפעהל קיין טריט. האָבען זיי יעצט געוואָלט אַראָב וואַרפען פון זיך דאָס הערשאַפט פון פּויפּס. ווייל דער פּויפּס האָט געוואָלט נאָך שטאַרקען זיין הערשאַפט אויף מלכים פון אייראָפּע מיט אַ שטרענגע מאַכט. אַז עס זאָל ניט ווערען געטוהן קיין זאַך אָהן זיין ערלויבעניש. און כדי ער זאָל אַרויס ברענגען זיין בעפעהל. ווירקליך האָט ער אַרויס געשיקט זיינע אַגיטאַטאָרען און אַלע נוצרישע לענדער זיי זאָלען אַגוטירען דעם המון צו זיין האָרכזאַם צו זיינע בעפעהלען און קיין שום זאַך זאָל ניט שטערין זיינע בעפעהלען לכן האָט ער באַלד און דער ערשטער אַסיפה וואָס איז געוועזען און רוים תיכף און דעם ערשטען יאָהר וואָס ער איז געוואָרען פּויפּס אַרויס גיגעבען אַ בעפעהל אויף די אַלע קטולישע גלח'ם אַז זיי זאָלען ניט נעמען

נעמען קיין ווייבער זיי זאלען זיין לעדיג צו זייער ארבייט די פאמיליע לעבען זאל זיי ניט שטערין זייער ארבייט. וויל ביז יעצט האבען זיי גימעגט נעמין ווייבער און האבען קינדער און לעבען א פאמיליע לעבען:

ועלבם פערשטענדליך איז די גזירה ניט געוועזען איינגינעמען די גזירה האט אהנגעמאכט אגיוואלטיגען רעש אויף דער וועלט איבער הויפט צווישען די גלחים איז געוועזען אגרויסער רעש די גלחים האבען זיך אקעגען געשטעלט אקעגען די גזירה פיהל גלחים האבען זיך פעראייניגט און האבען ביי זיך אב געפאסט ניט צו פאלגען דעם פויפס. דער פויפס האט אבער געוויסט ווי אזוי אויס צו ארבייטען א וועג און זיך געבען אעצה ווי אזוי די גלחים זאלען איינשטימען אויף דעם בעפעהל. און ער האט ארויס געגעבען א אויפרוף דאס די וועלט איז נאר א פעדער הויז צו יענער וועלט וואס יענע וועלט איז פערוויילען פון יעדען לעבעדיגען מענש און דער מענש וואס ער וויל זיך אויסלייזען פון גיהנם דארף ער זיך דערווייטערין פון אלע תענוגי עולם הזה נאר מיט תשובה ותפלה וצדקה זאל ער פערברענגען זיינע יאהרען דאמאלט וועט איהם גוט זיין אויף יענער וועלט. מיט דעם אויפרוף האט ער צו געצויגען צו זיך די הערצער פון די גלחים וואס זיי זענען געשטאנען איהם א קעגין און ער האט איינגעווארצעלט דעם בעפעהל צווישען צעהן טויזענדטער גלחים ביז דעם היינטיגען טאג טויזענדטער גלחים וואס זיי האבען געהאט ווייבער און קינדער און זיי האבען פערזוכט דעם פערגניגען פון א פאמיליע לעבין זענען געוועזען געצוואונגען זיך צושיידען מיט זייערע ווייבער און זיך אב שיידען פון זייערע קינדער און צו לעבען א בעזונדער לעבען גלייך ווי ארעסטירטער. אמת פיהל פון זיי האבען עס ניט געטוהן מיט זייער ווילען נאר זיי האבען מורא געהאט טאמער וועט דער פויפס זיי אראב ווארפען פון זייער שטיל וועלין זיי בלייבען אהן פרנסה. דאך איז נאך געבליבען צענדליגער טויזענדטער גלחים פון פערשידענע לענדער וואס זיי האבען ניט געוואלט זיך אינטער בייגען אינטער דעם פויפס בעפעהל. איבער הויפט האט זיך געפינען פיהל גלחים און דייטשלאנד וואס האבען ניט געוואלט אהנגעמען דעם בעפעהל. דער פויפס האט אבער גיט געוויסט אז פון זיין בעפעהל וועט ניט געמינערט ווערען קיין האר. ער האט גיט פערשטאנען אז ער וועט מנצח זיין זיינע געגענערס בזסליכווייז. האט ער אביסעל געווארט ביז דער רעש וועט אביסעל שטילער ווערען. דער רעש איז אביסעל שטילער געווארען האט ער ארויס געשיקט זיינע שליחים אויף דער וועלט צו צי בייגען זיינע געגענערס צו זיין בעפעהל:

פאר

פאר איינים פון די שליחים איז אויסגעוועהלט געווארען דער יונגער גייסטליכער פעליקס קיין דייטשלאנד אויף איהם האט דער פויפס זיך פערזיכערט אז ער וועט פעהיג זיין צו דעם און ער וועט איהם דינגען טריי און ער וועט צו ציהן די הערצער פון די געגענערס צו דעם פויפס בעפעהל ווייל ער האט געקענט זייער שעהןריידען און מיט זיינע רייד האט גאר גיקענט די צו הערער בייגען און וואס פאר א זייט ער האט געוואלט. פעליקס האט ערפיהלט זיין שליחות מיט טרייהייט און ער האט זיך אויסגעצייכנט מעהר פון אלע שליחים. ווי ער איז געקומען האט ער זיך בעמיהעט צו שטעלען דעם צייכען פון דעם פויפס געגענערס ער האט זיי ערקלעהרט און זיי אויסגעוויזען פאקטיש ווי ווייט עס וועט דערהויבען ווערין די קטולישע אמונה אויב די מלכים וועלען זיין הארכזאם צו דער אמונה און זיי וועלען שטעהן אינטער איהר פאהן און זיי וועלען פאלגען איהרע בעפעהלין און ער האט אויך אויסגעוויזען פאקטיש ווי גרויס דער חוב פון די גלחים איז אז זיי זאלען זיין אבגעשייט פון תענוגי עולם הזה און זיי זאלען זיך נאר בעשעפטיגען מיט אמונה ודת. זיינע רייד האבין גענוירקט אויף אלע צוהערער נאך מעהר ווי דער פויפס אליין האט גירעכינט. אלע שרים און גלחים פון דייטשלאנד וועלכעס זענען גיוועזען טריי דעם פויפס האבין געשריבין צום פויפס אז ער זאל גיט בעלאהנען דעם יונגען שליח פעליקס ווייל ער האט געווירקט מעהר פון אלע שלוחים. דער פויפס האט טאקי געוויסט ווי אזוי צו בעצאהלען זיין בעגלייבטען שליח וואס ער האט גיקעמפט פאר זיינעט וועגין מיט זיין גאנץ הארץ אין ער האט איהם טאקי גיט בעלאהנט פאר זיין ארבייט :

אויך און דער מלחמה וואס האט אויסגעבראכען צווישען דעם פויפס מיט דעם קיסר היינריך דער פערדער דער קיסר פון דייטשלאנד וואס ער האט ניט געוואלט זיין אונטער טעניג אונטער דעם הערשאפט פון דעם פויפס, און דער פויפס האט אויף איהם אויסגערופען א חרם ווייל ער האט געהייסען א פערשווערער פון דעם קטוילישען דת. דאמאלס האט פעליקס זיך גענימען צו דער ארבייט און איז געפארען קיין דייטשלאנד און מיט זיינע רייד האט ער צו זיך צו געצויגען די אלע הערצער פון די שרים און ער האט זיי אהן גירעדט אז זיי זאלען אוועק טרעטען פון זייער קיסר היינריך און זיי זאלען זיך בעהעפטען און דעם הייליגען פויפס. זיינע רייד האבען ביי זיי געווירקט אז זיי האבען געלאזט שטעהן זייער קיסר אויף דעם שלאכטפעלד אליין, זיינע אלע פריינד זענען פון איהם אוועק און די שווערד

פון

פון פויפס מיליטער האָט געזיגט כמעט ער איז געוועזען און גיפענגיניש ער האָט זיך געמוזט אונטער געבין דעם פויפס און ער איז געפאָהרין קיין רום צים פויפס איהם בעטען אַז ער זאָל איהם אַראָב נעמען דעם חרם וואָס ער האָט אויף איהם אויס גערופען און ער האָט זיך אונטער געגעבין אונטער זיין הערשאַפט. אַזוי האָט דער פויפס מנצח געוועזען זיין שטאַרקען געגענער מיט דער הילף פון זיין פריינד און תלמיד פעליקס. פאַר דעם האָט דער פויפס פליקסען געמאַכט פער (אחשמן) ביסגאָב אין ברונשווייג ער איז דאַמאָלסט אַלט געוועזען פונף און צוואָנציג יאהר:

הַנֵם דער קיסר היינריך האָט צו געשוואָהרען דעם פויפס אַז ער וועט זיין נכנע אונטער איהם און כל זמן ער וועט לעבען וועט ער זיך ניט אַקיינגען שטעלען אַקיינגען איהם. דאָך האָט ער געזוכט עצות ווי אַזוי ער זאָל פון זיך אַראָב וואַרפען דעם עול פון דעם פויפס און ער זאָל זיין פריי פון איהם. און ער האָט בעקומען אַריכטיגע צייט. ער האָט איינגעזאַמעלט זיין מיליטער וואָס ער האָט געוויסט אַז זיי זענען איהם טריי און ער האָט זיך געשלאָגען מיט דעם קיסר רודולף דער קיסר פון שוועבען וואָס ער איז געוועזען דעם פויפס אַפריינד און איז מיט איהם געוועזען פערבינדען. דער קיסר היינריך האָט געזיגט און ער האָט איין גינימען דעם קיסר רודולף ווי דער פויפס האָט דער הערט די טרויעריגע בשורה איז ער שטאַרק טרויעריג געוואָרען דאָס זיין בעסטער פריינד וואָס האָט שטענדיג גיקעמפט פאַר איהם איז יעצט בעזיגט געוואָרען. ער האָט שוין מורא געהאַט פאַר זיך זיינע פריינד האָבין איהם געטרייסט זיי האָבען איהם געזאָגט אַז זיי וועלען ניט רוהען ביז זיי וועלען דעם קיסר היינריך אַראָב זעצין פון דער שטוהל און זיי האָבען זיך איינגעזאַמעלט אַגרויס פערזאַמלונג קיין רגנשבורג צו קלעהרען וואָס מען זאָל טוהן. צו דעם פאַר זאַמלונג איז פעליקס אויך גערופען געוואָרען:

פּאַהרענדיג איז פעליקס געפאָהרען פון ברונשווייג קיין רגנשבורג האָט זיך פליצלונג פערהאַלטען זיין קאָטש ניט וויַיט פון רגנשבורג ווי ער האָט אַרויס געקוקט פון דער קאָטש האָט ער געזעהן איוד ליגט אויף דער ערד און דאָך דעם קען ער ניט פאָהרען ווייטער. האָט ער גיפרעגט דעם יוד וואָס ער פערלאַנגט האָט איהם דער יוד גיענטפערט מיט אַגעוויין וועלכעס עס האָט גילעכערט דאָס האַרץ. האָט רחמנות אויף מיר הייליגער פאָטער און זייט מציל מיין איינציגע טאָכטער פון די הענד פון ראָבערס איך הייס משולם און איך וואָהן אין רגונשבורג נאַר מיינע געשעפטען האָבין מיר

מיך צו מיין אומגליק געפיהרט קיין במבורג גייענדיג אויף דעם וועג בעזאמען מיט מיין איינציגע טאכטער רחל האבען זיך אויף אונז געווארפען די קנעכט פון שר פון רוטשטיין און זיי האבען פון מיר אוועק געריבט מיין טאכטער. שוין אכט חדשים וואס איך קלאפ און די טהירען פון די געריכטען מען זאל מיר אב געבען מיין גזילה וואס מען האט ביי מיר צו געגזלת. עס הערט מיך קיינער ניט מיט דעם זעלבין וואס איך געה מיט דעם זעלבען קום איך צוריק. נאר אויף דעם חסד פון מיין גרויסען האר לעהן איך זיך אהן ער זאל מיר זיין א מאלך מושיע און ער זאל מיר אב געבען מיין טאכטער, דעם ביסגאפ פעליקס האט זייער בעניםען דאס רחמנות אויף דעם יוד און ער האט איהם אויף גענימען אויף דער קאטש כדי ער זאל פון איהם דייטליך הערען וואס דא איז געשעהן :

דער שר פון רוטשטיין איז געוועזען פון קיסר היינריק'ס פריינד און ער איז געוועזען און כעס אויף דעם שר פון רגנשבורג וואס ער איז גראדע געוועזען א אוהב יהודים. נאר וויל דער שר פון רגנשבורג איז געוועזין טרוד און וויכטיגע ענינים ווי אזוי צו פערהיטען דעם כבוד פון פויפס ער זאל ניט פערשוועכט ווערען דורך די שלעכטי מענטשען האט ער ניט געהאט קיין געדילדט זיך אב צו געבען צו דעם יוד און ער זאל איהם זיין ביי הילפיג. אבער דער ביסגאפ פעליקס האט דעם יוד צו געזאגט אז ער וועט ניט רוהען ביז ער וועט איהם טוהן וואס ער וועט קענען ביז ער וועט איהם אב געבען זיין צו געריבטע טאכטער :

אויף דעם פערזאמלונג ארגנשבורג האבען זיך איינגעזאמעלט פיהל גלחים און שרים פון גאנץ דייטשלאנד און פעליקס איז געוועזען דער פארזיצענדער און דער מעהרסטער רעדנער און דאס פערזאמלונג האט בעשטומט אז מען זאל זיך נוקם זיין און דעם קיסר היינריך וואס ער פערשוועכט דאס הייליגקייט פון פויפס און מען זאל איהם פערניכטען, און זיי האבען צו זאמען גענימען א גרויסע ארמע און זיי האבען מיט איהם געהאלטען מלחמה און זיי האבען איהם בייגעקומען און פעליקס האט אב גיגעבען דעם יוד פון רגנשבורג זיין טאכטער רחל :

פון רגנשבורג איז פעליקס געפאהרען קיין במברג. ווי גרויס איז געווארען די פרייד פון די גייסטליכע פון במברג אז זיי האבען דערזעהן דעם יונגען ביסגאב פעליקס איז געקומען בעזיכען זייער גייסטליך הויז און ער זאל זיך זעהן מיט זיין ערשטען רביין זיי האבען אבער א טעות געהאט מיט זייער מיינונג. שוין א לאנגע צייט האט ער געוואלט וויסען ווער זיינע

עלטערין

עֶלטֶערִין זֶענֶען אוּן פוּן וואַנֶען עֶר קוּמט אַרוֹיס. דֶער גֶעדַאנק האָט אִיהם נִיט גֶעלָאזט שלָאפֶען, ע"כ אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן דֶעם גֵייסטלִיכֶען הוֹיז אַרַיין אִיז עֶר בַאלד גלַייך צוּ גִיגַאנגֶען צוּ זַיין עֶרשטֶען רבי'ן אפשר ווֶעט עֶר קֶענִין פוּן אִיהם גֶעווָאהר ווֶערֶען, אוּן עֶר האָט צוּ אִיהם גֶעזָאגט מַיין טַייעֶרער רבי איך בֶעט אַייך אִיהר זָאלט מִיר נִיט לַייקֶענֶען נָאר אִיהר זָאלט מִיר זָאגֶען דֶעם אמת ווֶער האָט מִיך אַהֶער גֶעבראַכט צוּ אַייך ווֶען אִיך בִין נָאך גיוועֶזען אַ קינד? דאָס געדענק אִיך אַז ווען אִיך בִין אַלט גיוועזען זיבין יאָהר האָט איהר מִיך געבראַכט קֵיין רוֹם אָבער ווער עס האָט מיך אַ הער גֶעבראַכט צוּ אַייך ווייס איך ניט און דאָס וואָלט איך געוואָלט ווִיסען:

אֲדוֹנִי יקירי מַיין טַייערער הֶער האָט דֶער גֵייסטלִיכֶער גֶיעֶנטפֶערט דֶער מֶענטש וואָס ער האָט דיך אַהֶער גיבראַכט איז אַזאַ גייסטליכע ווִי אִיך אוּן עֶר וואָהנט אוּן מגנצא זַיין נאָמֶען אִיז טוּמאס. אָבֶער פוּן וואַנֶען עֶר האָט דִיך גֶענִימֶען דאָס קֶען איך דִיר נִיט זָאגֶען ווַייל אִיך ווייס עֶס אוֹיך נִיט. עֶר האָט מִיר דאָס נִיט גֶעוואָלט זָאגֶען, עֶר האָט נאָר מִיר גֶעזָאגט אַז דַיין פָאטֶער אִיז אַ גרוֹיסֶער חכם אוּן אַ גיעֶרלִיכֶער מַאן בַיי זַיין פָאלק. דֶעם נאָמֶען מִיט דֶער פַאמִילִיעֶ האָט עֶר פֶערהוֹילֶען פוּן מִיר. טרוֹיעֶריגֶע וואָלקֶענֶעס אוּן אַ אִימוּטִיגֶער גֶעשטַאלט האָבֶען בֶּעדֶעקט זַיין פנים עֶר האָט גִיזֶעהן אַז זַיין האָפִינוּנג וואָס עֶר האָט גֶעהָאפט אַז דאָ אִין במבורג ווֶעט עֶר גֶעווָאהר ווֶערֶען ווֶער עֶר אִיז. איז אַ פַאלשֶער. דֶער גֶעדַאנק אַז עֶר ווֶעט בלַייבֶען אָהן עֶלטֶערִין אוּן אָהן פַאמִילִיעֶ האָט אִיהם טרוֹיעֶרִיג גֶעמַאכט. עֶר האָט בַיי זִיך בֶּעשלָאסֶען אַז עֶר זָאל נִיט רוּהֶען בִּיז ער ווֶעט זִיך דערווִיסען פוּן וואַנען עֶר קוּמט אַרוֹיס. ער האָט בַיי זִיך אָבגעפַאסט אַז עֶר זָאל פָאהרען קֵיין מגנצא אפשר ווֶעט ער בַיי דעם גֵייסטלִיכען טוּמאס געוואָהר ווערען פוּן וואַנען עֶר קוּמט אַרוֹיס. ער האָט אָבער דערהַאלטען אַ בריעף פוּן פּוֹיפּס אַז ער זָאל תיכף קוּמען קֵיין רוֹם:

דֶעם פּוֹיפּס הצלחה האָט זִיך איבער גערִיקט צוּ דעם קיסר הַיינריך זַיין געגענער און ער האָט ווַייטער מלחמה געהַאלטען מיט איטליא מיט רוֹים דאָרט ווִי דֶער פּוֹיפּס האָט גִיוועֶלטִיגט האָט דֶער קיסר הַיינרִיך זִיך גֶעשטַארקט אוּן אִיז אַרַיין קֵיין רוֹים אוּן דֶעם פּוֹיפּס שטָאדט ווִי עֶר וואָהנט נאָר דֶער פּוֹיפּס אִיז פרִיהער אַנטלָאפען קֵיין עֶנגעֶלסבוּרג עֶר זָאל זִיך דאָרט בֶּעשִׁיצֶען פוּן זַיין נאָך יָעגער. דֶער קיסר הַיינרִיך האָט אָבֶער נִיט גֶערוּהט אוּן עֶר האָט אִיהם נאָך גֶעיָאגט בִּיז ענגעֶלסבוּרג און ער האָט בעלֶעגֶערט

די

די שטאָדט און ער האָט געוואָלט נעמען דעם פויפס אין גיפענגיניש עס איז אָבער דעם קיסר היינריך ניט געלונגען וויל איידער ער איז נאָך געקומען לעבען ענגעלסבורג איז געלונגען דעם שר רוברט דעם שר פון נעמנדיאה מציל צו זיין דעם פויפס פון שלעכטס וואָס עס האָט געוואַרט אויף איהם. און ער איז מיט איהם אַנטלאָפען קיין סלירנא. דאָס איז דאָך זעלבס פער־שטענדליך אַז בעת דער קיסר האָט איינגענימען די אַלע לענדער וואָס זיי האָבען גיקעהרט צום פויפס און ווי ער האָט זיך גיקעהרט האָט ער מצליח גיוועזען און ער האָט צו קלאַפט די אַרמע פון פויפס און דער פויפס האָט געמוזט זיין פערטריבען און זיינע פערמעגענס זענען בערויבט געוואָרען, האָבין איהם זיינע אינטערטענער איהם אָב געלאָזט און זיי זענין צו געשטאַנען צום קיסר היינריך. נאָר זיין תלמוד פעליקס מיט נאָך עטליכע זיינע פריינד זענען גיוועזען מיט דעם פויפס און זיי האָבען איהם ניט אָבגעלאָזט זיי האָבען גענימען איין אייטהייל און זיינע שמערצין און זיין טרויער האָט איהם געלייגט און בעט אַריין און ער איז קראַנק געוואָרען און ער איז פון דער קראַנקהייט געשטאָרבען. פאַר זיין טוידט האָט ער געזאָגט פון מיין יוגענט ביז יעצט האָב איך ליעב געהאַט מיין דת און מיין גאַנצע אַרבייט איז נאָר גיוועזען איך זאָל איינוואָרצלען די אומות אויף דער גאַנצער וועלט און יעצט מיז איך שטאַרבען אויף פרעמדע ערד ביי דיזע ווערטער איז ער געשטאָרבען, נאָך זיין טוידט איז פעליקס געוואָרען פויפס וויל אַזוי איז גיוועזען דער רצון פון פויפס פאַר זיין טוידט און אויך די אַלע גרעסטע שרים און גייסטליכע האָבען בעשטעטיגט צו קריינען איהם אַלעס פויפס ער זאָל זיין אַ פאָטער צו דער נוצרישע אמונה און אלחנן בן רבינו שמעון דער רב פון מגנצא דער בעל הפיוט איז געוואָרען פויפס און רוים מיט דעם נאָמען וויקטור דער דריטער :

הנה דער יונגער פויפס וויקטור איז און אַזאַ קורצע צייט אַרויף אויף אַזאַ הויכע מדרגה אַז מלכים וואַרטען אויף זיינע רייד און וואָס ער זאָגט היטען זיי אָב. דאָך האָט ער ניט גיקענט רוהען ביז ער זאָל ער געוואָהר ווערען פון וואַנען ער קומט אַרויס, ער האָט זיך פערטיעפט און זיין לערנען די ספרי פילוסופיא און ער פלעגט אָפט צו לערנען תנ"ך אויף לשון הקודש ער האָט זייער געהאַט פערגעניגען פון דעם לימוד פון דער ריינע איידילע שפראַך. כיהל מאָהל איז איהם אויף געגאַנגען אויף זיין רעיון פאַר וואָס דאַרף איך זיך מאַטערען מיט אַזעלכע זאַכען וואָס זיי זענען פערהוילען פון יעדען איינים אַז איך ווייס ניט דאָס וואָס יעדער אייגער ווייסט ווי אַזוי זאָל

איך

איך וועלען וויסען און קומען צו געטליכע זאכען און איך זאָל אויף דעקען געטליכע סודות אַז אַזאַ קליינע זאַך זאָל איך ניט וויסען און איך זאָל ניט קענען דער געהן פון וואַנען איך קום אַרויס. איך וועל שרייבען אַבריף קיין מגנצא אַז דער גייסטליכער טומאַס זאָל צו מיר קומען און איך זאָל ביי איהם געוואָהר ווערען פון וואַנען איך קום אַרויס:

און עטליכע טעג אַרום ווען דער פויפּס איז געזעסין פערטיעפט און די געדאַנקען און גיקלעהרט ווי אַזוי ער זאָל דער געהן ווער ער איז. איז אַריין געקומען זיין משרת צו איהם און ער האָט איהם געמאָלדען אַז אַ אלטער גייסטליכער איז געקומען און ער וויל זיך מיט איהם זעהן. ווי אַזוי הייסט ער און פון וואַנען איז ער? האָט גיפרעגט דער פויפּס. זיין נאָמען איז טומאַס ער איז דער עלצטער גייסטליכער פון מגנצא האָט גיענטפערט דער משרת. רוף איהם אַריין האָט דער פויפּס געזאָגט. נאָר איך זאָג דיר אָהן אַז די זאָלסט קיינעם ניט אַריין לאָזען און שטיב אריין אין דער צייט וואָס דער גייסטליכער וועט ביי מיר זיין.

מען קען זיך ניט פאָר שטעלען די שמחה וואָס האָט גיהערשט ביי דעם אַלטען גייסטליכען בעת ער האָט דער זעהן דאָס געשטאַלט פון דעם פויפּס שוין זעקס און צוואָנציג יאָהר צייט ער האָט געהייסען אַרויס גנבינען דאָס קינד אלחנן פון פיר יאָהר פון זיינע עלטערין אַוועק רויבען פון יודישען דת וואָס ער איז און איהם נעבאָהרען געוואָרען כדי ער זאָל ברענגען אַ ברכה צו דעם נוצרשען דת. און יעצט וואָס זעהן זיינע אויגען ווער האָט זיך אַמאָהל פאָר געשטעלט אז אַזאַ קינד וואָס ער האָט ניט געוויסט פון קיין לעבען זאָל ארויף געהן ביז צום הימעל און ער זאָל זיצען אויף דעם פויפּס שטיהל מיט אַקרוין אויף דעם קאָפּ און ער זאָל דאַרפען פאַר איהם שטעהן באימה וביראה אַזוי ווי אַקנעכט פאַר זיין האַר אַ ציטערניש האָט איהם אָהגגענימען בעת ער האָט אָנהגעריהרט די פיס פון דעם פויפּס ער זאָל זיי קישען. ער איז געשטאַנען אַזוי ווי אַפערשלאָפענער מענש וואָס ער האָט פערלאָרען זיינע געדאַנקען. און ער איז געוועזען שטיל פון פיעל שטאָרם און פרייד. דער פויפּס האָט דערקענט און זיין פנים לויט ווי ער שטעהט פאַר איהם מיט דרך ארץ און זיין פנים דערקענט מען אַז פערשידינע געדאַנקען מישען זיך און זיין קאָפּ. און דער פויפּס האָט גערעכענט אפשר ווייסט ער דעם סוד פון זיין געבאָהרענהייט וואָס דער סוד איז פון איהם פערהוילען. וואָס איז דיין פערלאַנג? — האָט דער פויפּס גיפרעגט — היילינער פאָטער! — האָט דער גייסטליכער גיענטפערט — הערשט ניט לאַנג בין איך

געראָפען

בֶּערופֶען גֶעוואָרֶען קיין במבורג מיין האַרץ איז געוואָרֶען פיל מיט פרייד הערֶענדיג פון דעם גייסטליכען פון במבורג אַז דאָס קינד וואָס איך האָב איהם געגעבען שוין זעכס און צוואָנציג יאָהר איז אַזוי גרויס געוואָרֶען וואָס איך האָב עס זיך קיין מאָהל ניט פאָר געשטעלט איך זאָל איהם זעהן אויף אַזאַ הויכע מדרגה. און ער האָט מיר געזאָגט אַז ווען זיין הייליגקייט איז געוועזען און במבורג האָט ער געוואָלט וויסען פון וואַנען ער קומט אַהויס און ווי אַזוי ער איז געקומען קיין במבורג. ווי איך האָב דאָס דערהערט בין איך תיכף געקומען צו זיין הייליגקייט און איך זאָל זיך ביקען מיט עהרע פאַר זיינע פיס. און מיין האַרץ זאָגט מיר אַז זיין הייליגקייט. דער פויפס האָט פערשטאַנען וואָס ער וויל אויס פיהרען און ער האָט איהם ניט געלאָזט אויס פיהרען זיינע רייד די וועסט בעלוינט ווערען אַזוי ווי עס גיהערט צו זיין האָט דער פויפס געזאָגט:

דאָמאָלט האָט דער גלח טומאס דערציילט דעם פויפס ווי אַזוי עס האָט זיך מיט איהם פאַסיערט פון אָהנהייב ביז דעם סוף ווען ער איז שלאָף געוואָרען ביי זיינע עלטערין ביז מען האָט איהם געבראַכט קיין במבורג. דער פויפס האָט אויס גיהערט דעם גלח'ס רייד יעדען וואָרט וואָס עס איז אַרויס געגאַנגען פון גלח'ס מויל האָט ער עס איינגעשלינגען. נאָך דעם האָט דער פויפס גיפרעגט דעם גלח, זאָג מיר דעם אמת האָסט די ניט געהאַט קיין חרטה אויף דעם וואָס די האָסט געהייסען אַרויס גנב'ינען אַ קינד פון זיינע עלטערין די האָסט זיי פערביטערט זייער לעבען אומשולדיג. איז דיר אַמאָהל אויף געקומען אויף דיין געדאַנק די זאָלסט האָבען צער אויף דער מעשה רע וואָס די האָסט געטוהן צו די אומגליקליכע עלטערין? האָט דער גלח גיענטפערט. זיין הייליגקייט פרעגט מיך צו איך האָב ניט קיין חרטה אויף דעם זיכער לאַכט פון מיר דער הייליגער פאָטער. הייליגער פאָטער מיט דעם האָב איך דאָך מציל גיוועזען זיין הייליגקייט פון פייער פון גיהנם איך האָב איהם אויס געלייזט פון פלאַמענדיגע גיהנם און די טויער פון גן עדן זענען ברייט אָפען פאַר זיין הייליגקייט דורך מיין אַרבייט אויף אַזאָ זאַך זאָל איך חרטה האָבען? ניין! איך רעכען אַז אַ מענטש וואָס ער טהיט אַזאַ זאַך איז ער דער גרעסטער גליקליכסטער פון דער וועלט איך האָב אויף געהאָדיוועט דעם הייליגסטען פון דער גאַנצער וועלט אויף דעם קען איך זיך רוהמען פאַר יעדען איינעם און איך וועל זיך גאָר ניט שעהמען. איך האָב און מיין לעבען זיך ניט פאָר גישטעלט איך זאָל קענען אַזאַ הייליגע זאַך טוהן. דער פויפס דאָט איהם גיפעגט צו וויכט שוין

עמיצער פון דעם סוד ? איך פאַרזיכער זיין העליגקייט אַז דאָס ערשטער מאָהל אַז איך זאָג די ווערטער און איך בין זיכער אַז עס וועט זיין אויך דאָס לעצטע מאָהל האָט דער גלח געזאָגט מיט ציטערניש. שוועהר מיר ביי אַלע הייליגקייטען וואָס ביי דיר הייליג איז אַז די זאָלסט דעם סוד פאַר קיינעם ניט אויסזאָגען האָט דער פופס געזאָגט צום גלח. איך שווער ביי גאָט און ביי אַלע זיינע הייליגע האָט דער גלח געזאָגט אַז איך וועל טוהן אַלעס וואָס זיין הייליגקייט וועט מיך הייסען און כל זמן איך וועל לעבען וועל איך מיין וואָרט האַלטען. דער פויפס האָט גיגעבען דעם גלח אַ קוויטעל און זיין קאַסע אַריין אויף אַ גרויסע סומע געלד און אויסער דעם האָט ער איהם גרעסער געמאַכט ער האָט איהם געמאַכט פאַר עלצטער גלח און במבורג אַז פון זיין פער דיענסט זאָל ער זיך קענען שפייזען אויף זיין עלטער בכבוד :

פון דעם טאָג אָהן האָט שוין דער פויפס געוויסט אַז ער קומט אַרויס פון יודען און ער האָט ניט גיקענט רוהען ער האָט זיך געוואָלט זעהן מיט זיינע עלטערין און ער זאָל מיט זיי ריידען פנים אל פנים דער חשק צו זיינע עלטערין האָט זיך און איהם דערוועקט יעדען טאָג שטאַרקער אַז ער האָט שוין ניט גיקענט איבער טראָגען. ער האָט אָבער ניט געוויסט ווי אַזוי ער זאָל זיך מיט זיי זעהן. זאָל ער פאָהרין קיין מגנצא צו זיינע עלטערין טאָמער וועט מען געוואָהר ווערין ווער ער איז ווייל מען וועט דאָך קלערען ווי קומט דער פויפס קיין מגנצא. זאָל ער רופען זיינע עלטערין צו זיך איז דאָך אויך ניט ווייל פיהעל מענטשין קלערען ווער ער איז. יעדער איינער איז זיך משער איינער זאָגט אַז ער איז אַ דייטש אַ געבאָרינער דער צווייטער זאָגט אַז ער איז פון איטליא האָט ער דאָך גיזעהן אַז מען קלערט אַרום וועגען איהם. יעצט אַז ער וועט אַ הער רופען זיינע עלטערין וועט מען שוין זיך משער זיין ווער ער איז. האָט ער גיזעהן פאַר נויטיג פאַר זיך אַז ער דאַרף זיין געהיטען כדי מען זאָל ניט געוואָהר ווערען ווער ער איז. ווי אַזוי זאָל ער צו זיך רופען אַ יוד צו זיך און חדר אַריין וועלכעס קומט ניט דאָס אַ יוד זאָל אַריין געהן דאָרט וועט דאָך זיכער דער סוד אויף גידעקט ווערען און ער וועט זיכער אַראָב פון די הויכע שטעלע, אָבער וואָס קען ער טוהן פון טאָג צו טאָג שטאַרקט זיך ביי איהם דער חשק זיך צו זעהן מיט זיינע עלטערין און ער קען זיך שוין ניט איינהאַלטען. ער האָט גאַנצע טעג געטראַכט ווי אַזוי ער זאָל זיך זעהן מיט זיינע עלטערין אויף אַזאַ אופן ער זאָל זיך קענען זעהן מיט זיי און עס זאָל קיינער ניט געוואָהר ווערען

פון

פון דעם סוד. און ער האט אזוי לאנג געטראכט ביז ער האט בעקומען איין עצה:

ביי די יודען פון מגנצא איז געווארען ארעש אפיירען פון טרוי איז געלעגען אויף יעדען יודי'ס פנים וויל מען איז געקומען רופען די ראשי הקהלה צו דעם שר העיר און ער האט זיי פארגעלייענט דעם בעפעהל פון פויפס וואס ער האט היינט דער האלטען ניט צו לאזען יודען האלטען די צוויי מצות מען זאל זיי ניט לאזען היטען שבת און זיי זאלען ניט מל זיין זייערע קינדער נאר עס איז ער לויבט צו פאהרען צום פויפס און אויס ווייזען אז די מצות זענען דער עיקר קיום הדת זיי קענען אויס קלויבען עטליכע פון די גרעסטע פון זייער קהלה קיין רוים איין ביז די ראשי הקהלה וועלען ניט צוריק קומען פון רוים האט קיינער ניט דאס רעכט זיי צו שטערען פון צו האלטען די מצות. די ראשי הקהל האבען די זאך מודיע געוועזען זייער רב ר' שמעון. דער רב איז זייער דערשראקען געווארען הערענדיג די שלעכטע בשורה. ער האט זיך אבער תיכף געשטארקט און ער האט נאך מיט זיינע קליגע רייד געטרייסט די יודען. ער האט זיי געזאגט אז גאט ב"ה איז „אמפיר מחשבות ערומים" פערשטעהרט די עצה פון די אלע וואס שטעהן אויף אינז אזוי ווי ער האט זיי ביז יעצט ניט פערלאזט אזוי וועט ער זיי ווייטער ניט פערלאזען. גאט וועט שטעהן מיט די ראשי הקהלה און ער וועט זיי אריין געהן רייד און זייערע מאלער אריין בעת זיי וועלען שטעהן פאר דעם פויפס זיי זאלען ריידען ריכטיגע און בעוויליגטע רייד וואס דורך די רייד וועט מען אראב נעמען די שלעכטע גזירה און מען זאל זיי לאזען היטען די מצות גלייך ווי פריהער. און דער רב האט געזאגט מען דארף אבער ניט פערלאזען קיין איין טאג נאר מען דארף שוין פאהרען קיין רוים און זיי זענען טאקי און דעם זעלבען טאג געפאהרען קיין רוים די ראשי הקהל פון מגנצע און הרב ר' שמעון הראש:

דער פויפס איז נתפעל געווארען ווען דער מיצוה האט איהם מודיע געוועזען אז דער רב פון מגנצא מיט די ראשי הקהלה זענען געקומען און זיי וועלען צו איהם אריין געהן. האט ער זיי געהייסען אריין געהן און דער פויפס איז אויך אריין געקומען און דעם חדר אריין. אזוי ווי דער רב ר' שמעון האט איבער געטרעטען די שוועל און ער האט דערזעהן דאס שעהנקייט פון דעם חדר וואס זינט ער לעבט האט ער נאך קיין זא חדר ניט געזעהן דאס גאלד און די בעריליאנטען וואס זיי שיינען פון יעדען ווינקעלע און ווי ער האט דערזעהן דעם יונגען פויפס ווי ער זיצט זיך אויף א שטיהל

פון

פון בלויז גאָלד און אַגאָלדינע קרוין אויף זיין קאָפּ און זיין שעהנקייט איז ער דער שראָקען געוואָרען. פילצלונג האָט ער זיך דער מאַנט און דעם חלום וואָס עס האָט זיך איהם געחלומט מיט זעקס און צוואַנציג יאָהר צוריק צייט זיין קינד אלחנן איז שלאָף געוועזען. אין עס איז איהם אויף געגאַנגען אויף זיין געדאַנק פון דעם אומגליק וואָס עס האָט איהם געטראָפען מיט זיין קינד מען האָט איהם אַרויס געגנבט און ער ווייסט נים ביז היינט ווי ער איז אין נאָך פיעל פערשידענע געדאַנקען גיטע און שלעכטע וואָס עס איז איהם אוף געגאַנגען אויף זיינע געדאַנקען די געדאַנקען האָבין איהם צומישט זיין שכל ער איז דאַמאָלסט געוועזען אַזוי ווי אַ שיכור ער האָט פערגעסען אוף וואָס ער איז דאָ געקומען נאָר ער האָט זיך תיכף אויף גיוועקט אַזוי ווי פון אַ שלאָף בעת ער האָט זיך דער מאַנט און דעם מצב וואָס די יודען שטעהן און אויף איהם ליגט אַ חוב אויס צו ווייזען דעם פויפס אַז מען קען נים מבטל זיין די צוויי מצות וואָס איז דער עיקר פון דעם יודשען דת, מיר געפינען מיט טויזינדער יאָהרען צוריק האָבין זיך די יודען מוסר נפש געוועזען פאַר די צוויי מצות. ווען אַנטיוכס דער קיסר פון יון האָט גוזר געוועזען אויף די יודען אז זיי זאָלען מבטל זיין די צוויא מצות און דיא יודען האָבען זיך מוסר נפש געוועזען און זייא האָבען ניט געלאָזט מבטל זיין די צוויי מצות. איז דאָך אַ בעוויז אַז דער עיקר דת יהודית איז אָבהענגיג און די צוויי מצות. די רייד האָבען געווירקט ביי דעם פויפס און ביי די גרויסע גלחים וואָס זענען געשטאַנען אַרום זיין שטיהל. אַזוי ווי דער רב האָט גיענדיגט זיינע רייד האָט דער פויפס געהייסען זיין שרייבער אַז ער זאָל שרייבען אַ פּאַפּיער צו דעם שר פון מגנצא אַז די גזירה וואָס ער האָט גוזר גיוועזען אויף די יודען איז בטל און ער האָט מודיע גיוועזען די ראשי הקהל אַז זיי קענען שוין אַ היים פאָהרען מבשר זיין די בשורה און שטאָדט אין דעם רב האָט ער געהייסען פערבלייבען אויף אַ צייט און רוים ווייל ער האָט איהם צו פרעגען שאלות בחכמת הקבלה:

ויהי היום ווען דער פויפס איז גיוועזען אַליין מיט דעם רב עס איז קיינער ניט גיוועזען און חדר האָט דער פויפס געמאַכט אַ שמיעס מיט דעם רב און ער האָט איהם אויס ניפרעגט וואָס עס הערט זיך ביי איהם. ער האָט איהם גיפרעגט צו ער האָט נאָך אַ ווייב? גאָט זאָל דערלענגערין איהרע יאָהרען האָט איהם דער רב גיענטפערט — האָט איהר קינדער? — האָט דער פויפס גיפרעגט — גאָט האָט מיך גיבענטש מיט פיער זוהן און צוויי טעכטער — האָט

דער

דער רב גיענטפערט — ווי וואהנען זיי? — האט דער פויפס גיפרעגט — מיין עלצטער זוהן יהודה וואהנט און מגנצא מיט מיר צו זאמען און ער ערפילט דאס רבנות אויף מיין ארט אז איך פאהר אוועק. מיין צווייטער זוהן יוסף איז רב און ווינץ און מיין דריטער זוהן מאיר וואהנט און פאריז ער איז א סוחר. און מיין יונגסטער זוהן נחמי׳ איז נאך יונג ער איז א בחור און איך לערען מיט איהם וויסענשאפט פון דער הייליגער תורה און וועגען מיינע צוויי טעכטער. זיי האבען שוין תחונה געהאט און מגנצא עס געהט זיי ב״ה גאנץ גיט. און אויסער זיי האט איהר שוין ניט מעהר? ניין — האט דער רב גיענטפערט — מיט א שווערען זיפץ איך וועל ניט לייקיגען פון אייך דעם אמת. איך האב געהאט נאך א זוהן און ער איז מיר פערלארין געווארען ווען ער איז נאך גיוועזען יונג און איך האב איהם פון דאמאלס אהן ניט גיזעהן. און מיז מודה זיין אז אייער געשטאלט הייליגער פאטער האט מיך יעצט דערמאנט דאס געשטאלט פון מיין פערלארענעם זוהן און פון מיינע ווינדען פון הארץ האט אהנגעהויבען צו רינען פריש בלוט נאך דעם ווי זיי זענען שוין געוועזען אביסעל אויס געהיילט. מיין געשטאלט האט אייך דערמאנט און אייער זוהן אייערע ווערטער זענען ביי מיר אזוי ווי א רעטעניש איך קען זיי ניט פערשטעהן האט דער פויפס געזאגט, — זייט מיר מוחל הייליגער פאטער האט דער רב גיענטפערט — אפשר האב איך פוגם גיוועזען און אייער הויכען כבוד. בעט איך אייך איהר זאלט מיר אנשולדיגען איך זאג חלילה ניט קיין שקר און אויך קיין דברים בטלים. און איך מוז אייך נאך אמאהל זאגען אז ניט נאר אייער הייליג געשטאלט דער מאנט מיך פון מיין פערלוירענעם זוהן. נאר אפילו אייער קרוין וואס זי ליגט אויף אייער קאפף און דער גאלדענער קרייז (צלם) וואס העגנט אויף אייער ברוסט און די שרים וואס ביקען זיך צו אייערע פיס דאס אלעס שטעלט מיר פאר דאס געשטאלט פון מיין קינד וואס איז פערלארען געווארען שטעלט זיך מיר פאר גלייך ווי ער לעבט און שטעהט מיר פאר מיינע אויגען. אויב אייער הייליגקייט וועט מיר ערלויבען וועל איך בעשיידען דאס רעטיניש וועט איהר וויסען אז איך האב ניט געזאגט קיין איבריג ווארט. מיט זעקס און צוואנציג יאהר צוריק ווען מיין זוהן אלחנן איז שלאף גיוועזען און איך בין לעבען איהם גיזעסען א גאנצע טאג און געזארגט וועגען מיין געליעבט קינד ביי נאכט ווען איך בין גיזעסען ביי מיר און חדר אליין איז אויף מיר געפאלען א שטארקער שלאף און מיר האט זיך געחלומט אז מיין זוהן זיצט אויף א גאלדינע שטוהל און א גאלדינע קרוין ליגט אויף זיין קאפף

און

און אַ גאָלדענער קרייז הענגט אויף זיין בריסט און פיהעל שרים ביקען זיך צו איהם אַלעס גלייך ווי איך זעה דאָ. וואָס איז געווען דער סוף פון דיין זוהן? — האָט דער פויפס גיפרעגט — מיין קינד איז געוואָרען גצזיגד. ער איז אָבער פערלאָרען געוואָרין. און ביז היינט ווייסט איהר ניט ווי ער איז? — ניין!.. ביז יעצט ווייס איך פון איהם גאָר ניט מען רעכינט אַז די דיענסט וואָס זי איז מיט איהם אַליין גיוועזען און שטיב האָט איהם אַריין געוואָרפען צוליעב אַ אומבעוויסטע סיבה און טייך אַריין וואָס פליסט ניט וייט פון מיין הויז. און צו מיין אומגליק אַז די דיענסט איז משוגע געוואָרען און מען קען פון איהר ניט אַרויס בעקומען אַ וואָרט. ווי אַזוי איז דער נאָמען פון דעם קינד? אלחנן — האָט דער רב גיענטפערט — און ער האָט געגעבען אַגרויסען זיפץ אלחנן? האָט דער פויפס געשריגען מיט אַהויך געשריי. און פון זיין מויל האָט זיך דערהערט די ווערטער „אל־חנן נחלו" פאָטער! פאָטער! האָט דער פויפס געשריגען איך בין דאָך דיין זוהן וואָס איך בין פון דיר דאַמאָלסט פערלאָרען געוואָרען. איך בין דיין זוהן וואָס איהר האָט גירעכענט אַז איך בין שוין לאַנג טוידט, פאָטער, פאָטער קום אַהער צו מיר און דריק מיך צו מיט הענד מיט אַפאָטערליך ליעבשאַפט צו זיין זוהן צו דיין האַרץ. אלחנן דער פויפס איז געפאַלען אויף זיין פאָטערס האַלדז און דער פאָטער וואָס איז געשטאַנען ביז יעצט שטיל אַזוי ווי אַ דערשראָקענער מענש פון דער פליצלונגער בשורה וואָס ער האָט פון איהם גיהערט איז אויף געוואַכט געוואָרען זעהענדיג ווי זיין זוהן איז געפאַלען אויף זיין האַלדז און ער האָט איהם אויך ניט געשפאָרט קיין הייסע קושען און האָט איהם געהאַלדזט און ער האָט געוויינט. און אלחנן האָט מעהר געוויינט מיט אַביטערליך געוויין:

צווייט דער פאָטער מיט דעם זוהן האָבן זיך דערקענט איז ניט פערביי געגאַנגען קיין איין טאָג זיי זאָלען זיך ניט זעהן און איינער האָט דערציילט דעם צווייטען ווי אַזוי עס האָט זיך מיט איהם פאַסיערט ביז היינט. און זיי פלעגען האַלטען וכיחום וועגען דער אמונה און דער פאָטער פלעגט שטענדיג מנצח זיין דעם זוהן און דער פאָטער איז געבליבען גרעכט ווייל דער רב איז געוועזען אַ חכם און ער איז געוואָהנט געוועזען שטענדיג צו האַלטען וכיחום האָט ער געקעגט מנצח זיין זוהן איבער דעם האָט דער רב געפינען אַריכטיגע צייט צו ריידען אויף דעם האַרץ פון זיין זוהן אַז ער זאָל פערלאָזען דעם קטולישען דת און ער זאָל בהריק ווערען אַיוד. דער רב האָט זיך פערהאַלטען און רוים עטליכע וואָכין און ער האָט נאָך

ניט

ניט גיקעגט וויסען ביי וואס זיין זוהן האלט צו ער וועט פאלגען זיין פאטער צו ניט :

דיהי היום און דער פאטער האט דערציילט זיין זוהן וועגען דעם חלום וואס עס האט זיך אים געחלומט אז די ערשטע העלפט איז שוין מקיים געווארען עס האט ניט געפעהלט קיין האר. און ער האט געזאגט צו זיין זוהן יעצט איז אבהענגיג און דיר די זאלסט פותר זיין דיא צווייטע העלפט חלום, פערלאז דעם כבוד וואס די האסט דא און קום מיט מיר צו דיין פאלק און צו דיין אמונה. דאמאלסט וועט דער צווייטער העלפט חלום מקוים ווערען. מיין פאטער — האט דער פויפס געזאגט מיט גרוס אויף רעגונג. רעכען נאר גיט די ווערטער וואס די האסט ארויס געלאזט פון דיין מויהל קענסטו פון מיר פערלאנגען אזא טייער קרבן. קען איך אב לאזען און איין רגע מיין גאנץ רייכטום וואס איך האב עס איינגעזאמעלט אין א צייט און עטליכע יאהר און די פאדערסט נאך פון מיר איך זאל זיך אזו ערנידעריגין און איך זאל זיצען צווישען אזא נידריג פאלק ניין מיין פאטער. אזא טייער קרבן וואס עס איז ניט דא אויף דער וועלט דאס גלייכען קען איך ניט מקריב זיין אויף דעם מזבח פון דיין ליעבשאפט און דאס ליעבשאפט פון דיין אמונה. אזא זאך איז שוועהר פאר א מענש ער זאל עס טוהן. איך האב שוין לאנג בערעכענט די זאך איידער איך האב עס ארויס גיברענגט פאר מיין מויל. האט דער רב גיענטפערט מיט א ערענעסטע שטימע. אבער דאס ווייסטו דאך אז דאס גאנצע רייכטום איז הבל הבלים און דער כבוד פון דעם מענטש מיט זיין רייכקייט וועט ניט מיט געהן מיט דעם מענש און גריב אריין. נאקעט געהט דער מענש ארויס פון זיין מיטערס בויך און נאקעט וועט ער צוריק געהן און גריב אריין די מלוכה שטיהל אין זייער קרוין העלפט ניט ווען עס קומט די צייט צו שטארבען. וואס איז ביי דיר אזוי שוועהר מיין קינד צו פערלאזען דאס גאנצע רייכקייט מיט דיין גיטען ווילען איידער די וועסט זיין געצווינגען דאס אלעס צו פערלאזען דיין שכר וועט זיין גרויס פון גאט פאר וואס זאלען מיר פערלייקינען דעם אמת קענסטו דיך בערוהמען אפילו היינט מיט דיין רייכקייט אז די בסיט גליקליך צו ווייסטו יעצט פון מנוחה דער געדאנק וועט דיר זייער דעקוטשען אז די ווייסט אז די ביסט פערבלאנזעט און דיין וועג און א אייוויגע מלחמה וועט ביי דיר זיין און דיין הארץ :

דער רב ר׳ שמעון האט געשוויגען ער האט געקוקט דעם פויפס און פנים אריין צו זיינע רייד האבען געווירקט. דער פויפס איז אויף ארום געגאנגען

געגאנגען שטיל און חדר אהין און צוריק אויף זיין פנים האט גערוהט א טרויער און א צייכען פון טרויער האט מען אהנגעזעהן אויף זיין שטערן און פליצלונג איז זיין פנים פריילעך געווארען און די צייכענס פון טרויער זענען אוועק גיגאנגען פון זיין פנים. און ער האט זיך אנידער גישטעלט אקעגען זיין פאטער און ער האט צו איהם געזאגט מיין ליעבער פאטער. איך האב יעצט געפינען א וועג וועלכער עס וועט זיין גיט פאר אינז ביידע און ער וועט איינשטילען אינזערע הערצער. די ווייסט דאך די אלע צרות וואס טרעפט אינזער יודיש פאלק וואס מען יאגט זיי פון אלע זייטען. און די גלחים בלאזען אינטער פייערען פון קריג און שנאה צווישען דעם המון און זיי רייצען אהן דעם המון זיי זאלען אויס גיסען זייער צארין אויף די אומגליקליכע יודען. יעצט שטעל דיר פאר מיין פאטער ווי ווייט איך וועל קענען היילען די ווינדען פון מיין פאלק אויב איך וועל פערבלייבען ווייטער אויף מיין שטעלע. ערלויב מיר מיין פאטער איך זאל בלייבן אויף מיין שטעלע. און איך שוועהר דיר אז מיט אלע מיינע קרעפטען און מיט מיין גאנץ מעגליכקייט וועל איך זעהן ארויס צו געבען גיטע בעפעהלען אויף די יודען און זיי זאלען האבען ריה און מיינע לענדער. איך וועל זיך שטארקען אויסצורייסען די שנאה פון די בייזע הערצער פון די גלחים וואס גיהערען אינטער מיין שיץ. און איך וועל זיך בעמיהען איינצו־פלאנצען און זייער הערצער געפיהלען פון רחמניות און דערבארימקייט און אליבשאפט איינער צום צווייטען גלייך ווי זיי וואלטען גיוועזען ברודער אז זיי זאלען זיך ניט רעכינען מיט דער אמונה און דת דאמאלסט וועלען די יודען זיין איינגעווארצעלט און זיי וועלען וואקסען און גלות און די שלעכטי מענשין וועלען זיי שוין ניט אזוי פייניגען. מיט אווארט איך וועל זיין דער שליח פון גאט איך זאל זעהן פאר די יודענס וועגען א פרייהייט זיי זאלען קענען זיך האלטען און גלות. אבער אז איך וועל דיך פאלגען און איך וועל ווערען צוריק א יוד גלייך מיט מיינע אומגליקליכע ברודער וועל איך דאך גאר ניט קענען גיטס טוהן מיינע ברודער. ניט אזוי מיין זוהן — האט דער רב גיענטפערט — דיינע ווערטער ווירקען אויף מיר גאר ניט זיי שטילען ניט איין מיין שטארם פון מיין הארץ. די ווייסט ניט אז אהן דיין הילף וועט אויך השי״ת ניט פערלאזען זיין געליעבט פאלק? אזוי ווי ער האט זיין פאלק אבגעהיטען ביז יעצט אזוי וועט ער זיי ווייטער היטען די זאגסט אז די וועסט צוריק געהן צו אינזער פאלק וועט אינזער פאלק מעהר ניט פער־מאגען נאר נאך איין יוד? די זאלסט אבער וויסען אז דאס קליינע פערמעגין

וואָס אינזער פאָלק וועט ניט פערמאָגען וועט ניט פערגעבען ווערען מיט קיין שום כפרה קיין קייזערליכע פערמעגען איז ניט אומשטאַנד אויס צולייזען דעם זינד וואָס די וועסט טוהן. קעהר דיך צוריק מיין זוהן אלחנן צו אינזער פאָלק און ערלויב מיר איך זאָל שוין קענען ברענגען דיין מוטער די ליכטיגע בשורה ? דער פויפס איז געזעסען אויף זיין שטוהל פערקלעהרט. זיינע הענד אויף דעם פנים און גיקלעהרט. עס איז איהם שוועהר גיוועזען ביי זיך צו בעשליסען צו פערלאָזען אַזאַ גוויסקייט אַ מענטש וואָס מלכים האָבין פאַר איהם געציטערט וואָס ער איז געוואָהנט גיוועזען ביז יעצט צו הערשען אויף צעהן טויזענדטער מענשין פון זיינס אַ וואָרט זענען מענטשין גליקליך געוואָרען און מיט זיינס אַ וואָרט האָט ער אומגליקליך געמאַכט מענשין זאָל ער זיך יעצט אויס מישען צווישען אַזאַ נידריג פאָלק וואָס זיי זענען בערויבט פון יעדען איינים זיי האָבען ניט די דינים פון יעדען אייינציגען מענטש ער זאָל דאַרפען געבען די באַק צו זיין שלעגער און צו הערין און צו ליידען די בזיונות פון יעדען אייינציגען. ער האָט שוין כמעט בעשטימט ניט צו פאָלגען זיין פאָטער. איז אויף גיגאַנגען אויף זיין געדאַנק די ווערטער „אל־חנן נחלתו״ ער האָט זיך געשווינד אויף געהויבען אַזוי ווי אַ פייל פון זיין שטיהל און איז צו געגאַנגען צו זיין פאָטער. זיין פאָטער האָט איהם צו געדריקט צו זיין ברוסט האָט ער געשריגען יאָ, יאָ, מיין פאָטער איך בין גרייט צוריק צו געהן צו אייך און די קענסט אַהיים פאָהרען צו מיין מוטער און איהר אָהנזאָגען די בשורה אַז זי זאָל זיין זיכער אַז זי וועט און גיכען זעהן איהר פערלאָרינעם זוהן :

דער רבי ר׳ שמעון איז אַהיים געפאָהרען. און די שרים וואָס זענען שטענדיג געזעסען לעבען דעם פויפס האָבין געזעהן אַז דער פויפס דער ווייטערט זיך ביסליכווייז. זיי האָבין גירעכענט די סיבה פון דעם איז וויל ער לערענט בעהאַלטינע זאַכען געטליכע זאַכען. און באמת האָבין זיי אַ טעות געהאַט דער פויפס האָט זיך אָב געזינדערט פון זיי און ער האָט פערבענגט זיינע טעג מיט פאַסטין און ער האָט תפלה געטוהן צו גאָט און זיין בעזונדערין חדר. פון דער פויפס פאַלאַץ איז געוועזען פערבאָרגינע טהירען דורך אַהייל און מען האָט דורך זיי גיקענט אַרויס געהן און שטאָדט אַריין. די שליסלען האָט קיינער ניט געהאַט נאָר דער פויפס אַליין וואָס ער פלעגט זיך אָהנטוהן פראָסטע מלבושים און ער פלעגט אַרויס געהן און שטאָדט אַריין הערען וואָס מען ריידט פון איהם. אַדורך די טהירען איז דער פויפס אלחנן אַרויס געגאַנגען איבער געטוהן, און אַפינסטערע רעגענדיגע נאַכט, און ער האָט פערשלאָסען

דיא

די טהיר און דעם שליסעל האט ער אריין געווארפען און טייך אריין. און ער איז ארויס געגאנגען אונטער דער שטאדט און ער האט זיך געקויפט פערד אין וואגען און ער האט זיך געדינגען א שמייסער און ער איז מיט איהם געפאהרען קיין דייטשלאנד:

די דיענער פון פויפס האבין געזעהן און דער פריה אז דער פויפס עפינט ניט אויף די טהיר זיי האבין געווארט אצייט און זיי האבין אלעס געזעהן אז ער עפענט ניט האבין זיי פערשטאנען אז דארט מיז עפיס זיין. זיי האבין געעפענט די טהיר. ווי זענען זיי אבער געבליבען שטעהן דערשראקען זיי האבין געזעהן אז זייער פויפס. איז ניט דא דאס חדר איז ליידיג. די טרויעריגע בשורה האט זיך באלד פערשפרייט אויף דער שטאדט יעדער איינציגער האט געגעבען א צייט מיינאג זעלבס פער שטענדיליך האט קיינער ניט געטראפען דעם אמת ווער קען זיך גאהר פארשטעלען א מענש פון אזא רייכטום און אזא כבוד זאל אוועק לאזען דאס אלעס און ער זאל זיך בפהעפטען צו די נידריגע אומגליקליכע יודען? און א קורצע צייט האט אלחנן געפייערט זיין חתונה מיט דעם מיידיל וואס ער האט זי מציל גיוועזען פון דעם אכזר דער שר פון רוטשטיין די טאכטער פון ר׳ משולם פון רגנשבורג. און ער האט מיט איהר געהאט קינדער ס׳ אלחנן איז גיזעסען מיט גרויס התמדה און גילערענט צייט עטליכע יאהר איז ער געווארען איינער פון די גרעסטע תלמידים און ער האט מחבר געוועזען פיעל פיוטים וואס א סאך פון זיי זענען געדריקט געווארען און מחזור:

די פרייד פון די עלטערין אז זיי האבען דערזעהן זייער קינד וואס זיי האבען שוין ניט גירעכינט איהם צו זעהן איז אבער ניט גיוועזען אוף לאנג. שווארצע וואלקענעס האבען פינסטער געמאכט זייער פרייד זיי האבען פערפינסטערט דעם גאנצען כלל ישראל די פעלקער פון מערב זייט די נוצרים האבען זיך געשלאגען מיט די פעלקער פון מזרח זייט די מחמדאנער עס איז צווישען זיי פארגעקומען א שרעקליכע מלחמה. איידער זיי זענין גיגאנגען צו די מחמדאנער אויף דער מלחמה האבין זיי בעשלאסען אויס צו הרג׳נען די יודען פון זייערע לענדער. די מלחמה איז גיוועזען א מלחמת הדת. האבין זיי געזאגט איידער מיר געהן צו די מחמדאנער מיט זיי מלחמה האלטען אז זיי זאלען אויף זיך מקבל זיין אינזער דת דארפען מיר זעהן אז די יודען זאלען אויך אהנעמען אינזער דת און אויב ניט דארפען מיר זיי אויס הרג׳נן די בשורה איז אהנגעקומען קיין מגנצא זיי האבען גיהערט אז די יודען פון דער שטאדט רואן האבין די שונאים זיי אויס גע׳הרגת עס איז קיין איינער

פון

פון זיי ניט געבליבען, און די יודען פון דער שטאָדט טריר האָבען ניט גיקענט בייִשטעהן דעם נסיון און זיי האָבען זיך אַלע געטויפט. די יודען פון מגנצא האָבען גיזעהן אַז זיי האָבען ניט קיין ברירה נאָר אָבער זיי זאָלען זיך טופין אָבער זיי זאָלין זיך מוסר נפש זיין פון גאָטס וועגען. דער רב ר׳ שמעון האָט איינגעזאַמאָלט די יודען פון מגנצא לערך פון אַכט הינדערט מענשין און שוהל אַריין, און ער איז אַרויף געגאַנגען לעבען ארון הקודש און ער האָט זיך גיוועגדעט צו די יודען און מיט אַ ציטערונג קול האָט ער זיי פאָר־גישטעלט די סכנה וואָס אויף זיי וואַרט און ער האָט זיי גיבעטען אַז זיי זאָלען זיך ניט טויפען זיי זאָלען זיך ניט אויסבייטען זייערע עלטערענס דת און זיי זאָלען זיך בעסער מוסר נפש זיין. ווייל אויף איבז וועלען קוקען אַלע יודען וואָס וואָהנען און דייטשלאַנד און אויב מיר וועלען מקדש השם זיין וועלען אַלע יודען אויך אַזוי טוהן. אָבער דאָס קהל האָט געשוויגען און זיי האָבען גאָר ניט גיענטפערט. האָט אלחנן גיבעטען ביי זיין פאָטער רשות צו זאָגען פאַר דעם קהל. ער איז אַרויף גיגאַנגען אויף דער בימה און ער האָט זיי פאָרגישטעלט זיין פאַסירונג פון אָהנהייב ביז דעם סוף. די שווערע מלחמה וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך און הארץ בעת עס איז איהם אויף גיגאַנגען אויף זיין רעיון זיך אָב צו שיידען פון דעם גאַנצען רייכקייט און כבוד און ער זאָל לעבען אַ אָרים און אַ געדריקט לעבען, גלייך מיט זיינע אָרימע ברודער. דאָך האָב איך זיך בעציינגט אַז איך זאָל בעסער אויף זיך נעמען צו לעבען אַ אָרים און געדריקט לעבען און איך זאָל זיין אַ יוד. אַלזאָ מיינע ברודער האָט ער גיגעבען אַ געשריי מיט אַ הויך קול הערט מיך אויס. עס איז גלייכער מיר זאָלען שטאַרבען ערליכע מענשין איידער מיר זאָלען אייביג האָבען קרענקינג ווייל אויב מיר וועלין זיך טויפען וועלען מיר אייביג האָבען קרענקונג פאַר וואָס מיר האָבען גיפעלטש און גאָט און מיר האָבען איבער גיביטען די אייביגע וועלט פאַר דער דורכפאָהריגע וועלט וועקט אייך אוף שטאַרקט אייך ליעבע ברודער אייערע הערצער וואָס איהר טהיט שטענדיג דעם ווילען פון גאָט זאָלען מיר אַלע בעזאַמען שווערען צו גאָט מיר זאָלען זיין בעגלייבט צו איהם און צו אינזערע עלטערינס דת ביז צו דער לעצטער רגע. מיר שווערען, מיר שווערין! האָבען זיי אַלע מיט איין מאָהל גיענטפערט:

נאָך דעם איז דער רב ר׳ שמעון נאָך אַמאָהל אַרויף געגאַנגען לעבען דעם ארון הקודש און ער האָט געשריגען מיט אַציטעריג קול האָט איהר שוין גיהערט איגזער אבות הקדושים אברהם יצחק יעקב אַז מיינע שאף די דאָזיגע שעפעליך די פערשטויסינע זענען גרייט צו טוהן מיין בקשה און זיי

זאָלען

זאלין זיך מוסר נפש זיין פאר זייער דת און תורה און דיך דערבארעמדיגער פאטער וועל איך בעטען. אז די זאלסט מקבל זיין דאס געבעט פון דיינע קנעכט וואס זיי שטארקען זיך שטענדיג אב צו היטען און מקיים זיין דיין תורה באהבה און נעהם אהן מיין געבעט וואס איך טוה דיך בעטען די זאלסט צו נעמען מיין נפש צו דיר תיכף אזוי ווי איך שטעה דא פאר א קרבן. אזוי ווי דער רב האט געענדיגט זיינע רייד איז ער נפטר געווארען. דעם דריטען טאג נאך זייער רבי'ס פטירה איז אהנגעקומען קיין מגנצא דער שר עמוכא מיט א גרויסע מחנה:

אזוי ווי זיי זענען געוואהר געווארען אז ר' אלחנן שטארקט די יודען אז זיי זאלען זיך ניט טויפען איידער זיי זענען צו געגאנגען צו די יודען זיי זאלען זיי הייסען טויפען האבין זיי גענומען ר' אלחנן און זיי האבין איהם צו געבינדען צו אהילצערנים טארים זיי זאלען איהם פער ברענען זיי האבין אהן געצינדען צו דעם טארים. נאר ער איז געגאנגען מיט שמחה גלייך ווי איינער געהט צום טאנץ גלייך צו צום פייער און ער האט געגעבען אגעשריי מיט א הויך קול „שמע ישראל ד' אלקינו ד' אחד" און די יודען וואס זיי זענען געשטאנען פון דער ווייטענס האבען גיענטפערט „אחד". און פון דעם פייער האט זיך אהן געצינדען די שוהל די שונאים האבען זיך געמיט זעהענדיג אז די שוהל ברענט זייער שמחה איז אבער ניט געוועזען אויף לאנג עס איז מעהער ווי א האלבע שטאדט אב געברענט געווארען און דער פלאץ איז נאך ליידיגע ביז היינט מען רופט איהם דער אבגיברענטער פלאץ. די יודען האבען זיך אליין גשחטין זיי האבען ניט געוואלט אז די גוים זאלען זיי שענדען:

דאם גרויסקייט איז זיי אבער ניט אויף אייוויג עס איז ניט פערביי גיגאנגין קיין צוויי יאהר האט דער קיסר היינריך דער פערדער ארויס געטריבען דער שר ריארט פון זיין מדינה און אויף דער שר עמוכא איידער ער איז געקומען צו זיין ציעל אויף דער מלחמה פלאץ איז ער מיט זיין גאנצע ארמע אויס געשטארבען אויף דעם וועג. אויף דעם בית הקברות און מגנצא האט מען אויף געשטעלט א ציון אויף ר' שמעון'ס קבר און דעם יאהר תקנ"ב איז דער ציון בייגייעט געווארען דורך דער חברה קדושה מען קען נאך היינט דאס כתב לעענען אבער דאס אש פון ר' אלחנן איז ניט גיבראכט געווארען צו קבר ישראל צוליעב דעם איז ניט דא פון ר' אלחנן קיין שום ציון א זכר צו זיין מסירת נפש אויף קידוש השם אבער ווער עס גידענקט איהם דארף איהם בענשען און זיין גייסט און זיין הייליגער געדאנק איז געבליבען פאר אזכר ביי אלע יודען:

ויכוח עם האשמדי

אַ וִיכּוּחַ פוּן זִיבּיצִיג חֲכָמִים מִיט דִי בְּהֵמוֹת וְחַיוֹת פַאר דֶעם מֶלֶךְ אַשְׁמְדַאי.

אַבְּאהַל איז געוועזען און אַ מדינה אַ גרויסער חקרן האָט ער צו זאַמען בּגנומען זיבּעציג חכמים פון אַלע זיבּעציג אומות פון יעדען אומה אַ מענש און ער האָט זיי אָבגיגעבען אַ גרויסען פּאַלאַץ יעדען איינציגען אַ בּעזינדער חדר זיי זאָלען דאָרט זיצען און ער האָט זיי גיגעבען אַלעס וואָס זיי בּעדאַרפען און ער האָט זיי געהייסען אַז זיי זאָלען זיך בּעזאַמען לערנען יעדען איינציגער זאָל זיך אויס לערנין זיבּעציג לשונות יעדער איינציגער זאָל אויס לערנין דעם צווייטען זיין שפּראַך אַז יעדען איינציגער זאָל זיין בּקי און אַלע לשונות און חכמות. זיי האָבען אַזוי געטוהן זיי האָבּין זיך בּעזאַמען גילערענט און זיי האָבען זיך אויסגילערענט אַלע זיבּיציג לשונות און אַלע וועלטליכע חכמות:

ווי זיי האָבען זיך אויסגילערענט אַלע שפּראַכען און חכמות האָבען זיי געזאָגט. דער קיסר האָט דאָך אינז איינגעזאַמאָלט מיר זאָלען זיך לערנין כדי מיר זאָלען עפּיס מחדש זיין אויף דער וועלט און האָבען גיקלעהרט וואָס זיי זאָלען אָהנהייבען צו טוהן. האָט זיך דער יודישער חכם אָהנגערופען. מיר גיפעלט אַז מיר זאָלען בּעטען דעם קיסר אַז ער זאָל אינץ געבּין רשות צו פאָהרען אויף דעם ים און מיר זאָלען זוכען די ערטער ווי קיין מענש איז נאָך ניט דאָרט גיוועזען. זיכער וועלין מיר דאָרט געפינען נייעס וואָס מען ווייסט נאָך ניט פון דעם און מיר וועלין קענין פיעל חכמות זיך דאָרט לערנען און עס וועט דעם קיסר אויף בּרענגען גרויסע ניצען. זיין עצה איז זייער גיפעלין און אַלע חכמים האָבען איהם גיזאָגט אַז זיין עצה איז זייער גוט און מען דאַרף טאַקי אַזוי טוהן:

דעם

דעם צווייטען טאג זענען די חכמים אריין געגאנגען צום קיסר און האבען
איהם דערצעהלט זייער עצה. די זאך איז דעם קיסר זייער געפעלען
דער קיסר האט געהייסען זיי צו גרייטען א שיף און עסען און כל הצטרכות
אויף דער רייזע און משרתים פאר יעדען איינעם וועגען. און זיי האבען זיך
געבויקט צו דעם קיסר און זיי זענען אויף געזעסען אויף דער שיף
און זיי זענען אוועק געפאהרען. זיי האבען געזאגט דעם שיפ'ס קאפיטאן
אז ער זאל לאזען די שיף געהן ווי דער ווינט וועט זי פיהרען. זיי זענען
אזוי געפאהרען צעהן טעג אויף דעם ים און דער וועג איז זיי נאך
בעקאנט געוועזען. נאך די צעהן טאג זענען זיי ארויס געקומען אויף איין
אומבעקאנטען וועג וואס קיין מענשען פאהרען דארט ניט. דער שיפ'ס
קאפיטאן האט זיי געזאגט רבותי דער וועג איז מיר זייער פרעמד. פון
כיין יוגענד אהן פאהר איך אויף ימים און אזעלכע ווייטע ערטער האב
איך נאך ניט געזעהן. האבען זיי איהם גיענטפערט אדאנק צו גאט עס פעהלט
אונז גאר נישט און מיר האבען פאר קיינעם ניט וואס מורא צו האבען
מיר האבען מיט זיך מיליטער מיט געוועהר אדרבה מיר וועלען נאר פאהרען
אויף אזעלכע ערטער מיר זאלען געפינען נייעס. זיי זענען אזוי געפאהרען
דריי טעג און זיי האבען מעהר נישט געזעהן נאר הימעל און וואסער:

דעם דריטען טאג פאר נאכט זענען זיי צו געקומען צו א הויכען בארג
און אויף דעם בארג איז געוואקסען גראז מיט כל מיני גוטע ביימער
און קוואלען וואסער איז געוועזען אויף דעם בארג און כל מיני בהמות
וחיות ועופות זענען דא אויף דעם בארג און זיי פאשען זיך אויף דער
גוטער פאשע אלע בעזאמען זיי זענען חבר איינער מיט דעם צווייטען. און
אויף דעם שפיץ בארג איז זייער אשעהנער פלאץ פיעל בעוואקסען מיט
פערשיידענע פירות ביימער און פערשיידענע בלומען זיי האבען זיך זייער
דערפרייד און האבען געזאגט אז מען דארף זיך דא אבשטעלען און ארויס
געהן אויף דער יבשה און זיך דארט אביסעל אבריהען אצייט. זיי האבען
געשיקט עטליכע מענשען מיט א קליין שיפעל צו צום בארג זיי זאלען
זעהן וועהר עס געפינט זיך דארטען צו מען קען דארט צו געהן
און צו מען דארף זיך צו גרייטען געוועהר אפשר געפינען זיך דארט ווילדע
מענשען די שלוחים זענען אויף געגאנגען אויף דעם בארג און זיי האבען
געזעהן אז אויף דעם בארג איז דאה כל טוב אלע בעסטע פירות און
גוטע קוואלען וואסער זיי זענען ארויף געגאנגען אויף דעם שפיץ בארג
האבען זיי געזעהן זייער אשענעם פלאץ. האבען זיי געזאגט אז מסתמא
וואהנען

וואָהנען דאָ מענשען און זיי האָבען זיך געלאָזט צו געהן צום פאַלאַץ און זיי זאָלען נעמען ביי די מענשען רשות אַז מען זאָל מעגען דאָ זיין אַ פאָהר טעג. זיי זענען צו געגאַנגען צום פאַלאַץ האָבען זיי געטראָפען די טיהר אָפען זיי זענען אַריין געגאַנגען אין פאַלאַץ אַריין האָבען זיי דאָרט געזעהן זייער פיעל שעהנע חדרים און די חדרים זענען געווען פון כל טוב פערשיידענע טישען מיט שטילען מיט בעטלעך מיט פערשיידענע שטיב זאַכען און די פענסטער זענען אָפען אין די גערטנער אַריין זיי האָבען זיך אַזוי אַרום געדרעהט און אַלע חדרים און זיי האָבען נישט געפינען קיין מענש. זיי האָבען זיך זייער פאַרוואונדערט.

און זיי זענען צוריק געגאַנגען צו דער שיף און זיי האָבען דערציילט די חכמים וואָס זיי האָבען דאָ געזעהן אַ פאַלאַץ מיט כל טוב נאָר קיין מענש זעהט מען ניט. די חכמים האָבען מסכים געווען אַראָב צו געהן פון דער שיף אויף דעם באַרג אַרויף זיי זאָלען זיך דאָרט אָב רוהען עטליכע טעג און זיי זאָלען זיך גוט אומקוקען אויף דעם באַרג. און זיי האָבען אַראָב גענומען פון דער שיף זייערע קעסטליך מיט די חפצים מיט עסען נאָר ווייל דער באַרג איז געווען זייער משופע האָבען זיי ניט געקענט אַרויף טראָגען די קעסטליך האָבען זיי געזאָגט זייערע משרתים אַז זיי זאָלען כאַפּען עטליכע פערד און די פערד זאָלען אַרויף שלעפען די קעסטליך די משרתים זענען אַרויף געגאַנגען אויף דעם באַרג און זיי האָבען זיך אָהנגעהויבען צו יאָגען מיט די בהמות זענען אָבער שנעל געלאָפען אַז מען האָט זיי בשום אופן ניט געקענט כאַפּען. זיי האָבען זיך מיט זיי געיאָגט אַ לאַנגע צייט און זיי זענען צוריק געקומען צו זייערע חכמים מיעד און זיי האָבען זיי דערציילט דאָס געשווינדקייט פון די בהמות אַז עס איז ניט מעגליך זיי צו כאַפּען. די חכמים האָבען זיך זייער געוואונדערט און זיי האָבען געזאָגט צו די משרתים מיר מוזען אַרויף געהן אויף דעם באַרג און איהר מוזט אַליין אַרויף שלעפּען די קעסטליך אויף דעם באַרג. די משרתים האָבען אָהנגעבינדען שטריק און די קעסלעך און מיט גרויס מוה האָבען זיי אַרויף געשלעפט די קעסטליך אויף דעם באַרג אַרויף און די חכמים זענען אַרויף געגאַנגען אויף דעם באַרג און זיי זענען אַריין געגאַנגען און דעם פאַלאַץ. זיי האָבען געזעהן דאָס אָרט אַז עס איז זייער שעהן עס איז דאָ פון אַלעם גוטען. זיי זענען אַריין געגאַנגען און פאַלאַץ אַריין זיי האָבען אַנידער געשטעלט זייערע אַלע חפצים זיי האָבען זיך שטאַרק פערוואונדערט אויף דעם שעהנקייט פון דעם פאַלאַץ. און זיי האָבען זיך נאָך

מעהר

מעהר געווינדערט וואָס האָבען ניט גיזעהן אין פּאלאץ קיין מענש זיי האָבען גיקלעהרט ווער דער בעל הבית פון דעם פּאַלאץ איז און ווי אזוי לאָזט ער דעם פּאלאץ אַזוי הפקר אָהן אַ שומר. און בעזונדער האָבען זיי זיך געווינדערט אויף דעם שטאַרקייט פון די בהמות אַז אזוי פיהל משרתים גבורים זאָלען ניט קענען כאַפּען אפילו קיין איין בהמה:

ווי זיי האָבען זיך גוט אומגעקוקט אויף דעם באַרג און זיי האָבען בעווינדערט דאָס שעהנקייט פון דעם אָרט פּליצלונג האָבען זיי דערזעהן ווי אַלע בהמות חיות און עופות האָבען זיך איינגעזאַמעלט אויף א גרויסין פּאַלאץ און זיי האָבען געשריגען איינער צום צווייטען זיי האָבען געהאט צווישען זיך א ויכוח האָט אזוי געדויערט א ערך פון צוויי שעה נאָך דעם זענען זיי זיך צולאָפען יעדען איינער אויף זיין אָרט עס איז קיין איינער ניט געבליבען אויף דעם אָרט די מענשען האָבען דאָס אלעס גיזעהן און זיי האָבען זיך פערווינדערט אויף דעם. זיי האָבען ניט פערשטאַנען וואָס זייער איינזאמלונג בעדייט. דערווייל איז נאכט געוואָרען די מענשען זענען אריין געגאַנגען און פּאלאץ אריין און זיי האָבען זיך געלעגט שלאָפען:

און דער פריה זענען זיי אויף געשטאַנען און זיי האָבען זיך אָב געגעסען פריהשטיק און זיי זענען אַרויס געגאַנגען פון פּאַלאַץ אָהנקוקען די גערטנער וואָס זיי זענען אַרום פּאַלאַץ. אין מיטען טאָג האָבען זיי דערזעהן פון דער ווייטענס געהן אַמענש און לאָזט זיך געהן צו זיי האָט איינער געזאָגט צום צווייטען דאָס מוז זיין דער בעל הבית פון פּאַלאץ זיי זענען געשטאַנען אויף א אָרט און געווארט ביז דער מענש איז צו זיי צו געקומען און ער האָט זיי געגעבען שלום און ער האָט זיי געזאָגט איהר זאָלט וויסען אז איך בין צו אייך געקומען בשליחות פון דעם מלך אשמדאי ער רופט אייך איהר זאָלט צו איהם קומען איהר זאָלט פאר איהם האָבען א דין תורה ע״כ דארפט איהר מיט מיר געהן. האָבען זיי איהם גיענטפערט מיר האָבען נישט קיין אינטערעסען מיט קיינעם מיר האָבען ניט קיין דין תורה מיט קיין שום מענש. האָט דער שליח זיי גיענטפערט ווער עס האָט מיט אייך א דין תורה ווייס איך ניט נאָר דאָך אז דער מלך האָט געשיקט נאָך אייך דארפט איהר ניט אָב זאָגען נאָר איהר דארפט געהן און דאָרט וועט איהר זעהן ווער אייער בעל דין איז. די חכמים זענען מיט געגאַנגען מיט דעם שליח זיי זענען צו געקומען ביז צום טויער פון מלך אשמדאי איז דער פּאלאץ געווען פיל פון בהמות און חיות און עופות אז עס איז נישט מעגליך געווען אַדורך צו געהן. דער שליח איז געגאַנגען פאר זיי און ער האָט

געמאכט א וועג פאר די מענשען וועגען און זיי זענען אריין געגאנגען צום מלך אשמדאי. דער מלך אשמדאי איז געזעסען אויף זיין שטיהל און זיי האבען זיך צו איהם געבוקט. דער קיסר האט זיי בעגריסט און האט זיי געבעטען זעצין, תיכף אזוי ווי די חכמים זענען אריין געגאנגען צום קיסר זענען אלע בהמות חיות און עופות נאך געגאנגען ביז די שטיב איז געווען פיל און זיי האבען מעיז פנים געווען פאר דעם קיסר זיי זענען נישט געשטאנען מיט קיין דרך ארץ. ווי דער קיסר האט דאס דערזעהן איז ער אויף זיי בייז געווארען און ער האט געזאגט צו זיינע משרתים טרייבט ארויס אלע בהמות חיות און עופות פון שטיב זיי ווייסען ניט קיין דרך ארץ צו האבען פאר מיר. ע״כ זאלען זיי ארויס געהן און זיי זאלען זיך אויסקלויבען איינעם ער זאל זיך מיט די מענשען לאדען און ער זאל פאר זייערט וועגען טענה׳נען וואס זיי פערלאנגען. די חכמים זענען געזעסען און געשוויגען און האבען שוין געוואלט זעהן ווער זייער בעל דין איז:

די בהמות חיות און עופות זענען ארויס געגאנגען פון מלך׳ס שטיב ארויס און זיי האבען גיקלערט וועמען זיי זאלען אויס קלויבען. זיי האבען אויסקליבען, דאס אייזעל אז ער זאל זיין זייער מליץ און ער איז אריין געגאנגען צום מלך. האט דער מלך איהם גיפרעגט דיך האט מען אויס געקליבען פאר א מליץ? האט דאס אייזעל גיענטפערט יא! האט דאס אייזל געזאגט אדוני המלך. מיר אלע האבען תרעומות אויף די מענשען. דאס איז דאך בעקאנט יעדען איינעם אז גאט האט בעשאפען די וועלט און ער האט בעשאפען דעם מענש און בהמות און חיות און עופות זענען דאך מיר אלע גלייך איבער דעם דארף איינער ניט זיין גרעסער פון צווייטען. איין גרעסערע בהמה דארף ניט הערשען אויף דער קלענערע און ניט איינן מין אויף דעם צווייטען אזוי דארף דער מענש ניט הערשען איבער אונז. ער טאהר מיט אונז ניט ארבייטען און ניט אונז הרג׳נען און ניט שלאגען. פאר וואס האט דער מענש אזא גרויסקייט און זיך ער זאל צווינגען וועמען ער וויל. ער זאל מיט איהם ארבייטען דהיינו פערד אייזלען קעמלען אקסען און נאך אזעלכע בהמות וואס מען ארבייט מיט זיי. און נאך א גרעסערע עולה טוהן זיי. זיי הרג׳נען פיעל פון אונז און זיי עסען דאס פלייש דהיינו קוה הענער טויבען וכדומה. ע״כ בעט איך ביי דעם קיסר אז ער זאל זאגען ווער עס איז גירעכט. איז דען רעכט ביי גאט אזא עולה וואס די מענשען טוהן מיט

אונז

אונז ? האט דער מלך געזאגט צו די מענשען איהר האט דאך גיהערט די טענות פון דעם אייזעל וואס ענפערט איהר אויף דעם ?:

האבען די חכמים גיענפערט אדוני המלך דער מלך ווייסט דאך זיכער דעם סדר בריאת העולם. אזוי ווי עס שטעהט און דער תורה וואס משה דער גרעסטער פון אלע נביאים האט זי געשריבען פון גאט'ס הייליג מויל. אז צום ערשטען האט גאט בעשאפען די בעלי חיים און האט אלעס צו געגרייט אויף דער וועלט נאך דעם האט ער בעשאפען דעם מענש כדי ער זאל קענין דינען גאט ב"ה וייל די גאנצע וועלט איז בעשאפען גיווארין פון מענש'ס וועגין כדי ער זאל קענין דינען גאט ב"ה. און גאט האט דעם מענש גיבענשט און ער האט איהם גימאכט גיוועלדיגען אויף אלעמען וואס עס איז דא אויף דער וועלט אזוי ווי עס שטעהט און פסוק „ויברך אותם אלהים ויאמר להם פרי ורבו ומלאו את הארץ וכבשיה ורדו בדגת הים ובעוף השמים ובכל חיה הרומשת על הארץ" גאט האט גיבענשט דעם מענש און ער האט איהם געזאגט מעהרט אייך און איהר זאלט גיוועלטיגען אויף די פיש און אויף די עופות און אויף אלע לעבעדיגע זאכען וואס לעבט אויף דער ערד. און אויך נאך דעם מבול ווען נח מיט זיינע קינדער זענין ארויס געגאנגען פון דער תיבה האט איהם גאט גיבענטש. אזוי ווי עס שטעהט און פסוק „ויברך אלקים את נח ואת בניו ויאמר להם פרו ורבו ומלאו את הארץ ומוראכם יהיי על כל חיות הארץ ועל כל עוף השמים בכל אשר תרמיש האדמה ובכל דגי הים בידכם נתנו" גאט האט גיבענשט נח'ן מיט זיינע קינדער און ער האט צו זיי געזאגט מעהרט אייך און ערפילט די וועלט און אייער מורא זאל זיין אויף אלע חיות און עופות יעדענס וואס עס לעבט אויף דער וועלט גיב איך עס איבער און אייער רשות. נאך מעהר האט גאט געזאגט צו זיי „כל רמש אשר הוא חי לכם יהיי לאכלה כי רק עשב נתתי לכם את כל" יעדען לעבדיגע זאך זאלט איהר עסען עס זאל זיין ביי אייך גלייך ווי גראז דאס הייסט אז ווי גראז איז דאך הפקר פאר אייערט וועגין אזוי איז פאר אייערט וועגין הפקר יעדען לעבדיגע זאך. זעהן מיר אז גאט ב"ה ער האט בעשאפען די וועלט מיט זיין ווילען און ער איז א מושל א'יף דער וועלט און מיט זיין ווילען האט ער געמאכט גיוועל־טיגען דעם מענש אויף אלע בעלי חיים. ווער קען איהם זאגען און פרעגין פאר וואס ער טוהט אזוי. אפילו ביי א בשר ודם אז ער מאכט איינעם גרויס ווער קען זיך אינטער שטעלין און איהם פרעגין פאר וואס ער האט אזוי געטוהן און אויב איינער וועט זיך אינטער שטעלין און איהם איבער

פרעגען

פרעגין פאר וואס ער האט אזוי געטוהן קומט דאך איהם זיכער צו הרג׳נן. קענין מיר שוין פערשטעהן א מלך בשר ודם וואס ער איז גלייך מיט יעדין מענש ער איז ניט גרעסער פון אלע מענשען. ער האט די מענשין ניט בעשאפען פין דעסט וועגען קומט דעם מענש מיתה. גאט וואס ער האט בעשאפען די גאנצע וועלט און ער איז א מושל אויף דער גאנצער וועלט און ער האט איבער גיגעבען די ממשלה צו וועמען ער האט געוואלט און ער האט און דעם מענש בוחר גיוועזען מעהר ווי און אלע בעלי חיים ווער קען זיך איינשטעלין און ניט ביי שטעהן אויף דעם קומט דאך אויס אז דער וואס ער קריעגט אינז איז גלייך ווי ער קריעגט אויף גאט:

האט דער מלך געדאנקט די חכמים פאר זייערע קליגע רייד און ער האט צו זיי געזאגט אייערע רייד זענען אמת איהר זענט גירעכט און ער האט זיך געווענדעט צום איינזעל און ער האט צו איהם געזאגט די האסט געהערט די טענות פון די מענשען אויב די האסט נאך עפיס צו טענה׳ען און אב צו ווענדען זייערע רייד זאג. דאס איינזעל איז געבליבען שטיין און ער האט נישט געהאט וואס צו ענטפערין. אלע בעלי חיים ווי זיי האבען גיהערט אז דאס איינזעל האט ניט געהאט וואס צו ענטפערען און דורך דעם קיסר וועלען זיי בלייבען אום גערעכט האבען זיי אלע אנגעהויבען צו שרייען צום קיסר מיר בעשטייהען נישט אז דאס איינזעל זאל זיין אונזער פערטיידיגער מיר זעהן ווי ער איז א טיפוש ער קען גאר ניט טענה׳ין פאר אונזערט וועגען אז מיר זאלען בלייבען גערעכט. אלזא בעטען מיר דעם מלך זאל אונז געבען צייט אז מיר זאלען אויסקלאבען אקליגען פערטיידיגער ער זאל קענען טענה׳ין פאר אונזערט וועגען דער מלך האט זיי געגעבען צייט דריי טאג זיי זאלען זיך אויס קלויבען איינעם א פארטיידיגער אלע בעלי חיים זענען אוועק געגאנגען האט דער מלך געזאגט צו די חכמים געהט אויף אייער ארט און דריי טאג ארום זאלט איהר קומען ענדיגען די דיא דין תורה, די חכמים האבען זיך געביקט צום מלך און זיי זענען צוריק געגאנגען אין פאלאץ אריין:

עס איז געקומען דעם דריטען טאג האט דער מלך געשיקט רופען די חכמים זיי זענען אלע געקומען צום מלך און דער מלך האט געשיקט רופען אלע בעלי חיים זיי זענין אלע געקומען צו לויפען און זיי האבען זיך איינגעזאמעלט פאר דעם טויער פון מלך און זיי האבען זיך אהנגעהויבען צו קריגען ווער עס זאל אריין גיעהן זיין א פארטיידיגער עס האט קיינער

ניט

ניט געוואָלט אַריין געהן. ווייל זיי האָבען ניט געהאַט קיין תשובה צו ענטפערען אויף די רייד פון די חכמים. דער מלך האָט געוואַרט ביז עס וועט איינער פון זיי אַריין קומען זיי האָבען זיך אָבער אָבגעריקט און זיי האָבען מורא געהאַט אַריין צו געהן. ביז דער מלך האָט געגעבען אַ געשריי אויף זיי צו זענען מיר אייערע קנעכט מיר זאָלען וואַרטען אויף אייך אַזוי לאַנג. קלויבט אייך אויס איינעם ער זאָל זיין אייער פערטיידיגער אויב איהר האָט ביז יעצט ניט געפונען קיין איינעם פון אייך ער זאָל ריידען פאַר אייערט וועגען וואָס קענען מיר אייך טוהן. ווי לאַנג וועלען מיר אויף אייך וואַרטען די מענשען זענען דאָך נאָר דאָ אויף דעם אָרט נאָר דער ווייל. זיי דאַרפען דאָך אַוועק פאָהרען און זיי קענען שוין ניט וואַרטען אויף אייך ביז איהר וועט אייך אויס קלויבען אַ פערטיידיגער. זיי האָבען געמוזט צו טרעטען נעהנטער צום מלך. יעדער איינער האָט געשטופּט דעם צווייטען אַז ער זאָל געהן פאָראויס און בשום אופן האָט קיינער ניט געוואָלט אַריין געהן ביז דער הינד איז אַרויס געשפּרונגען און ער איז אַריין געגאַנגען צום מלך. און ער האָט געזאָגט אדוני המלך דער מלך דאַרף שטראָפען די מענשען וואָס זיי אַרבייטען מיט אַלע בעלי חיים בעבודה קשה וואָס דאָס איז נגד רצון הבורא עולם וואָס ער האָט בעשאַפען אונז אויף די וועלט זאָל זיין פון אינז בעזעצט און זיי ווילען אונז פערניכטען:

ווי דאָס שעפּסעלע האָט דערהערט די רייד פון דעם הינד האָט עס זיך אַריין געשטופּט און שטיב אַריין צום מלך און עס האָט זיך געבוקט פאַר דעם מלך און עס האָט געזאָגט אדוני המלך גיב מיר רשות דאָס מאָהל צו ריידען. האָט איהם דער מלך געענטפערט רייד. האָט עס געזאָגט אדוני המלך די זאָלסט ניט הערען דעם הינד זיינע רייד זענען שקר ער איז געפיינט ביי גאָט און ער איז פערשאָלטען. אַ ראיי אַז ער איז פערשאָלטען פון גאָט זייערע מוטערס געבאָרען זייערע קינדער זעקס מיט אַמאָהל דאָך איז אין זיי דאָ אַ קללה מען וועט קיינמאָהל ניט טרעפען קיין סטאַדע הינד פון עטליכע הינדערט מיט אַמאָהל. חאָטש זיי זענען טמא און קיין שום מענש שעכט זיי ניט און מען עסט זיי ניט. ווייל זיי זענען טמא און זיי טוהן ניט דעם רצון הבורא. אָבער זאָלען מיר זעהן מיר שעפּסליך מיר ווייסען אַז גאָט האָט אונז און אַלע ברואים בעשאַפען פאַר מענשין וועגען ווייל זיי זענען די בעסטע פון אַלע ברואים און מיר גיבען זיך אַליין איבער צו זיי און די הענד זיי זאָלען מיט אונז טוהן וואָס זיי ווילען. ווייל דאָס איז דער רצון הבורא. איבער דעם ווייל גאָט זעהט אונזער גוטקייט מיר

ווערען

חערין געשאָכטין צוליעב זיין ווילען. בענשט ער אונז הגם מיר ווערען ניט געבאָרען נאָר איינציגווייז און מען שעכט פון אונז אין די טויזינדער דאָך איז ביי אונז דאָ אַ ברכה אַז מיר זענין סטאַדעס און די טויזינדער מיט אַמאָהל. דאַרפין מיר ניט קיין בעסערע ראי׳ פון דעם אַז די מענשען זענין גירעכט. גאָט האָט זיי איבער גיגעבען די ממשלה איבער אונז און ווער עס וויל זיי ניט פאָלגען איז ווערד אַ גרויסען עונש און גאָט וועט איהם זיכער שטראָפען. האָט דער מלך געזאָגט צום שעפסעלע די זאָלסט זיין גיבענשט פון גאָט די האָסט גירעדט קלוגע רייד יעצט קען יעדער בעל חי זיך געהן אויף זיין אָרט און איהר האָט שוין גאָר ניט וואָס צו ריידען ווייל מיר זעהן אַז גאָט וויל אַזוי אַז דער מענש זאָל אויף אייך זיין אַמושל. ווי די בעלי חיים האָבען דערהערט דעם פסק פון מלך זענען זיי אַלע אַוועק געגאַנגען בחרפה ובבושה. און דער מלך האָט אַ היים געשיקט די חכמים צו זייער אָרט מיט גרויס פריינדשאַפט און מיט גרויס כבוד. די חכמים זענין תיכף אויף גיזעסין אויף דער שיף און זיי זענען אַ היים געפאָהרען און זיי האָבען דערציילט דעם קיסר די גאַנצע מעשה. דער קיסר האָט זיך זייער פערוואונדערט הערענדיג די מעשה און ער האָט זיי גיגעבען מתנות און ער האָט זיי אַ היים געשיקט יעדען איינעם אויף זיין אָרט:

אגרת מבני משה

א בריעף וואס איינער פון די בני משה האט איהם געשיקט צו די יודען קיין ארץ ישראל.

עס איז געוועהן א יוד ער האט געהייסען ר׳ ברוך ער איז געגאנגען פון ירושלים קיין מדי ופרס אויף דעם וועג האט איהם געטראפען גזלנים און האבען איהם צו גענומען וואס ער האט געהאט און זיין איידעל האבען זיי געהרגת. דער ר׳ ברוך איז געבליבען שטעהן און דער מדבר ער האט ניט געוויסט ווי צו געהן און ער האט ניט געהאט וואס צו עסען ער איז געגאנגען אין דער מדבר עטליכע טעג און ער האט געגעסען דאס גראז פון דער ערד. אזוי האט געדויערט צעהן טאג אויף דעם עלעפטען טאג איז ער מיעד געווארען און ער איז אנידער געפאלען פאר׳חלשת. ער האט דערזעהן פון דער ווייטענס אהויכען מענש און ער האט געהאלטען איין שפיז אין דער האנד און ער האט איהם געוואלט הרגנ׳ען ער האט אהן געהויבען פאר איהם צו וויינען און דער מענש האט צוריק געהאלטען זיין שפיז. דער ר׳ ברוך האט זיך אויף געשטעלט האט איהם דער מענש גיפרעגט אויף לשון הקודש פון וואס פאר א אומה ביסטו האט ער איהם גיענפערט איך בין א יוד האט ער איהם געפרעגט צו וואס ער דינט האט ער איהם גיענפערט שמע ישראל און ער האט איהם דערציילט וואס עס האט זיך מיט איהם פאסירט. דער מענש האט זיך מיט איהם זייער דערפרייד. און אזוי ווי ר׳ ברוך האט איהם געזאגט אז ער איז פון ירושלים האט ער איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען און ער האט איהם געזאגט די זאלסט פאר מיר קיין מורא האבען. איך בין אויך א יוד איך בין פון שבט נפתלי און ער האט איהם געזאגט זיץ דא איך וועל געהן דערצעלען מיינע ברידער אז איך האב דא געטראפען א יוד און ער האט איהם איבער געלאזט עסען און טרינקען. האט ר׳ ברוך געזאגט צו דעם מענש איך האב מורא פאר גזלנים און פאר ווילדע חיות. האט ער איהם גיענפערט עס איז זייער

ווייט

ווייט צו געהן צו אונז אין די ביסט דאך זייער מיעד די וועסט ניט קענען געהן מיט מיר און ער האט אויף געשריבען א שם און ער האט איהם אויף געהאנגען אויף זיין האלז און ער האט איהם געזאגט די זאלסט ניט מורא האבען פאר קיין גזלנים ווייל דא געהן נישט קיין מענשען. און פאר קיין ווילדע חיות און פאר קיין מזיקין דארפסטו אויך ניט מורא האבען ווייל איך האב דיר געשריבען א גוטע שמירה און די זאלסט דא ווארטען ביז איך וועל צו די צוריק קומען:

דער מענש איז צו זיך א היים געגאנגען און דריי טעג ארום איז ער צוריק געקומען צו ר' ברוך'ן און ער האט איהם געזאגט איך בין אב געגאנגען א מהלך פון דריי חדשים און דריי טעג און איך בין גיוועזען ביי אלע שבטים און איך האב זיי אלעס דערציילט וואס די האסט מיר דערציילט ווי עס דערגעהט מיט אייך און גלות ווי די אומות ארבייטען מיט אייך און איך האב זיי דערציילט אביסעל פון אייערע צרות. זיי האבען שטארק געזארגט פאר אייך און זיי האבען מיר גיגעבען דעם בריעף איך זאל איהם דיר געבען די זאלסט איהם איבער געבין אנשי ירושלים. האט איהם ר' ברוך גיפרעגט זאגט מיר ווי אזוי איהר הייסט האט ער איהם גיענטפערט מלכיאל האט ר' ברוך גיבעטען דעם מענש אז ער זאל איהם צו פיהרען צו א ישוב האט ער איהם געפיהרט און דער מדבר דריי טאג אויף דעם פיערטען טאג האט ער איהם געזאגט איך קען שוין ווייטער ניט געהן דא איז איבזער גרעניץ די מוזט שוין געהן אליין די זאלסט פאר קיינעם ניט קיין מורא האבען היט אב די קמיע וואס זי איז אויף דיין האלדז כל זמן די קמיע וועט זיין אויף דיין האלדז דארפסטו פאר קיינים ניט קיין מורא האבען און דריי טעג ארום וועסטו קומען און לאנד שנער. און ר' מלכיאל האט איהם מיט גיגעבען צו עסין און טרינקען אויף דעם וועג און ער האט איהם געהאלדז און געקושט און ער האט זיך מיט איהם אבגיזעגענט מיט גרויס געוויין און ער האט איהם געזאגט גאט זאל צוזאמען נעמען די צושפרייטע שעפעלעך פון אלע פיער עקין וועלט קיין ירושלים. אמן. דער שליח איז אריין געקומען און דריטען טאג קיין שנער און ער האט ניט געוואלט פאר קיינעם אויס זאגען און ווייזען דעם בריעף ווייל ר' מלכיאל האט איהם אזוי אהנגעזאגט דער בריעף איז פער חתמ'ת די זאלסט איהם ניט ווייזען קיינעם נאר די יודען פון ירושלים. דער שליח איז א היים בעפאהרען קיין ירושלים און ער האט זיי איבער גיגעבען דעם בריעף און דעם בריעף איז אזוי געשטאנען:

אחינו

אחינו בני ישראל שבטי יהודה ובנימין בני אבות העולם אברהם יצחק ויעקב וואס זענין גיגלעכינט צו די מלאכים און זיי לערנען די היילינע תורה יומם ולילה. א הייליגע און א ריינע אומה און פאר גאט טוהן זיי אויסגיסען זייער גיבעט דריי מאהל און טאג זיצען זיי אויף דער הייליגער ערד און לויבען גאט. דער ליעבער זאל העלפין זיין פאלק און ער זאל בויען זיין בית המקדש און ער זאל מקבץ זיין זיין פאלק פון אלע עקין וועלט. אמן אמן סלה סלה סלה. דער בריעף איז פון אונז אייערע ברודער בני ישראל די קונדער פון משה רבינו עליו השלום וואס מיר זיצין און דער צווייטער זייט סמבטיון. מיר זענען אייך מודיע פון אונזער געזינד און רוהיג לעבען מיר זארגען נאר אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף דעם לאנגען גלות און אויף דעם וויסטקייט פון די אלע יודישע ערטער. אונזער הארץ טרויערט זייער אויף אינזער זינד צו גאט וואס מיר זענין דורך זיי פערשטויסען געווארען און דעם לאנד ארייין. איהר שבטי יהודה ובנימין האט חאטש זוכה גיוועזען איהר זאלט קענין אויף געהן אויף דעם הייליגען בארג חאטש דאס בית המקדש איז חרוב געווארען און די גוים זענין אריין געקומען און אונזער ירושה אריין און זיי האבען מטמא גיוועזין אונזער היכל און זיי האבען פערוויסט די שטאדט ירושלים דאך איז איבער געבליבען די כותל מערבי און די שכינה איז נאך דא אויף דעם ארט. אויף דעם טרויערין מיר פאר וואס מיר זענין ערגער פון אייך מיר זאלען זיצען און דעם וויסטען לאנד מיר זאלען ניט קענין זיין אויף אונזער הייליגע ערד און איהר זיצט חאטש אויף דער הייליגער ערד. מיט עטליכע יאהר צוריק איז צו אונז געקומען א תרח וואס די כושים האבען איהם געפאנגען און זיי האבען איהם פערקויפט צו אונזערע ברודער צו די פיער שבטים דן נפתלי גד ואשר און ער האט זיי דערציילט דאס גאנצע שלעכטן וואס אייך איז:

און די פיער שבטים האבען דעם ישמעאל אהער געשיקט צו אונז און ווי מיר האבען געהערט די אלע צרות וואס איהר לייד. ווי מיר האבען די רייד פון דעם ישמעאל גיהערט האבען מיר געהאט גרויס צער פון דעם. נאר מיר זענען געוועזען מסופק צו דער ישמעאל זאגט אמת נאר יעצט אז מיר האבען גיהערט פון דעם וואס אייער שליח ר׳ ברוך האט דערציילט האבען מיר זיך אלע איינגעזאמעלט און מיר האבען שטארק געוויינט און געקלאגט ווי אזוי איהר קענט אויס האלטען די צרות ווי אזוי קענט איהר צו זעהן ווי פרעמדע זידען אויף אייער ערד און זיי שאנדען אייך און אייער דת

און

און איהר קענט אייך גאר ניט ווערין זיי פערברענגען אייך אויף דעם פייער
ווע איז צו אייער אויגען וואס איהר זעהט דאס. ווע איז צו אייערע
אויערען וואס איהר הערט דאס. מיר האבען זיך געפריידט און מיר האבען
אב געגעבען א שבח צו השי״ת וואס ער האט אונז פערטריבען און דעם
לאנד אריין וואס מיר זענען פריי מיר זענען ניט אינטער קיינעמס שוץ. מיר
האבען זיך פאר אונז א מלוכה און עס געפינט זיך ניט ביי אונז קיין שום
אומה ולשון וויל עס קען קיינער ניט צו אונז קומען דער טייך סמבטיון
געהט ארום אונזער לאנד. א גאנצע וואך ווארפט ער פון זיך שטיינער אין שבת
רוהט ער. און א פלאקער פייער איז ארום דעם טייך פון ערב שבת ביז מוצאי
שבת. אז אונזערע ברידער די פיער שבטים ווילען מיט אינז ריידען שטעלען
זיי זיך אנידער ערב שבת און דער זייט טייך און מיר שטעהן און דער
צווייטער זייט און אזוי ריידען מיר. און מיר זיצען דא און לאנד רוהיג.
און ביי אונז און לאנד געפינען זיך ניט קיין שום בהמה טמאה און קיין
שום חיה טמאה און קיין שום עוף טמא און ניט קיין שרצים און ניט קיין
מזיקין. און מיר וואהנען און שעהנע הייזער שאף און רינדער און גאלד און
זילבער און ברילאנטען איז ביי אונז דא לרוב. ביינאכט דארפען מיר ניט
אהנצינדען קיין ליכט נאר די ברעליאנטען לייכטען און מיר געהן אהנגעטוהן
זייער שעהנע מלבושים. אונזער לעבין איז צום ווייניקסטען הינדערט און
צוואנציג יאהר. קיין קינד שטארבט ניט ביי די עלטערינס לעבען און מיר
זענין זייער פיעל מענשין פערציג מאהל אזוי פיעל וויפיעל די יודען זענין
געוועזען ווען זיי זענין ארויס געגאנגען פון מצרים. און מיר האבען אלעס
גוטעס וייל מיר היטען אב גאטס תורה. און מיר שווערען קיינמאהל ניט
ביי גאט'ס נאמען. און דער וואס ער שווערט ביי גאט צייט דריי טעג ווערד
ער געטויט און מיר האלטען די דינים פון די ד׳ מיתות בית דין לויט ווי
רער זקן הגדול פסק'נט. און מיר לערנען תנ״ך משניות הלכות ואגדות. און
מיר הערען יעדען טאג קולות פון הימעל. און איהר אחינו בני ישראל איהר
זאלט ניט ממאס זיין בתוכחות ד׳ וויל דעם וואס גאט האט איהם ליעב דעם
שטראפט ער אזוי ווי א פאטער שטראפט זיין קינד וויל ער האט עס ליעב.
אזוי שטראפט אייך גאט וויל ער האט אייך ליעב. און עס זאל אייך ניט
זיין קיין ווינדער וואז מיר מיט אונזערע שכנים די פיער שבטים וואס
מיר זענין אזוי פיעל און שטארק און רייך פאר וואס זאלען מיר ניט מלחמות
האלטען מיט די ישמעאלים און מיר זאלען ביי זיי אב נעמען אונזער הייליג
לאנד זאלט איהר וויסען אז מיר אייערע ברודער בני משה האבען ניט קיין

רעות

רשות איבער צו געהן דעם טייך סמבטיון און אויף אונזערע שכנים די פיער שבטים האבען ניט קיין רשות אריבער צו געהן זייער גרעניץ נאר צייטען אז מען קומט עמיצער צו זיי אויף א מלחמה. און איהר הייליג פאלק פער זיכערט אייך און גאט ער וועט אייך העלפין כה דברי אחיכם בני משה אחיטוב בן עזריי הנשיא יהוצדק בן עזור הזקן אוריאל בן אביאכף:

א בעשרייבונג פון דעם טייך סמבטיון און פון די יהודים וואס וואהנען און יענער זייט טייך:

דער טייךווארפט א גאנצע וואך שטיינער מיט זאמד. דער רעש פון דעם איז זייער גרויס און עס איז ניט מעגליך צו צי געהען נאהנט לעבען טייך. פרייטאג צוויי שעה פאר נאכט רוהט דער טייך ביז מוצאי שבת. און דיא אומות וואס וואהנען און דער זייט טייך האבען שטארק מורא פאר די יהודים פון יענער זייט טייך. אזוי ווי דער טייך רוהט שטעלט מען א נידער שומרים ביי דעס טייך כדי זיי זאלען זעהן צו די יהודים פון יענער זייט געהן צו זיי אויף אמלחמה. און אויב די שומרים זעהן אז דיא יהודים פון יענער זייט טייך געהן אריבער דעם טייך אזוי זענען זיי תיכף מודיע און מען פערשליעסט אלע טויערען פון די פעסטונגען כדי די יודען זאלין ניט קענען אריין קומען צו זיי. די יהודים פון יענער זייט טייך זענען גרויסע גבורים און מלומדי מלחמה און זיי זענען זייער רייך און זייער לאנד איז זייער פעט עס וואקסען פיעל פערשידינע פירות און פעטע בהמות און פיש לרוב און זיי געהן גיקליידעט זייער רייך זיידינע קליידער און פיעל גאלדינע און זילבערינע קליידער און קיין שווארצע מלבושים געהן זיי ניט. דער טייך סמבטיון איז זיבצען מייל ברייט און א גאנצע וואך ווארפט ער שטיינער יעדען שטיין איז אזוי ווי א שטיב גרויס דאס רעש פון טייך הערט מען צוויי טעג גאנג ווייט. פרייטאג צוויי שעה פאר נאכט רוהט ער און ער ווערד טריקען מען זעהט ניט קיין וואסער און אויך ניט קיין שטיינער נאר וויים זאמד ווי שניי און מוצאי שבת הייבט ער אהן ווייטער צו שטארמען. און די מענשען וואס וואהנען און יענער זייט טייך זענען בלויז יהודים און זיי זענען איינגעטיילט אויף פיער

און

און צוואנציג מלוכות זיי האבען פיער און צוואנציג מלכים יעדער מלך האט א בעזונדערע מדינה און בעזונדער האבען זיי אלע איין מלך וועלכעס ער שאפט אויף אלע פיער און צוואנציג מלכים. דער מלך איז א גרויסער גבור חיל און אז ער זעצט זיך אויף זיין פערד רייטען אויף א מלחמה רייטען איהם נאך הינדערט און פופציג טויזענד גבורי חיל בעוואפענט מיט פאנצערס און יעדער איינער האלט א שפיז און דער האנד. און זייערע פערד זענען זייער גרויס. איין אומבעקאנטער מענש קען ניט צו זיי צו גיהן זיי צו טרעטען ווער עס קומט צו צו זיי. זייער עסין איז שאפען פלייש צו שניטען אויף קליינע שטיקלעך און זיי טרונקען וויין. און ווען זיי עסין און טרונקען אב קען קיין מענש צו זיי ניט צו קומען ווייל דאמאלט איז דאס פערד זייער פריילין עס שפרינגט און שרייט און פון זיין געשריי צוטערין מענשין אויסער א בעקאנטער קען צו איהם ניט צו געהן. און אפילו דער בעקאנטער אז ער וויל זיך אויף זעצען רייטען אויף דעם פערד מוז ער מיט חכמה צו בינדען דעם פערד די פיס און איין צומען דאס מויל דאמאלס קען ער זיך הערשט אויף זעצין רייטען און אז דער מלך געהט ארויס אויף א מלחמה רייטען מיט איהם הינדערט און אכציג טויזינד רייטער און פיס גייערס אהן א שיעור. און צוויי שעה פאר שבת געהן זיי אריבער דעם טייך זיי געהן זייער שנעל אז און צוויי שעה געהן זיי אריבער אזא ברייטען טייך און זיי רוהען שבת און דער זייט טייך און זיי זיצען אויף די פערד זיי געהן ניט אראב פון די פערד. די פערד זענען געוואהנט. צו שטעהן אויף א ארט אפילו דריי טאג און צו האלטען אויף זיך דעם רייטער. און זיי האבען כל הצטרכותם אויף זייערע פערד כדי זיי זאלען ניט דארפען אראב צו געהן אלע מאהל פון די פערד. און אז זיי האלטען מלחמה הרג'נן זיי אויס יעדען איינעם וואס קומט צו זיי. און זיי געהן ניט צוריק און זייער לאנד אריין ביז זיי זענען מנצח און זיי זענען מכניע זייערע שונאים און זייערע שונאים מוזען זיי צאהלען יעדען יאהר געלד וויפיעל זיי ווילען נאר. די נקבות זענען זייער פרים אז זיי געהן ארויס און גאס אריין פערהענגען זיי זיך זייער פנים כדי קיין מאנספערשוין זאל ניט זעהן זייער פנים. גאלד און זילבער און דימאנטען און פעריל איז ביי זיי דא לרוב קיין אייזען וואקסט ביי זיי לגמרי ניט נאר דיא ישמעלים ברענגען זיי אייזען און פאר א פינט אייזען גיבען זיי א פינט גאלד:

אײנמאהל

אמאהל האבען דעם מלך'ס צוויי יונגע זוהן געבעטען ביי דעם מלך אז ער זאל זיי מיט נעמען אויף דער מלחמה האט זיך דער מלך אויף זיי געבייזערט ווייל זיי זענען נאך געוועזען צו יונג. דער חשק פון דער מלחמה האט אין זיי געברענט האט איינער געזאגט צום צווייטען לאזען מיר זיך אהנטוהן כלי זיין און מיר וועלען זיך אויף זעצען אויף די פערד און מיר וועלען אריבער רייטען דעם טייך און מיר וועלען זיך נוקם זיין אין די שונאים. זיי האבען אהנגעטוהן זייערע כלי זיין און זיי האבען זיך אויף געזעצט אויף זייערע פערד און זיי זענען אריבער גערייטען דעם טייך איז זיי אקעגען געקומען טויזענד גבורים און די שני בני המלך האבען מיט זיי מלחמה געהאלטען און זיי האבען זיי אלע אויסגעהרג'ת השי"ת זאל שוין אויף אונז רחמנות האבען און ער זאל אונז אויסלייזען פון גלות און מיר זאלען זיך זעהן מיט אונזערע ברידער און מיר זאלען זיך מיט זיי פרייען און ירושלים אמן:

ספר

תפארת האחים

אין דיזען ספר ווערד ערציילט זייער ווינדערליכע מעשיות פון דיעזע הייליגע צדיקים. הרבי ר' אלימלך זצ"ל פון ליזשענסק און פון זיין ברודער הרבי ר' זושא הרבי מאניפאליער זצ"ל.

מיר האבען דאס איבערגעזעצט אויף ושארגאן כדי יעדער מענטש זאל זעהן דאס גרויסקייט פון די הייליגע גאונים און צדיקים זי"א.

בהוצאת בית מסחר הספרים של ר' אברהם כהנא נאלעווקא 39

ווארשא

שנת תרפ"ד לפ"ק

TYFERES HUACHYM
Wydanie księgarni
A. KAHAN Warszawa Nalewki № 39
konto czekowe P. K. O. 5723.
1924.

Druk: G. Piment Warszawa Sierakowska 4

תפארת האחים

ווי דער רבי ר׳ אלימלך איז געווארען רבי,

נאך דעם ווי דער הייליגער רבי ר׳ בער פון מעזריטש זכרונו לברכה איז נסתלק געווארען, זענען זיך צונויף געקומען זיינע אלע תלמידים זיי זאלען זיך אויסקלויבען א רבי׳ן און זיי האבען אריין גיקלערט צו עס איז ניט דא צווישען זייערע חבירים איינער וואס זאל ראוי זיין צו ווערען זייער רבי נאך דעם מגיד זכרונו לברכה. און זיי האבען אלע מסכים גיוועזין אויפן רבי׳ן ר׳ אלימלך זכרונו לברכה פון ליזענסק. און ווי זיי זענען מיט איהם א היים געפאהרען פון מעזריטש. איז זיי אויס געקומען צו נעכטיגען און א דארף זענען זיי אריין געגאנגען און א קרעטשמע און זיי האבען פארין רבי׳ן ר׳ אלימלך אב גענומען א בעזונדער חדר אזוי ווי עס פאסט פאר א רבי׳ן. און ווי ער איז אריין געקומען און זיין חדר אריין האט ער זיך געהייסען בעטען דאס בעט. דען ער איז זייער מיעד גיוועזען פון וועג. און ער האט זיך געלייגט שלאפען עטליכע שעה. איז די חסידים גיוועזען א וואונדער דאס דער מענטש וואס איז אויס געקליבען געווארען אויפען הייליגין רבי׳ן ר׳ בער׳ס ארט זאל אזוי לאנג שלאפען. און אויך האבען זיי זיך טאקי גישעמט אז דאס זאל זיין זייער רבי וואס זיי האבען זיך אויס געקליבין נאר עס איז אבער גיוועזען פערפאלען. דען אז זיי האבען איהם אויס געקליבען פאר א רבי׳ן מיזען זיי דאך פאר איהם דרך ארץ האבען. און ווי וועלען זיי איהם גיין אויף וועקען. האבין זיי זיך מיישב גיוועזען אז זיי וועלען זאגען זיין ברודער דעם רבי׳ן ר׳ זושא דען אז ער וועט איהם אויף וועקען וועט ניט זיין א פחיתות הכבוד פאר איהם. און ווי זיי האבען איהם געזאגט איז ער צו געגאנגען צו דער טיהר פון חדר וואס דער רבי ר׳ אלימלך איז דארט געשלאפען און האט ארויף געלייגט די האנד אויף דער מזוזת

און

און ער האט פארדעקט די מזוזה האט זיך דער רבי ר׳ אלימלך באלד אויף געכאפט פון זיין שלאף. איז דאס געוועזען אגרויס וואונדער ביי די אלע חסידים וואס זענען דארט געוועזען, און זיי האבען געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ זושא ווי אזוי קאן זיין אז די האסט צו געהאלטען די מזוזה, האט זיך דער רבי אויף געכאפט. האט ער זיי געזאגט דאס שייכות דער פון איז אזוי:

דאס איז דאך יעדען יוד בעוויסט וואס דוד המלך עליו השלום האט געזאגט און תהלים „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״ דאס איז די טייטש איך האב און מיין געדאנק גלייך ווי דער נאמען פון השי״ת וואלט פאר מיר געשטאנען שטענדיג. איז דאך שווער דער מענטש קען זיך נאר פארשטעלין דעם שם ווען ער איז אויף. אבער ווען ער שלאפט קען ער דאך זיך נישט פאהרשטעלין דאס נאמען פון השי״ת. נאר דער תירוץ איז ווייל און שטיב אויף דער טיהר איז דא א מזוזה וואס און איהר שטייט א סאך מאהל דער נאמען פון השי״ת איז גלייך ווי די גאנצע שטיב איז פיהל מיטען נאמען פון השי״ת און אזוי קען שוין דער מענטש אין שלאפען אויך מקיים זיין דעם פסוק „שויתי ה׳ לנגדי תמיד״ אבער ווי איך האב פערשטעלט די מזוזה האט ער שוין נישט געזעהן פאר זיך דעם נאמען פון השי״ת האט ער זיך געמוזט אויף חאפען האבען הערשט די חסידים געזעהן דאס גרויסקייט פון איהם און אז ער איז ראוי צו זיין רבי:

א וואונדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזענסק זכרונו לברכה:

און אדארף לעבין ליזענסק האט געוואהנט א גרויסער פריץ וואס ער האט געהאט א סאך גיטער און פלעגט זיי צו פערדינגען צו יודען און אויך און זיינע דערפער האבען יודען געהאלטין קרעטשמיס. איינמאהל האבען איהם זיינע הבירים וואס זענען געוועזען גרוסע שונאי ישראלים אהנגערעדט אז ער זאל שוין נישט פערדינגען קיין יודען. זענען די אלע יודען געפאהרען צום רבי׳ן ר׳ אלימלך זכרונו לברכה האט ער זיי צו געזאגט אז מיט השי״ת הילף וועלין זיי ווייטער פער בלייבען אין זייערע געשעפטען, און זיי זענען

אַ היים געפאָהרען פליצלונג איז דער פריץ שלאַף געוואָרען האָט מען אַראָב געבּרענגט אַ גרויסען דאָקטער פון לעמבערג האָט ער געזאָגט אַז זיין רפואה איז ער זאָל פאָהרין און אַ שטאָט ווי דער ים גייט און זאָל זיך באָדען און ים האָט ער געהייסען איינשפאַנין די פערד און איז אַוועק געפאָרען קיין איטאַליאָ זיך דאָרט באָדין און ים און איז צו געפאָרען צום ים מיט דער קאָטש און האָט זיך אויס געטהון און דער קאָטש און איז אַריין געגאַנגען און ים אַריין זיך באָדען און ווי ער איז נאָהר אַריין געגאַנגען און ים אַריין איז אַרויס געקומען אַ שד וואָס ער האָט אויס ביזעהן פינקט ווי דער פריץ און האָט זיך אָהנגעטהון דעם פריצ׳ס מלבושים און האָט זיך אויף גיזעצט און האָט געהייסען דעם קוטשער ער זאָל אַהיים פאָהרען. דען ער ער האָט שוין געהאַט די רפואה, איז ער אַהיים געפאָהרען:

און דער פריץ ווי ער איז אַרויס געגאַנגען פון ים האָט ער נישט געזעהען די קאָטש האָט ער גערעכענט אַז דער קושטער איז דאָך אַביסל ווייטער האָט ער אָהנגעהויבן צו שרייען און גערופען דעם קוטשער אָבער ער רופט זיך נישט אָהן און ער האָט זיך אַזוי אַרום געדרעהט נאַקיט אַפילו אָהן אַ העמד ביז אַלע וואָס האָבען זיך געבאָדען זענען אַוועק געגאַנגען האָט ער אָהנגעהויבען זייער שטאַרק צו ווינען איז אָהנגעקומען אַ פויער און ער העט געזעהן אַ מענטש זיצט נאַקעט און ווינט האָט ער איהם געפרעגט אויב ער וועט איהם אָב אַרבייטען דער פאַר וועט ער איהם געבין אַ העמד מיט אַ פאָהר הוזין איז דער פריץ בעשטאַנען איהם אָב צו אַרביטען דער פאַר האָט איהם דער פויער געגעבען אַ גראָב העמד אַ ציריסענס און אויך אַ פאָהר גראָבע ציריסעני הויזין. און איהם צו זיך אַהיים גענימען און האָט דער פאַר מיט איהם שווער גיאַרבייט. דער נאָך ווי ער האָט שוין געהאַט ביי דעם פויער אָב געאַרבייט פער דעם העמד מיט די הויזען האָט ער אָהנגעהויבען צו גייען פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף דען ער האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף הוצאות. דערווייל האָבין זיך איהם די הויזען צו ריסען האָט ער ווידער געמיזט שווער אַרבייטען ביז ער האָט זיך פערדינט אויף אַנדערע פאָהר צו ריסינע הויזען. און ער איז אַזוי געגאַנגען א גאַנץ יאָהר ביז ער איז גיקומען צו זיינע דערפער אָב געריסען און פאַר שוואַרצט ווי אַ בעטלער. און ער איז אַריין געגאַנגען צו אַ יוד וואָס האָט געהאַלטען די פאַכט און דעם דאָרף און האָט איהם דערציילט וואָס מיט איהם האָט זיך פאַסירט זינט ער איז אַוועק געפאָהרען האָט איהם דער יוד געזאָגט צו ביסטו משוגע איך אַליין בין דאָך היינט געוועזען ביי דעם פריץ און ער איז אין דאָרף

היים

היים און אויך יענעם חדש בין איך ביי איהם געוועזען האט ער זיך זייער פערוואונדערט און האט איהם געזאגט א סאך סימנים אז ער איז דער אמת־דיגער פריץ און האט איהם דערמאנט די אלע חשבונות וואס ער האט מיט איהם געהאט און ער האט דערקענט אז זיינע רייד זענען אמת. פארשטאנדין אז דאס האט איהם דער רבי ר׳ אלימלך געטוהן. און האט איהם געזאגט צו דעם וועט דיר קיינער נישט העלפען נאר דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק האט איהם דער פריץ געבעטען ער זאל מיט איהם פאהרען קיין ליזענסק איז ער מיט איהם געפאהרען און דער פריץ האט דערציילט דעם רבי׳ן די גאנצע מעשה ווי מיט איהם איז דערגאנגען. און האט דעם רבי׳ן געבעטען אז ער זאל איהם א עצה געבען. האט דער רבי געזאגט די ביסט דאך א שלעכטער מענטש און די הייסט דיר ביי די יודען וואס וואהנען ביי דיר אלע מאהל דערלייגען און אויך פאר יאהרען האסטו זיי גאהר נישט געוואלט פערדינגען. און האסט זיי געוואלט ארויס יאגען פון דיינע גיטער. אלזא אויב די וועסט קיינמאהל ביי דיין לעבען נישט אב זאגען א יוד פון זיין שטעלע. און אוך אז די וועסט דיר ביי זיי ניט הייסען דערלייגען וועל איך דיר א עצה געבען. האט ער דעם רבי׳ן צו געשוואהרען. האט איהם דער רבי געזאגט אז ער זאל זינטאג אב ווארטען ביי דעם קלויסטער ווען דער שד וועט קומען צו פאהרען און זיין קאטש. און ער זאל זיך גיט צו קיקען וואס פאר א מלבושים ער גייט און זאל זיך הייסען מאכען פינקטליך אזעלכע מלבושים. און דעם צווייטען זינטאג זאלסטו אויך אב ווארטען ווען ער וועט צו פאהרען צום קלויסטער און זאלסט דיך באלד אהנטוהן און די מלבושים און ווי ער וועט אריין גיין און קלויסטער אריין זאלסטו אריין גיין און דער קאטש און הייסען א היים פאהרען. און זאלסט דיין בני בית גאר נישט דערציילען זיי זאלען זיך נישט שרעקין האט ער אזוי געטוהן. און דער שד איז נעלם געווארען און ער האט פון דאמאלט אהן מיהל גיטס געטוהן די יודען:

אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' אֶלימלך פון ליזענסק זכרונו לברכה:

ווען דער רבי ר' אלימלך מיט זיין ברודער דער רבי ר' זושא זצ"ל זענען געגאַנגען גלות ליידען זענען זיי אַמאָהל געקומען אין אַשטאָדט אריין ערב יום הקדוש און מען האָט זיך אויף זיי גאָהר נישט אומגעקוקט און ווי דער עולם זענען שוין געהאַט אַהיים געגאַנגען פון בית מדרש זענען זיי געבליבען זיצען און קיינער האָט זיי נישט אַהיים גערופען עסין האָבען זיי דער פון געדאַט גרויס צער עגמת נפש דאָס זיי וועלען מיזען און ערב יום הקדוש פאַסטין ווען דאַמאָלס איז אַמצוה צו עסין. דער ווייל איז אריין געקומען איונגער מאַן און האָט זיי געפרעגט צו זיי האָבען שוין געגעסען האָבען זיי געזאָגט אַז נישט. האָט ער זיי געזאָגט קיין עסין איז ביי מיר שוין אוודאי נישט דאָה נאָר לעקח און בראָנפין איז דאָה אויב איהר ווילט קענט איהר מיט מיר צאַהיים גיין זענען זיי אַהיים געגאַנגען און ער האָט זיי געגעבען לעקח און בראָנפין צום צווייטען יאָהר זענען זיי ווייטער געקומען און דער שטאָט אַריין און זענען ווייטער געוועזען ערב יום הקדוש און בית מדרש און עס האָט זיי ווייטער קיינער נישט אַהיים גערופען זענען זיי אַזוי געזעסען און בית מדרש. איז ווייטער געקומען דער יונגער מאַן און האָט זיי געפרעגט צו זיי האָבין שוין געגעסען האָבען זיי געזאָגט ניין און ער האָט זיי אַהיים גערופען און האָט זיי געגעבען לעקח און בראָנפין:

אוּן צום דריטען יאָהר איז זיי ווידער אויס געקומען צו זיין און דער שטאָדט ערב יום הקדוש און זיי זענען געגאַנגען און בית המדרש אַריין. און זענען דאָרט אָדער געוועזען ביז אלע זענען אהיים געגאַנגען און עס האָט זיי קיינער נישט אהיים גערופען און זיי האָבען געוואַרט אויף דעם יונגען מאַן, אָבער ער איז דאָס יאָהר שוין אויך נישט געקומען. זענען זיי צו איהם אהיים געגאַנגען אָבער ער האָט שוין דאָרט נישט געוואָהנט האָבען זיי אויף איהם געפרעגט און עס האָט קיינער נִיט געוויסט ווי ער איז אהין געקומען האָבען זיי געזאָגט איינער צום צווייטין לאָמיר איהם זיכען אין דער גאַנצער וועלט האָבען זיי איהם אָהנגעהויבען צו זיכען אין דער גאנצער וועלט. און זיי האָבען איהם נישט געפינען, האָבען זיי איהם געזוכט אויף יענער וועלט און זיי האָבען איהם אויך נישט געקאָנט געפינען ביז זיי האָבען גערעכענט אַז נישט אנדערשט נאָהר ער איז חלילה אריין געפאַלען און שלעכטע ערטער

האָבין

האבען זיי איהם אהנגעהויבען צו זיכען דארט און די געמיינע מקומות און זיי האבין איהם געפונען אז ער האט זי געשמד און איז געווארען א גלח דען ער איז געוועזען אגרויסער קענער. האבען זיי געזאגט איינער צום צווייטען וויל ער האט דאך איינמאל א טובה געטוהן דארפין מיר איהם אויך א טובה טוהן. און זיי האבען איהם א טובה געטהון זיי האבין מתפלל געוועזין אז השי״ת זאל איהם אריין געבען א געדאנק צוריק זיך אומצוקערין צום יודישקייט. פון דאנען זעהט מען ווי גרויס די מצוה פון הכנסת אורחים איז. אז דורך דעם וואס ער האט זיי געגעבען עסין, האט ער זוכה געוועזען אז ער זאל צוריק קומען צום יודישקייט זייער זכות זאל איבין ביי שטיין:

א ווינדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזענסק זכרונו לברכה:

אמאהל איז דער הייליגער רבי פון לובלין געקומען קיין ליזענסק צום רבי׳ן ר׳ אלימלך און האט איהם גיטראפען שטארק וויינען און מען האט איהם נישט געקאנט בשום אופן איינהאלטען פון געוויין האט איהם דער רבי פון לובלין זכרונו לברכה גיפרעגט וואס ער וויינט אזוי שטארק האט איהם דער רבי ר׳ אלימלך געזאגט וואס זאל איך נישט וויינען אז איך האב געטוהן א עבירה וואס דאס גירגם ווערט פאר מיר אליין וויינינ זיין, האט איהם דער רבי פון לובלין גיפרעגט וואס דער חט איז גיוועזין האט איהם דער רבי ר׳ אלימלך געזאגט אז ער האט אויס גירעדט צווישען פסוקי דזמרה. האט איהם דער רבי פון לובלין גיפרעגט מיט וואס פאר א עסק האט איהר אויס גירעדט. האט דער רבי ר׳ אלימלך געזאגט אז מען איז געקומען מזכיר זיין א חולה האט ער איבער גיפרעגט נאך אמאהל דעם נאמען, האט איהם דער רבי פון לובלין געזאגט אז דאס הייסט נישט אויסגירעדט דען דאס איז דאך א תפילה. האט ער אויפגיהערט צו וויינען:

דאס צידקות פון רבי'ן ר' אלימלך'ס פאטער זכרונו לברכה.

דעם רבי'ן ר' מלך'ס פאטער האט געהייסען ר' אליעזר ליפא זכרונו לברכה ער איז געוועזען א גרויסער גביר און א בעל צדקה. און זיין שטייגער איז געוועזען אז ער פלעגט פאהרען פון זיין הויף און שטאדט אריין האט ער אויפגענימען אלע יודען וואס ער האט געטראפען און וועג גיין: איינמאהל איז ער געפאהרען און שטאדט אריין האט ער בעגעגענט א ארימאן וואס ער האט געטראגען א גרויסע משא אויף די פלייצים. האט ער אים צו גערופען אז ער זאל מיט אים אויפזיצען און שטאדט אריין האט ער נישט געוואלט. דען ער האט געזאגט אז ער וויל בעסער גיין צו פוס און שטאדט אריין ער זאל קענען נעמען נדבות ביי די יודען וואס וואהנען אויפען וועג ביז און שטאדט. האט ר' אליעזר ליפא צו איהם געזאגט איך וועל דיר געבען אזוי פיהל וויפיהל די קענסט מאכען ביי די יודען האט ער אויך נישט געוואלט דען ער האט געזאגט אז ער האט הנאה פון דעם וואס ער געהט און די הייזער. האט ער איהם געזאגט אז ער זאל חאטש אנידער לייגען זיין פעקיל אויף דער פיהר און ער וועט עס איהם ברענגען און שטאדט אריין. האט ער אויך נישט געוואלט ביז ער האט איהם גיגעבען א שיינע נדבה האט ער קוים ביי איהם געפוילט אז ער זאל איהם אויפלייגען דאס פעקיל אויף דער פיהר. פון דאנען זעהן מיר דאס גרויסע צידקות זיינס ווי ער האט נישט גיקענט ליידען אז ער האט גיזעהן א יוד גייט און וועג און טראגט א משא. און ער האט זיך משתדל גיוועזען איהם צו פערגרינגערין חאטש דער ארימאן אליין האט נישט געוואלט און ער האט איהם נאך געדארפען איינציבעטען דרויף. און דער פאר האט ער זוכה גיוועזען צו האבען א זעלכע הייליגע צדיקים. זייער זכות זאל אינץ ביי שטיין:

דעם רבין ר' אלימלך'ס פאטער ר' אליעזר ליפא זכרונו לברכה איז געוועזען א שטארקער עסקן אין מצות פדיון שבויים. איינמאהל איז

ער געוואהר געווארען אז אין אדארף האט א פריץ איינגעזעצט אין געפענגניש א יוד אקרעטשמער וויל ער איז אים שילדיג גיוועזען א סאך געלד. נאהר דער ר׳ אליעזר ליפא האט אבער נישט געהאט מער ווי טויזינד גולדין האט ער גיזאגט זיינע קינדער אז זיי זאלען זאגען תהלים אז השי״ת זאל איהם געבען חן אין דעם פריץ׳ס אויגען, אין ער איז אוועק געגאנגען צום פריץ. ווי ער איז געקומען צום פריץ האט ער אהן געהויבען צו טענען מיט איהם וואס וועט דיר ארויס קומען אז די וועסט האלטען דעם קרעטשמער מיט זיין ווייב אין קינדער ביז זיי וועלען שטארבען וועסטו דען מיין האבען דער פון, נעם בעסער צו די טויזענד גולדען און לאז זיי א רויס. אין השי״ת האט איהם געגעבען חן און פריץ׳ס אויגען און ער האט בייא איהם צו גענומען די טויזענד גולדען און האט ארויס געלאזט דעם קרעטשמער מיט זיין ווייב און קינדער. דער נאך האט דער פריץ געזאגט צו ר׳ אליעזר ליפא איך זעה אז די ביסט א ערליכער מענטש איז אויף געוויס גוט מיט דיר צו האנדלען, דריבער אזוי ווי איך האבע א שוואגער א פריץ און דעם דער באיגען דארף און ער האט א סאך פלאקס צו פארקויפען נאר ער זוכט א ערליכער מענש מיט אים צו מאכען דעם מסחר. אלזא וועל איך דיר געבען א בריעף צו דעם פריץ מיין שוואגער אז די ביסט א העכסט ארינטליכער מענטש און ער וועט דיר פערקויפען דאס פלאקס ביליגער ווי ער וועט פערקויפען א צווייטען און די וועסט דרינען גוט פערדינען.

האט ר׳ אליעזר ליפא געזאגט צום פריץ איך דאנק דיר זייער פאר דיין גוט הארץ וואס די ווילסט מיר א טובה טוהן ליידער איך האב אבער שוין קיין געלד נישט דען מיין גאנץ פערמעגען זענען גיוועזין די טויזינד רענדלעך וואס איך האב דיר גיגעבען אויסליין געלד פאר דעם קרעטשמער. האט השי״ת ארייין גיגעבען דעם פריץ רחמנות און ער האט איהם צוריק גיגעבען די טויזינט רעגדלעך און האט איהם גיגעבען א בריף צו דעם צווייטען פריץ זיין שוואגער אז ער איז א העכסט ארענטליכער מענטש און ער מעג מיט איהם האנדלען און אויב עס וועט איהם צופעלען געלד צום מסחר מעג ער איהם בארגען. ער איז אוועק געגאנגען און צווייטען דארף צום פריץ וועלכער איז גיוועזען דעם ערשטען פריץ שוואגער און האט איהם איבער גיגעבען זיין בריף און ווי דער פריץ האט גיזעהן אז זיין שוואגער לויבט איהם אזוי. האט ער געזאגט אז ער וועט איהם פערקויפען דאס גאנצי פלאקס און גאר ביליג. און ער האט מיט איהם מיט געשיקט א לאקיי ער זאל איהם ווייזען די מאגאזינען מיטען פלאקס:

ווי זיי זענען אזוי געגאַנגען האָט ער דערהערט אַ געוויין און אַ קרעכצעריי האָט ער גיפרעגט דעם לאָקיי וואָס די קולות זענען. האָט איהם דער לאָקיי געזאָגט דאָס איז דאָס קול פון דעם קרעטשמער וואָס ער איז גיזעסין און אינזער קרעטשמע אַ סאַך יאָהרען און האָט נישט געצאָהלט קיין ראַטיס האָט איהם דער פריץ איינגעזעצט מיט זיין ווייב און קינדער און ער זיצט שוין אַפּאָהר טאָג און דער פריץ הייסט איהם נישט צו לאָזען. קיין עסין ביז ער וועט שטאַרבען פאַר הינגער און ווי ר׳ אליעזר ליפּא האָט דאָס דערהערט האָט ער שוין אָב געלאָזט דעם מסחר פון פלאַקס און האָט דעם יוד אויסגעלייזט און האָט בעצאָהלט פאַר איהם וויפיהל זיי האָבען געוואָלט און האָט געזאָגט צום פריץ איך האָב געוואָלט מיט דיר האַנדלין נאָר אַז איך האָב גיזעהן פון דיר אַזאַ שלעכטיגקייט אַז די האָסט נישט קיין רחמנות אויף קיין מענטש וואָס איז אַזאַ גיט השי״ת׳ס בעשעפעניש ווי די. און די האָסט איהם איינגעשפאַרט כדי ער זאָל שטאַרבען פון הינגער קען איך מיט דיר מעהר נישט האַנדלין און האָט איהם מיט נאָך אַ זעלכע גיטע שאַרפע רייד געשטראָפט און השי״ת האָט איהם גיגעבין חן ביי דעם פריץ און ער האָט אַזוי אַלעס פון איהם אויסגעהאָרכט און האָט זיך פאַר איהם פאַרשעמט. און האָט איהם צו געזאָגט אַז ער וועט שוין אַזוי נישט טוהן און האָט איהם זייער גיבעטין ער זאָל ביי איהם קויפין דאָס פלאַקס און ער וועט איהם צו רעכינען דאָס געלד וואָס ער האָט בעצאָהלט אויף דעם פלאַקס. האָט ער ביי איהם געקויפט דאָס פלאַקס און ער האָט עס איהם נאָך ביליגער געלאָזט ווי ער האָט איהם פריהער געזאָגט און ער האָט דריבען פערדינט אַ סאַך געלד פון דעם זעהט מען זיין גרויס צידקות. און דער פאַר האָט ער זוכה גיוועזען צו האָבען אַזעלכע זוהן ווי דער רבי ר׳ אלימלך און דער רבי ר׳ זושא זכותם יגן עלינו:

דָאם צִידְקוּת פוּן רֶבִּי׳ן ר׳ אֱלִימֶלֶךְ׳ם פָאטֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך׳ס פאָטער ר׳ אליעזר ליפּא זכרונו לברכה. איז געוועזען אַ ברידער פון דעם בעווסטען חסיד ר׳ אלימלך פילאָט וואָס ער איז גיוועזין

געוועזען אַ משמש בײַ דעם דעם הײליגען רבי'ן ר' בער דער מגיד פון מעזריטש זכרונו לברכה. און דער ר' אליעזר ליפּא האָט געוואָהנט און לאַפּאָטי לעבען דער שטאָדט טיקטין. און האָט דאָרט געהאַלטין אַ קרעטשמי און איז געוועזען אַ גרויסער גביר. און ער האָט געהאַט זיבען זוהן. דער עלצטער פון זײ איז געוועזען דער רבי ר' זושא דען ער איז געוועזען עלטער מיט פופצעהן יאָהר פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק. און אויך ער האָט צוגערעדט דעם רבי'ן ר' אלימלך אַז זײ זאָלען גײן וואַנדערען אויף דער וועלט וואָס דער דאָך זענען זײ געקומען צו אַסאך פון זײערי גרויסע מעלות:

און ווי זײער פאָטער איז געשטאָרבין און האָט זײ איבער געלאָזט אַ גרויס פערמעגען און אויך איז געבליבען אַ סאַך חובות האָבין זײ אָב געשמײסט אַזוי ווי דער רבי ר' זושא קען נישט לערנין און ער טוהט אויך ווײניג און לערנין וועט ער געכער קענען אָב נעמין די חובות. האָבין זײ איבער געלאָזט אַלע חובות אויף זײן חלק. אַז ער זאָל אײן קאַסירען די חובות. אָבער ער האָט איבער געלאָזט די אַלע חובות און האָט גענימען וואַנדערען פון שטאָדט צו שטאָדט און פון דאָרף צו דאָרף ביז ער איז געקומען קײן מעזריטש ווי זײן זײדע ר' אלימלך פּילאט האָט געוואָהנט און איז געוואָהרען אַ תלמוד פון הײליגען רבי'ן ר' בער פון מעזריטש זכרונו לברכה:

אײנמאָהל האָט דער רבי ר' בער ארײנגערופען דעם רבי'ן ר' זושא. און האָט איהם געזאָגט אַז אַ מענטש דאַרף זיך אָב לערנין צום יודישקײט דרײ זאַכען פון אַ קינד און זיבען זאַכין פון אגנב. פון אקונד דאַרפין זיך אָב לערנין וואָס ער זאָרגט קײנמאָהל נישט נאָהר ער האָט בטחון אַז זײנע עלטערין וועלין פער זײניט וועגין געוויס אַלעס צו גרײטין וואָס ער ברוכט צו האָבען. דאָס צווײטע איז אַקינד גײט קײנמאָהל נישט לײדיג. דען ער פאָרעט זיך שטענדיג מיט זײנע שפּיליכער. דאָס דריטע איז אַלעס וואָס ער וויל ווײנט ער אַז מען זאָל איהם געבין. און אַז מען גיט איהם נישם באלד ווײנט ער יעמערליכער און מאכט אזוי לאנג קולות ביז מען מיז איהם געבען. און זיבען זאַכען פון אַ גנב ער לאָזט זיך נישט בעניגען מיטען טאָג נאָר ער אַרבײט אויף בײ נאַכט. דאָס צווײטע איז אויב ער קען און אײן נאַכט נישט פאַרטיג מאַכען די גניבה גײט ער די צווײטע נאַכט. און דאָס דריטע איז אַז די גנבים האָבען זיך זײער ליעב אײנער דעם צווײטען. דאָס פערדע איז. אַז ער שטעלט זיך אײן דאָס לעבין אפילו פאַר אַ קלײניגקײט. דאָס פינפטע. אַז ער בעקומט די זאַך איז זי בײ איהם שוין נישט אַזוי חשוב חאָטש ער האָט זיך דער פאַר אײנגעשטעלט

דאס גאנצע לעבען. וואהרין מען זעהט דאך אז ער פערקויפט עס דערנאך פאר א קלייניגקייט. דאס זעקסטע איז אז מען מעג איהם שלאגען און פייניגען מיט אלע פיין און ער וויל בשום אופן זיך נישט אינטער געבען ער זאל אויס זאגען אז ער האט געגנב'עט און ווי ער האט די גניבה אהין געטוהן. די זיבעטע מדה. אז ער האלט זיך ביי זיין פאק און ער ווארפט עס נישט קיינמאהל אוועק ער זאל זיך נעמען צו א אנדערין פאק. און ווער עס קוקט גוט אריין און די ווערטער קען ער פארשטיין די הייליגע כוונה פון דעם רבי'ן ר' זושא ווי אזוי זיך ארויס צו לערנען פון די זאכען עצות צו קענען ביי קומען דעם יצר הרע צו דינען השי"ת דער זכות פינעם הייליגען רבי'ן ר' זושא זכרונו לברכה זאל אינז ביי שטיין מיר זאלין געהאלפין ווערען מיט אלעס גיטען אמן:

א וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זכרונו לברכה:

און ניסק איז גיוועזין א גרויסער גביר און ער האט גיהאט א בת יחידה זייער אפיינע. ער האט גינימען א איידים אויף אלייטישען און א גרויסער סוחר און זיי האבין זיך גימאכט א בעזינדערין מסחר און האבין שטארק מצליח גיוועזין אויך האט זיי השי"ת גיהאלפין מיט צוויי גיראטינע קינדער. איינמאהל איז דער מאן אוועק גיפארין און וועג אריין נאך סחורה און האט זיך גיזאהמט א לאנגע צייט האט זי גישריבען א בריף צו דעם סוחר וואס ער פלעגט אלע מאל ביי איהם קויפין סחורה ער זאל איהר שרייבין פער וואס ער קימט נישט אהיים און אז זי קלערט זייער איבער און האט דערפין שטארק עגמת נפש. האט איהם דער סוחר גיענטפערט דאס ער איז צייטין גאר נישט גיוועזין ביי איהם און איז שטארק דערשראקין גיוועזין דער פין און זי האט גישיקט טעלעגראמיס און די אלע ערטער ווי עס האט זיך איהר גידאכט אז ער פלעגט דארט. אמאהל פארין אבער ער איז נישט גיוועזין און די אלע ערטער איז זי ארום גיגאנגין טרויריג און האט נישט גיווסט וואס פאר א עצה זיך צו טוהן און זי איז אזוי א וועק גיזעסין א עגוגה ר"ל פערצעהן יאהר

איינמאהל

אֵיינְמָאהָל אִיז אָהנגעֶקומעֶן קֵיין ניסק אַ אַלטעֶ יודעֶני וואָס זי איז געֶוועֶזעֶן אַ קעֶכין בַיים רבי'ן ר' אלימלך און זי האָט דעֶר צֵיילט פִיהל מופתים און מעשיות וואָס זי האָט גיזעֶהן בַיים רבי'ן ר' אלימלך ז"ל. האָט דאָס ווייבּיל זי גיבּעֶטעֶן זי זאָל זיך צו איהר אַריינצִיהעֶן, דעֶן זי זיצט אַיינעֶ אַליין און אַגרויסעֶ דירה און עֶס איז איהר סמוטנעֶ אַליין צו זיין. און אַזוי וועֶט זי האָבּעֶן מִיט וועֶמעֶן אַוואָרט צו רעֶדין. האָט זיך די אַלטעֶ צו איהר אַריין געֶצויגעֶן. און ווי זי האָט אִיהר דעֶרצֵיילט אַז זי זיצט שוין פעֶרציֶהן יאָהר עגונה ר"ל. האָט אִיהר די אַלטעֶ גיזאָגט אַז זי זאָל פאָהרעֶן צום רבי'ן ר' אלימלך וועֶט עֶר איהר מיט השי"ת הילף זעֶכיר אויס זיכעֶן איהר מאַן דעֶן זי האָט גיזעֶהן דאָרט אַ זעֶלכי זאַכעֶן אַ סאַך און ווען עֶס איז געֶקומעֶן איז אַלעֶס גיהאָלפעֶן גיוואָרעֶן האָט דאָס ווייבּיל זי גיהאָרכט און איז געֶפאָהרעֶן צום רבי'ן ר' אלימלך קֵיין ליזעֶנסק. און האָט אִיהר דעֶרצֵיילט אִיהר בִּיטעֶר האַרץ און עֶס איז שוין פעֶרצעֶהן יאָהר דאָס זי האָט נִישט פון אִיהר מאַן קֵיין שום ידיעה. האָט אִיהר דעֶר רבי גיעֶנטפעֶרט דיין מאַן לעֶבּט נאָך און עֶר אִיז אִין אויסלאַנד און צַיַיט צוויי חדשים וועֶט עֶר אַהֵיים קומעֶן אַלזאָ זאָל זי זיך צו גרייטעֶן אויף דעֶר צֵייט און זי זאָל אויס מאַלִיוועֶן די דִירות דעֶן עֶר וועֶט זיכעֶר קומעֶן. דאָס ווייבּיל איז אַהֵיים געֶקומעֶן און האָט דעֶר אַלטעֶר דעֶרצֵיילט וואָס דעֶר רבי האָט אִיהר גיעֶנטפעֶרט נאָר זי האָט ווייניג גיגלייבּט דריבּעֶן דעֶן לויט דעֶם פריינדליך לעֶבּין וואָס צווישעֶן זיי איז גיוועֶזין האָט זי גירעֶכינט אַז עֶר זאָל לעֶבּין וואָלט עֶר זיך נישט גיקעֶנט אייַנהאַלטעֶן אַזאָ לאַנגעֶ צַיַיט און נישט אהֵיים קומעֶן און אויך קֵיין בּריף נישט צו שרייבּעֶן דריבּער איז ביי איהר זיכעֶר גיוועֶזין אַז עֶר לעֶבּט נישט נאָר די אַלטעֶ האָט איהר גיזאָגט אַז זי זאָל גאָר נישט אנדעֶרשט קלעֶרין דעֶן זי איז מיט השי"ת הילף שוין גיהאָלפעֶן:

און ווי עֶס איז געֶקומעֶן נעֶהנטור צום זמן וואָס דעֶר רבי האָט איהר אויס גיזעֶצט האָט די אַלטעֶ גיזעֶהן אַז זי זאָל זיך צו גרייטעֶן דעֶן זי איז זיכעֶר גיוועֶזעֶן אַז דעֶם רבּי'נס וועֶרטער ווערין מקוים ווערעֶן און ווי עס איז געֶקומען די לעֶצטע נאַכט וואָס ער האָט גידאָרפין קומען האָט די אלטי ביהייסין אָהנגרייטין מיטאָג און האָט אָהנגעצינדען אַ לאָמפּ מיט אַ סאַך לעֶכט נאָר ווי עֶס געקומען שוין שפעֶט בּיי נאַכט און עס האָט אָהנגעהויבען שטארק צו רעגינין האָט זי זין שוין געֶוואָלט לייגין שלאָפעֶן נאָר די אַלטע האָט זי בשום אופן נישט גילאָזט גיין שלאָפען. און האָט איהר געֶזאָגט אז ער וועט זיכער באַלד קומען און דאָס ווייבּיל האָט געזאָגט עֶס איז נישט מעֶגליך

מעגליך דאָס ער זאָל קומען דען אפילו ער וועט זיין א פערטיל מייל פון דאנית וועט ער אויך יעצט נישט קומען דורך דעם גרויסען רעגין. אָבער די אלטע האָט זי נישט געלאָזט גיין שלאָפין דען זי האָט גיזאָגט אזוי ווי דער רבי האָט גיזאָגט וועט זעכיר זיין. און ווי דער זייגער איז גיוואָרען האלב צוועלף האָבען זיי גיהערט. צו פאָהרען א פיהר און מען האָט אָהנגעקלאפט און די לאָדין האָבין זיי גיעפינט און דעם ווייבילס מאן איז אריין געקומען איז דאָרט גיוואָהרין א גרויסע פרייד :

און דער יונגער מאַן האָט דערציילט אַז אַזוי ווי ער איז אַוועק גיפאָרין האָט ער זיך גיטראָפין מיט זיינס אַ חבר וואָס ער וואָהנט און אויסלאַנד און ער האָט איהם צו גירעד אַז ער זאָל מיט איהם מיט פאָהרין און דאָרט וועט ער קענין קויפין ביליגער ווי און די ערטער ווי ער קויפט שטענדיג איז ער מיט איהם מיט גיפאָרין און ווי ער איז אַהין גיקימען האָט ער גיזעהן אַז עס איז דאָה גיטע גישעפטין צו מאַכין האָט ער זיך גיזאָמט אַ לאַנגע צייט און ער האָט זיך אַזוי פערטוהן און מסחר אַז ער האָט גאָר פערגעסין צו ער האָט אַווייב מיט קינדער און האָט דאָרט גיהאַנדילט און האָט שוין גיהאַט זיינס אַ איינגיאָרדינט גישעפט און מאַגאַזינען מיט סחורה. נאָר דאָה פאַר צוויי חדשים איז צו איהם גיקימען אַ אַלטער מאַן און האָט איהם גיזאָגט וואָס טוהסטו דאָה שוין אַזוי אַ לאַנגער צייט די האָסט דאָך איבער גילאָזט אַווייב מיט קינדער פער וואָס פאָהרסטו ניט אַ היים אויב די וועסט ניט אַהיים פאָהרין און זעקס וואָכין אַרום וועסטו שטאַרבין. און אין סוף יעדין וואָך איז ער גיקימען און האָט איהם גיפרעגט וואָס ביסטו נאָך ניט אַהיים גיפאָהרין די האָסט שוין פערגעסין וואָס איך האָב דיר גיזאָגט. ביז איך האָב גימיזט אלעס פערקויפין און אהיים פאָדרין. און ווי איך בין גיקימען אמייל וויים פון דאנין האָט אָהנגיהויבין שטארק צו רעגינען בין איך אריין גיפאָרין און א אכסניאָ איבער צו נעכטיגען איז ווידער דער אלטער צו מיר גיקימין מיט א שטעקין און האָט מיך גיוואָלט שלאָגין און האָט גיזאָגט איך האָב דאָך דיך גיהייסין א היים פאָהרין זאָלסטו דאָה נישט נעכטיגען נאָר שוין פאָהרין דען דיין ווייב קיקט דיך אויס האב איך גימיזט און דעם רעגין ווייטער פארין זיין זכות זאל אינז בייששטיין :

א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זכרונו לברכה:

אמאהל איז דער רבי ר' אלימלך זכרונו לברכה גיגאנגען און מקוה אריין האט ער גיהערט א קול אז ווער עס וועט העלפין דעם רבי'ן ר' שמעלקי פון ניקילשפורג פון די שלעכטי בעלי בתים וועט זוכה זיין צו האבען עולם הבא. בעוויל ער האט גיליטין גרוסע יסורים פון די ניקלשפורגער בעלי בתים וואס זיי האבען נישט גיוואלט הארכין זיינע מוסר דרשות. און דער רבי ר' מלך ווי ער האט דאס גיהערט איז ער א היים גיגאנגען און האט זיך צו ציגעגרייט און וועג אריין און איז גיגאנגען קיין ניקולשפורג ווי ער איז אריין גיקומען צום רב דער רבי ר' שמעלקי האט ער איהם גיבעטין ער זאל איהם געבין רשות צו זאגען א דרשה האט ער איהם גיזאגט וואס וועט ארויס קומען פון אייער דרשה אז זיי ווילען נישט פאלגין איך זאג דאך זיי אלע מאהל דרשות און זיי זענין מיר נאך דערפאר גיווארין שונאים און זיי זענין זייער שלעכט. האט איהם דער רבי ר' אלימלך שטארק גיבעטין און גיזאגט. איך האף צו השי"ת אז איך וועל ביי זיי פוילין זיי זאלען בעסער ווערין. האט איהם דער רבי ר' שמעלקי גיגעבין רשות צו זאגען א דרשה. איז ער גיגאנגין און שוהל אריין און עס איז גיקומען א גרויסער עולם הערין די דרשה און ער האט זיי גידרשינט אז אויף א סאך עבירות איז דאה חלילה א עצה ווי אזוי זיי מתיר צו זיין. איז עס זיי שטארק גיפעלין דען ער האט זיי צו גיטראפין וואס זיי האבין גיוואלט. און דעם צווייטען טאג אז ער איז גיקומען און שוהל אריין איז זיך צונויף געקומען די גאנצע שטאדט אייגער האט ניט גיפעהלט דען זיי זענין שטארק גיוועזין צו פרידען פון זיין נעכטיגע דרשה. האט ער זיי הערשט אהן גיוויזען ווי נעכטין האט ער זיי נאר גיזאגט א פאלטשע דרשה און אז באמת זענין די אלע התירים נישט גיניג עובר צו זיין חלילה אויף דער מינסטער זאך און האט זיי גיזאגט מוסר אויף זייערי שלעכטי מעשים און ער האט און זיי אריינגיברענגט א הירהור תשובה אז זיי האבען אהנגעהויבען צו וויינען און האבען געזאגט אייגער צום צווייטען. אינזער רב האט אינז דאך שוין לאנג אזוי געזאגט נאר מיר האבען איהם נישט גיוואלט הארכען און מיר האבען איהם דערפאר נאך אהנגעטוהן יסורים דארפין מיר איהם יעצט גיין איבער בעטין זענין זיי אלע אריין גיגאנגען צום רב דער רבי ר' שמעלקי און האבען איהם גיבעטען אז ער זאל זיי מוחל זיין און פון היינט

הײנט אהן װעלען זײ איהם שוין פאלגען אלעס װאס ער װעט זײ זאגען דער בעל דרשן װאס איז און שוהל האט זײ אלע אופגיקלערט װי גרעכט דער רב איז:

און דער רבי ר׳ אלימלך איז גיגאנגען צום רב דעם רבי ר׳ שמעלקי און האט פון איהם גינימען רשות אהײם צו גײן און װי ער איז ארויס גיגאנגען פון שטאדט האט ער װידער גיהערט א קול װײל די האסט גיהאלפען דעם רביין ר׳ שמעלקי גיט מען דיר כח צײט פיער און צװאנציג שעה צו בענטשין װעמין די װעסט טרעפין און דײנע ברכות זאלין מקוים װערין. איז ער אזוי אב גיגאנגען שיעור די גאנצי פיער און צװאנציג שעה און ער האט נישט גיטראפין קײן שום יוד. האט ער אהנגיהויבין שטארק צו װײנען און גיזאגט רבונו של עולם די האסט מיר גיגעבין אמתנה איך זאל קענין בענטשין װעמין איך װעל טרעפין אין עס איז שוין באלד אדורך די גאנצי צײט און איך האב קײן שום יוד נישט גיטראפין איז דען דײן ברכה חלילה אהן שום ניצען:

דער װײל האט ער דער זעהן און פעלד גײן א יודינע האט ער זי אהנגיהויבין צו בענטשין שטילער הײט און איז אזוי איהר נאך גיגאנגין און גיבענטש װי די יודינע האט בעמערקט אז ער גײט איהר נאך האט זי מורא בעקומען דען זי האט גימײנט אז דאס איז א מכשף איז זי אװעק גיגאנגין און דער צװײטער זײט האט ער זי צו גיריפען און האט איהר ניזאגט האב נישט קײן מורא דען איך װעל דיר קײן שלעכטס נישט טוהן און האט זי גיפרעגט װאס איהר מסחר איז און װי זי װאהנט האט זי אים אלעס דערצײלט און ער האט זי גיבענטש מיט אלע ברכות װאס איהם איז נאר אײנגיפאלין. און די יודעני איז אהײם גיקימען האט זי דערצײלט איהר מאן אז איוד האט זי גיטראפין און פעלד און האט זי גיבענטש. און פון דעמאלט האט דער דארפסמאן שטארק מצליח גיװעזין און ער האט זיך איבער גיצויגין און שטאדט ארײן און האט זיך דארט גימאכט א גרויסען מסחר און האט גיהאט א סאך משרתים און האט אהן גיזאגט זײנע משרתים אז ביז צעהן רובל מעגין זײ געבין א נדבה און מעהר װי צעהן רובל זאלין זײ איהם פרעגין און ער איז גיװאהרין א גרויסער בעל צדקה און א מכנים אורח. און װעגין דעם יוד װאס האט זײן װײב גיבענטש איז בײ איהם גיװעזין זיכער אז דאס איז גיװעזין אלי׳ הנביא:

אײנמאהל און אצײט ארום. איז דער רבי ר׳ אלימלך מיט זײן ברודער דער רבי ר׳ זושא גיפארין אויף דער װעלט צינויף נעמין אויף

פדיון

פדיון שבוים. האָבּין זײ גיהערט אַז אין אײן שטאָדט איז דאָה אַ גביר אַ גרויסער בעל צדקה זענען זײ דאָרטין אַהין גיפארין און זענין אַרײן גיגאַנגין צום גביר און גיוועלט אַרײן האָבּין די משרתים זײ גיוואָלט געבּין אַ נדבה האָבּין זײ נישט גיוואָלט נאָר דער בעל הבית אַלײן זאָל זײ געבּין. האָבּין די משרתים זײ שוין גיוואָלט געבּין צעהן רובל וואָס אויף אַצווײט אָרט וואָלטין זײ אַלײן מעהר נישט פערלאַנגט נאָהר זײ האָבּין גיזאָגט אַז זײ ווילען דורך אויס נאָהר אַרײן גײן צום בעל הבית האָט מען זײ אַרײן געלאָזט צום בעל הבית:

אוּן ווי די גביר׳טע האט דערזעהן דעם רבּי׳ן ר׳ אלימלך איז זי חלשות געבּליבּען. דער נאך ווי מען האט זי דערמינטערט האט מען זי גיפרעגט וואס זי האט זיך אַזוי איבּער גישראָקין האט זי געזאגט ווייל זי האט דערזעהן אליהו הנביא וואס ער האט זי גיבּענטש און ער איז בּודאי גיקומען אָב נעמין דאָס עשירות. האָט מען דאָס דערצײלט דעם רבּי׳ן ר׳ אלימלך האָט ער גיהײסען זאָגין אַז זי זאָל זיך גאָר ניט שרעקין דען ער איז ניט אליהו הנביא און איז אויך נישט געקומען צו נעמין זײער עשירות פערקעהרט ער פרײט זיך וואס השי״ת האָט גיהאָלפען דאָס זײנע בּרכות זענין מקוים גיוואָרין האָט זײ דער גביר גיפרעגט וויפיהל געלד זײ דאַרפען יעצט. האָבּען זײ איהם געזאָגט פינף טויזינט רו״כ איז ער גיגאַנגען און האָט זײ אַרײן גיבּרענגט דאָס גאַנצע געלד האָבּען זײ נישט גיוואָלט נעמין דען זײ האָבּין גיזאָגט זײ ווילען מזכה זײן נאך יודען מיט דער מצוה פון פדיון שבויים און ווי די גביר׳טע האָט דערזעהן אַז זײ ווילען ניט נעמען דאָס געלד איז זי נאָך אַמאָהל גיפאַלען חלשות דען זי האָט גיזאָגט אַז און דעם איז אַ סימן אַז דאָס איז טאַקי אליהו הנביא און איז געקומען בּײ זײ צוריק אָב נעמין דאָס עשירות וואָרין אַ מענטש זאָגט דאָך זיך נישט אָב פון צו נעמין א גרעסערי נדבה. און זײ האָבען זײ גיבּעטען אַ גאנצע טאָג און דער גביר האָט גיזאָגט אַז עס גײט און פיקוח נפש דאָס ווײבּאַלד זײ וועלין נישט נעמין. וועט זײן ווײב חלילה פון צרות נישט איבּער האַלטען. האָבען זײ קוים גענומען אַ העלפט פון דער סומע וואָס זײ האָבען גידאָרפען. און זײ זענין ווײטער גיפאָהרען. און דער גביר איז גיווארען נאך רײכער און האט גיגעבען אַ סאַך צדקה. דער זכות פון הײליגען רבּי׳ן ר׳ אלימלך זאל אינז בּײשטײן אמן:

א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק זכרונו לברכה:

ווען די הייליגער ברודער דער רבי ר' אלימלך מיטין רבין ר' זושא האבען געוואנדערט אין גלות געליטען, ווען זיי פלעגען צו קומען קיין לאדמער האבען זיי געהאט א סטאנציע ביי איין ערליכען יוד ער האט געהייסען ר' אהרן דעם הייליגען צדיק ר' אהרן קארלינער'ס ברודער'ס אמחותן. און דעמאלט פלעגען זיי מעהרסטענטייל צו גיין צו פוס. דער נאך ווען זיי זענען בעוויסט געווארען פאר גרויסע צדיקים און זיי זענען געפאהרען קיין לאדמיר זענען זיי שוין געפאהרען מיט א פיהר. און די שטאדט לייט האבען זיך געדערכט אויף זייער קימען און ווי זיי זענען געקומען צו אדארף וואס עס איז געוועזען נאהנט צו דער שטאדט איז זיי א קעגען געקומען א גרויסער גביר פון שטאדט און האט זיי געבעטען אז זיי זאלען צו איהם צו פאהרען און זאלען ביי איהם האבען סטאנציע. האבען זיי איהם גיענטפערט אז ער זאל פאהרען פאר זיי ער זאל זיי ווייזען ווי ער וואהנט. איז דער גביר געפאהרען פאר זיי. און ווי זיי זענען אדורך געפאהרען פער דעם הויז פון ר' אהרנ'ען וואס זיי פלעגען האבען סטאנציע זענען זיי אריין געגאנגען צו איהם. און די פיהר האבען זיי געהייסען מיט פאהרען מיט דעם גביר. און דער גביר דורך זיין גרויסע שמחה וואס ער וועט האבען אזעלכע חשובע געסט. האט ער גאהר נישט בעמערקט אז זיי זענען אראב געגאנגען אין מיטן וועג. נאהר ווען ער איז צו געקומען צו זיין הויז און ער האט דערזעהן די ליידיגע פיהר. איז ער צוריק געלאפין און האט זיי געפרעגט פער וואס זיי האבען איהם אב גענארט האבען זיי איהם גיענטפערט מיר זענען דאך די אייגענע מענטשען וואס מיר פלעגען קומען צו פוס אלע יאהר. און מיר האבען געהאט סטאנציע ביי ר' אהרנ'ען. נאהר דאס יאהר איז ביי דיר אנייעס וואס מיר זענען געקומען מיט אפיהר נישט צו פיס ווילסט דאך נאהר דעם כבוד פון די פערד האבען מיר דיר געשיקט די פערד אבער מיר מיזען ווייטער שטיין אויף דער אלטער סטאנציע אזוי ווי אינזער טאטע אברהם האט זיך געפיהרט זכותם יגן עלינו:

אַ װוּנדערליכע מַעֲשֶׂה פון רֶבִּי'ן ר' זושא זצ"ל.

נאָך דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס פטירה זכרונו לברכה, זענען צוויי יונגעלייט געגאַנגען קיין אַניפּאָליע זיי זאָלען זעהן צו דער רבי ר' זושא איז ראוי מען זאָל פון איהם לערנען עבודת השם. און וועג זענען זיי געקומען אין אַ דאָרף וואָס עס האָט נישט געוואָהנט קיין שום יוד און אפילו דער קרעטשמער איז אויך געװעזען אַ גוי, נאָר וויל זיי זענען געװעזען זייער מיעד, האָבען זיי געמוזט דאָרט נעכטיגען, און זיי האָבען געזוכט וואַסער אויף אָב צו גיסען די הענד אַז זיי ווילען זיך און דער פריה אויפהייבען זאָלען זיי האָבען וואַסער און האָבין נישט בעקומען. האָט איינער פון זיי געזאָגט איך קען בשום אופן נישט וויטער גיין, און איך האָב דאָך געוואָלט קויפען וואַסער פאַר געלד און אַז איך האָב נישט בעקומען בין איך מעהר ניט מחויב צו טוהן, און האָט זיך אַזוי געלייגט אָהן וואַסער. דער צווייטער האָט זיך אָבער נישט געוואָלט לייגען אָהן קיין וואַסער, און ער איז געגאַנגען צו אַ צווייטען גוי און אַז ער האָט ניט בעקומען קיין וואַסער האָט ער זיך מיישב געוועזין ער וועט קויפען אַ פלאַש ביער, און ער וועט זיך וואַשען די הענד מיט ביער, און ער האָט אַזוי געטוהן, דער צווייטער ווי ער האָט זיך אויפגעהויבען און ער האָט ניט געהאַט קיין וואַסער. האָט ער זיך געטראַכט ער וועט אוודאי און וועג צי קומען צו אַ טייך אָדער אַ קוואַל וועט ער זיך וואַשען די הענד, אָבער ווי ער איז געגאַנגען האָט ער גאָהר פערגעסען און דעם אַז ער האָט זיך נישט געוואַשען און איז אַזוי וויטער גיגאַנגען:

ווי ער איז אַריין געקומען צום רבי'ן ר' זושא קיין אַניפּאַליע, האָט איהם דער רבי געהייסען שוין וואַשען די הענד דען ער האָט זיך נישט גיוואַשין און דער פריה, און האָט איהם געזאָגט די זאָלסט וויסען אַז די אַלע מדרגות וואָס די האָסט געהאַט פון דער גאַנצער צייט וואָס ביסט געוועזין ביי מיין ברודער דער רבי ר' אלימלך זכרונו לברכה האָסטו אָהנגעוואָהרען וויל די ביסט אַרום געגאַנגען מיט טמא הענד, דערפין קען מען זיך אַרויס לערנען ווי וויט אַ מענטש דאַרף זיך אָבהיטען פון דער טומאה וואָס רוהט און דער פריה אויף די הענד דען ער קען חלילה אָהנווערען אַלע זיינע פריהערדיגע מצות און קדושה:

אַ װוּנדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא זצ"ל.

דער רבי ר' זושא װען ער איז נאָך נישט געװעזען בעװוּסט אויף דער װעלט. איז ער געװעזען אַ שמש און אַ שוהל און אוסטרד. און ער פלעגט צו זאָגען תהילים גאַנצע טעג און האָט געפאַסט הפסקות דרײַ טעג דער נאָך פלעגט ער צו גײן צו װעלכין פון די שוהל בעלי בתים ער זאָל איהם געבין געלד צו קױפען ברויט. אײנמאָהל האָט ער זיך מיישב געװעזין אַז דאָס איז אויך ניט די מדה פון בטחון ער זאָל גײן צו יענעם בעטין. השי"ת קען צו שיקען אַז ער זאָל נישט יענים דאַרפין בעטין. האָט ער ביי זיך בעשלאָסען פון דעם טאָג אָהן זאָל ער שוין ניט גײן בעטין נאָר אַז השי"ת װעט אַרײַן געבין װעלכין יוד און זינען אַרײַן ער זאָל איהם געבין אַ נדבה װעט ער נעמין און אויב נישט װעט ער הינגערין. האָט ער אַזוי געטוהן און ער האָט געפאַסט דרײַ טאָג אַזוי װי זײַן שטײַגער איז געװעזען. און נאָך דעם תענית האָט ער ניט געהאַט קײן שטיקעל ברויט אָהנצובאַסען. און עס האָט איהם קײנער ניט געבראַכט דען ער פלעגט דאָך אַלײן צו קומען און רעדין װען ער האָט בעדאָרפען. און דאָס װאָס ער האָט ביי זיך בעשלאָסען האָט דאָך קײנער ניט געװוּסט. האָט ער װײטער געפאַסט ביז די כוחות זענין איהם אויסגעגאַנגען איז געװאָהרען אַ גרויסער רעש און תּימעל דאָס דער רבי ר' זושא האַלט ביי שטאַרבין פון הינגער און עס איז אין דעם גאַנצין אָרט נישט געװעזין אַ מענטש װעלכער זאָל האָבען אַ זכי' ער זאָל מחיי זײַ אַ נפש פון אַזאַ הײליגען צדיק. האָט איהם השי"ת אַ נס געטוהן און עס האָט איהם פון די זאָנשליעס אַרויס געצויגען צװײ װאָרצלין פון אײנע האָט ער געצויגען מילעך און פון אײנעם האָניג ביז דרײַ חדשים דערנאָך איז צו איהם אײנער צי געקומען און געזאָגט זושא נאַ דיר אַ זעקסער װעסטו האָבען אויף ברויט זענען די צװײ װאָרצלען אײנגעטריקענט געװאָהרין:

אַ װוּנדערליכע מעשה און אַ משל פון רבי'ן ר' זושא זכרונו לברכה:

דער רבי ר' זושא װען ער איז געװאָהרען אַ תלמיד פון הײליגען רבי'ן ר'

ר' בער זכרונו לברכה. וואס מען האט איהם גערופין דער מעזריטשער מגיד. פלעגט ער מעהרסטענטייל צו זיין און די וועלדער און פלעגט מיט גרויס התלהבות זאגין שירות ותשבחות צו השי"ת. איינמאהל האט איהם זיין ברודער דער רבי ר' אלימלך געפרעגט ברודער לעב פער וואס דארפסטו ארום צו גיין גאנצי טעג ליידיג און זיין און וואלד נישט צווישען קיין מענטשען און זאגען תהלים זיי בעסער און שטאדט און לערין און בית מדרש און פיהר זיך ווי אלע יודען. דען דער רבי ר' אלימלך איז נאך דאמאלסט קיין חסיד נישט געוועזען. האט איהם זיין ברודער דער רבי ר' זושא געזאגט איך וועל דיר דערציילען א מעשה וואס פון דער מעשה וועסטו פארשטיין פאר וואס איך מיז מיך אזוי פיהרען

אין א מדינה איז געוועזען א קייזער זייער א גוטער מענטש און ער האט באהר איינגעקלערט ווי אזוי אויס צו בעסערין די לאגע פון זיינע מענטשין און אריין צו ברענגין רייכטהום. און קענטעניסען אין דער מדינה. האבען איהם אלע מענטשין פון דער מדינה זייער ליב געהאט. און איין דארף האט געוואהנט א שמיד און וויל ער האט געוואהנט ביים טראקטאווע וועג האט ער געהאט א סאך ארבייט און ער איז שטארק רייך געווארען. נאהר קיין קינדער האט ער ניט געהאט ל"ע:

איינמאהל האט ער זיך מיישב געוועזען וואס וועט זיין מיין תכלית. געלד האט מיר דאך השי"ת גענוג געגעבין און וואס וועל איך האבין אז איך וועל נאך ארביטען. קיין שיינע מלבושים האט ער נישט ליעב געהאט צו גיין. און קיין בעסערי עסענס ווי שווארץ ברויט מיט זופ האט ער אויך נישט געקענט עסין. וואס האט ער געקעגט פער א פערגניגען האבען. נאהר וויל דער קייזער איז געוועזען זייער געליבט ביי איהם האט ער זיך בערעכינט אז עס איז נישט דאה קיין בעסערער פערגעניגען פער זיינעט וועגין ווי ער זאל קענען אהנקיקען דעם קייזער אלע מאהל. האט ער אויס פערקויפט אלע פעלדער וואס ער האט געהאט און אויך אלע שטיב זאכען. און האט מיט זיך גענומען דאס גאנצע געלד. און איז געפאהרען און דער רעזידענץ שטאדט ווי דער קייזער וואהנט און האט זיך אהן געהויבען נאך צו פרעגען אויב עס איז נישט פערהאנען עפיס א שטעלע און קייזערס הויף פער זייניט וועגען האט מען איהם געזאגט אז עס איז נישט דאה נאר איין שטעלע צו הייצען די אויוענס און קייזערס פאלאץ נאר צו דעם דארף מען אויך האבען גרויסע פראטעקציאן. און ניט יעדען מענש וואס קומט אין וויל אהנעמין די שטעלי ווערט ער צוגענימען

האט

האט ער פערשטאנען אז ביי פראטעקציאן שפילט דער עיקר ראליע געלד. איז ער גיגאנגען צו אלע גרעסטע מיניסטארען. און האט זיי צו טיילט זיין גאנץ פערמעגין. און זיי האבין איהם צו גיזאגט אז זיי וועלין זיך פאר איהם משתדל זיין אז ער זאל בעקומען די שטעלע צו הייצין די אויוועגס. און ער האט זיך זייער גיפרייד דער מיט. דען אז ער וועט הייצען די אויוונס וועט ער דאך נישט דארפין נעמין קיין רשות אריין צו גיין און ער וועט אזוי ארום קענין זעהן דעם קייזער פיהל מאהל:

און עס איז אזוי גיוועזין. ווען עס איז גיוועזען א זיצונג ביים קייזער האט האט מען גישמיעסט וועגין דעם אז מען דארף צו נעמין א הייצער ער זאל הייצען אויוועז און מען האט אויפגיגעבען דעם שמיד און ער איז בעשטימט גיווארען. און וויל ער האט דאך באר געוואלט זאהנטוהן א פערגניגין דעם קייזער האט ער זיך שטארק בעמיהעט דריגען אז דאס האלץ זאל זיין און דער מאס פינקטליך כדי עס זאל נישט זיין אמאהל צו הייס און צו קאלט. און ער האט אריין געטוהן דריגען זיינע אלע געדאנקען ער זאל צו פאסען אלע טאג לויט דער פאוויעטזע וואס איז גיוועזען און דרויסען אז די ווארים זאל זיין איינגענעהמען און דער קייזער זאל דערפין פערגניגען האבין און ער פלעגט פיהל מאהל שטיין אינטער דעם קייזערס וואנד ער זאל הערין צו דער קייזער איז צו פרידען פון דער ווארעם:

אמאהל האט זיך דער קייזער פערוואונדערט אויף דער פינקטליכער ווארים וואס עס איז און זיין פאלאץ און אויך האט ער בעמערקט אז דאס איז אזוי הערשט א קליינע צייט דען פריהער איז ניט גיוועזען די ווארם אזוי אנגענעמען ווי פון עטליכע וואכען אהן. האט ער דערפין גישמיסט מיט זיינע מיניסטארען האבין זיי איהם דערציילט אז א דארפסמאן האט אויס פערקויפט זיינע אלע פעלדער און איז געקומען און דער רעזידענץ אריין און האט צו טיילט א סאך געלד צווישען די בעאמטע אז מען זאל איהם צו לאזען הייצען דעם אויוועז און קייזערס פאלאץ. און זיין ליבשאפט צום קייזער איז אזוי גרויס דאס ער טוהט אריין זיינע אלע געדאנקען. אז די ווארעם זאל זיין צו געפאסט פינקטליך נאכען טאג עס זאל ניט זיין צו ווארעם און אויך נישט צו קאלט און ער זעגט ספעציעל צו די שטיקער האלץ אז די ווארים זאל זיין געפאסט. כדי ער זאל דעם קייזער פערשאפען פערגעניגען:

און ווי דער קייזער האט דאס גיהערט איז איהם די זאך זייער גיפעלען און ער האט שטארק ליסט געהאט איהם צו זעהן און מיט איהם צו ריידען

רעדין. און חאטש מען האט איהם געזאגט אז ער איז זייער א גראבער מענטש אהן שום בילדונג. וואס ער קען נישט פאהר קומען פאר קיין קייזער. האט דאך דער קייזער איהם געהייסען אריינרופען. דען ווי מען האט איהם דערצייילט זיין גרויס ליבשאפט צום קייזער און זיין בעמיהונג טאג און נאכט איהם צו פערשאפען פערגניגען. האט זיך ביים קייזער אויך דערוועקט א ליבשאפט צו איהם און ער האט ניט געקענט איינרוהען ביז ער וועט זיך זעהן מיט זיין אמת׳דיגען גיטען פריינד:

און ווי ער איז געקומען פאר דעם קייזער האט זיך דער קייזער מיט איהם זייער געפרייט. און האט איהם גיפרעגט וואס פאר א בעלוינונג זאל איך דיר געבין פאר דיין גרויס ליבשאפט צו מיר. האט דער מענש גיזאגט צום קייזער. איך פערלאנג ניט אז דער קייזער זאל מיך גרויס מאכען. דען ביי מיר איז כבוד ניט חשוב. אויך פערלאנג איך ניט קיין געלד דען איך האב דאך געהאט פיהל געלד און פעלדער און האב אלעס אויס פערקויפט און צו טיילט דאס געלד אבי איך זאל בעקומען עפיס א זאך מיט דיר פערגעניגען צו פערשאפען דען דיין ליבשאפט איז און מיר אזוי גרויס דאס אז איך קען דיך זעהן איז עס ביי מיר טייער ווי מיין גאנץ לעבין. נאר איין זאך וואלט איך געוואלט בעטין אז ווען עס קומט מיר אהן מיין ליבשאפט און בענקונג צו זעהן דעם קייזער זאל איך קענין אריין גיין און זעהן. איך זאל פון דעם פערגעניגען האבען. דען דאס איז ביי מיר דער גרעסטער פערגעניגען אין דער וועלט:

ווי דער קייזער האט געהערט די רייד פון זיין אמת׳דיגען ליב האבער האט ער זיך זייער געפרייט דאס ער האט אזעלכע גיטע פריינד. נאהר ער האט אבער נישט געקענט איהם זיין בקשה געבען דען דאס איז נישט ריכטיג אז אזא מענטש זאל קענען אלע מאהל אריין גיין. און עס איז אויך נישט שיין פאר מענטשין וואס ווילען זיין ביים קייזער פונקט פון פרעמדע מלוכות האט דער קייזער געזאגט צו דעם מענטש זיי ווילען דאס אזוי ווי די האסט מיך ליב האב איך דיך יעצט אויך זייער ליב בעקומען. דען איך זעה אז דיין ליבשאפט צו מיר איז א אמת׳ע. נאהר פון דעסט וועגען קען איך דיין ביטע נישט ערפילען. דען איך בין דאך א קיסר און דער כבוד איז נישט מיין נאהר דער מדינה וואס איך געוועלטיג איבער איהר און דאס איז פערוועהרט אז מען זאל צום קייזער ניט אריין קומען אלע מאהל קען איך דיר דאס נישט צייליב טוהן. דען איבער דעם האב איך נישט צו שאפין נאהר די מדינה. נאהר איך וועל דיר אזוי א עצה געבין

איך

איך וועל הייסען מאכין אַ לאָך און בעלין וואָס גייט אַריין און מיין חדר ווי איך זיץ שטענדיג און דאָרט אַריין זעצין אַ פערגרעסער גלאָז און ווען די וועסט מיך וועלין זעהן וועסטו צו געהן צו דעם לאָך און די וועסט מיך זעהן. האָט דער מענטש דעם קייזער זייער געדאַנקט דער פאַר און האָט זיך שטאַרק געפרייד וואָס עס איז ערפילט געוואָרען זיין ווינטש. און איז באַלד אַליין געלאָפען אויפן בוידעם פון קייזערס חדר און האָט אויס געבויערט אַלאָך און געקויפט פער זיין אייגען געלד אַ פערגרעסער גלאָז און עס אַריין געזעצט און דעם לאָך אַריין. און ווען עס איז אים אָהנגעקומען אַ גליסטיגג צו זעהן דעם קייזער איז ער אַרויף געלאָפין אויפען בוידעם פון קייזערס חדר און האָט דאָרט אריין געקוקט האָט ער געזען דעם קייזער: און ער האָט דערפין גרויס פערגעניגען פערנימען:

אַמאָהל האָט דער קייזער געמאכט אגרויסע סעודה. און עס זענען זיך צינויף געקומען אלע גרויסע לייט פון דער גאנצער שטאָדט און אויך דער קייזערליכער קאבינעט אלע גענערעלע און אלע מיניסטאָרען. און יעדין האָט זיך גיזעצט אויף זיין אָרט וואָס איהם איז געקומען און דעם קייזערס זוהן דער קראָנפרינץ איז גיזעסין אויוועגאָהן ביים קייזער און ווי זיי האָבען געטרינקען האָט זיך דעם קייזערס זוהן אַביסעל איבער געטרונקען און איז שיכור געוואָהרען. ווי גיוועהנליך אַ שיכורער האָט ער אָהנגעהויבען צו רעדין אַ זעלכע רייד וואָס פאַסין ניט פאַר קיין בן מלך און בפרט נאָך צווישען אַזעלכע השובי'ע געסט. איז דער קייזער דערפין פערשעהמט געוואָהרען און האָט איהם געהייסען אַרויס טרייבען פון דער סעודה און אַז ער זאָל אַ גאַנץ יאָהר נישט אָהנקיקען דעם קייזער זיין פאָטער. די זאַך איז באַלד אויסגעפיהרט געוואָהרען און מען האָט איהם אַרויס געוואָרפען פון קייזערס פאַלאַץ. ווי ער האָט זיך אויסגענ:כטערט און מען האָט איהם דערציילט פון דער גזירה וואָס דער קייזער זיין פאָטער האָט אויף איהם גוזר גיוועזין. האָט ער געהאַט דערפין גרויסע שמערצין. און ער האָט חרטה געהאַט אויף זיין שלעכטי אויף פיהרונג. און ער האָט זייער געגליסט צו זעהן זיין פאָטער דעם קייזער. אָבער דער קייזער איז גיוועזען זייער אַ שטרענגער און חאָטש אַזוי איז ער גיוועזין אַזאַ גיטער אַז זיין גלייכען איז אויף דער וועלט נישט גיוועזען. אָבער אַז מען האָט זיך ביי איהם פערזינדיגט האָט ער שטרענג בעשטראָפט. דען ער האָט פערשטאַנען דאָס לויט זיין גיטקייט ווי באַלד ער וועט ניט בעשטראָפען שטרענג די וואָס פערזינדיגען זיך און טיהען אַ פערברעך וועט די גאַנצע מדינה ווערין פיהל פערברעכער

פערברעכער. און איבער הויפט זיין זוהן דעם קרוינפרינץ האָט ער נישט געוואָלט מוחל זיין נאָר דער בן מלך האָט ניט גיקענט איבער האַלטען זיין גרויס בענקשאַפט צו זעהן דעם קייזער זיין פאָטער:

האָט איינער פון די מיניסטאָרין וואָס ער איז געוועזען אגיטער פריינד דעם קרוינפרינץ און ער האָט געזעהן זיין גרויס בענקשאפט צו זעהן זיין פאָטער דעם קייזער האָט ער איהם דערציילט אז עס איז דאָה אַ עצה ווי אַזוי ער זאָל קענען זעהן דעם קייזער היינו אַזוי ווי דער קייזער האָט ערלויבט דעס אויווען הייצער צו מאַכין זיך אַ לאָך אין דעם בעליק פון דעם חדר וואָס ער זיצט דרינען און פון דאָרט זעהט ער דעם קייזער ווען ער וויל. בכן זאָל דער קרוינפרינץ גיין צו איהם און ער זאָל איהם בעטין אַז ער זאָל איהם אויך לאָזין דאָרט אַרום זעהן דעם קייזער איז די עצה איהם זייער געפעהלין און ער האָט דעם מיניסטער זייער געדאַנקט פאַר זיין גיטע עצה. און ער איז געגאַנגען צו דעם אויווען הייצער און האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל איהם אויך לאָזין זעהן דורך דעם לאָך דעם קייזער זיין פאָטער. דען ער בענקט זייער איהם צו זעהן. האָט דער אויווען הייצער געזאָגט צו בן מלך ווי איז צו דיר בן המלך איך בין אַ נאַרישער מענטש אָהן שום בילדונג און געוואָהנט אַזוי ווי אין דאָרף איז טאַקע נישט פאסיג אַז איך זאָל אַלע מאָהל אַריין קימען צום קייזער ווען איך וויל איהם זעהן. דריבער האָט מיר דער קייזער צוליעב געטהון און האָט מיר ערלויבט צו מאַכען דאָס לאָך איך זאָל אַזוי אַרום קענען זעהן דעם קייזער ווען איך וועל גליסטען, אָבער די ביסט דאָך אַ געלערינטער מענטש און אַלע חכמות און ביסט געוואָהנט אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין דאָס פיהרעכץ אין קייזערליכען קאַבינעט. קענסטו דאָך זיין שטענדיג ביי דיין פאָטער דעם קייזער און די זאָלסט פערגעניגען האָבין פון זיין לעכטיג פנים קענסטו דיך נישט איין האַלטען פון צו בערעכענען אַלע דיינע רייד אַז די זאָלסט ניט רעדין אַזעלכי רייד וואָס זענין ניט פאַסונג פאַר דיר. און די האָסט דערמיט פערשעהמט דיין פאָטער. און ער האָט געמוזט צוליעב דיר ווייזען אַ שלעכטקייט. אַז ער האָט דיך געהייסין אַרויס טרייבין פון זיין פאַלאַץ. און די זאָלסט נישט זעהן זיין פנים אַ גאַנץ יאָהר. און אויך דיין פאָטער האָט דערפין עגמת נפש וואָס ער קען דיך ניט זעהן נאָר וייל ער וויל דאָך אַז די זאָלסט דיך שוין נאָך אַמאָהל היטען פון צו רעדין לעהרע רייד. האַלט ער זיך איין און פערנעמט די יסורים פון זיין בענקעניש כדי די זאָלסט האָבין פון דעם אַ טובה. אַלזאָ זאָלסטו אויף דיר נעמין

אז

אַז זאָלסט שוין נאָך אַ מאָהל ניט רעדין ביז די ווערסט גיט פריהער איבער רעכינען צו עס איז גלייך צו רעדין די רייד און צו זיי שטייען דיר אָהן צו רעדין און דאַמאָלט ווערסטו זיין געלויבט ביי דיין פאָטער דער קייזער און די ווערסט זיין מיט איהם צו זאַמען די ווערסט ניט דאַרפין זיכען דיין עצות איהם אָהנציקיקען דאָך אַ לאָך:

דער נאָך ווי דער רבי ר׳ זושא האָט גיקאָנטשיט די מעשה. האָט ער געזאָגט צו זיין ברודער דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך. ברודער! ברודער! די ווייסט דאָך אַז איך בין אַ גראָבער יונג איך האָב ניט און מיר קיין תורה ניט קיין חכמה. דריבער מיז איך אַרבייטען שווער אַזוי ווי יענער אויוועז הייצער אפשר וועל איך זוכה זיין אַז מען זאָל מיך לאָזען אָהנקיקען דאָך אַלאָך דעם מלך מלכי המלכים הקב״ה. אָבער ברודער. די ביסט אַגרויסער תלמיד חכם. און די האָסט גענוג אַז די זאָלסט אַכטונג געבין אויף דיין לערנין אַז די זאָלסט זיין ערליך און די זאָלסט ניט רעדין ביז די ווערסט איבער רעכינען פריהער צו די רייד וועלין עפּיס ניצען און צו עס איז ניט אַמאָהל אַזעלכעס וואָס מען טאָהר ניט רעדין. ווערסטו זוכה זיין צו זעהן דעם כבוד פון מלך מלכי המלכים הקב״ה. און די ווערסט זיין איינער פון די וואָס השי״ת איז גוזר אַ גזירה און צוליעב ווי איז ער זיי מבטל. זייער זכות זאָל אינז ביישטיין מיר זאָלען זוכה זיין צו דינען השי״ת מיטען גאַנצען הארץ אמן:

אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ זושא זצ״ל.

דער קאָוולער רב האָט דערציילט אַז איינמאָהל איז דער רבי ר׳ זושא געקומען צו זיין פאָטער דער הייליגער ר׳ מרדכי נעסכיזער זכרונו לברכה האָט ער איהם אָב געגעבען א בעזונדער חדר צו שלאָפען און ווי עס איז געקומען נאָך צוועלף ביי נאַכט האָט ער גיהערט ווי דער רבי ר׳ זושא איז אַרום געלאָפען און שטיב און האָט געשריגען רבונו של עולם איך האָב דיך זייער ליב אָבער וואָס קען איך טוהן איך קען דאָך גאָהר נישט לערנען און איך ווייס נישט ווי אַזוי דיך צו דינען אַזוי איז ער אַרום געלאָפען אַפּאָהר מאָהל אהין און צוריק איבער דער שטיב מיט אַזוי אַ ברען

אז דער נעסכיזער זכרונו לברכה וואס איז געוועזען אין צווייטען חדר און מיט איהם איז געוועזען נאך איונגערמאן האט ער געזאגט צום יונגען מאן לאמיר אנטלויפען דען ער קען אינז פערברענען מיט זיין הייליגען ברען:

נאך האט ער דערציילט אז דער רבי ר׳ זושא זכונו לברכה האט געהאט א טאג צעטיל און וואס ער האט געטהון א גאנצע טאג וואס עס האט איהם אויסגעוויזען אז עס איז נישט גלייך האט ער אויף געשריבען און ביי נאכט איידער ער איז זיך געגאנגען לייגען האט ער גענומען דאס צעטיל און איבער געלייגט. און האט דערויף גרויס תשובה געטהון און אזוי לאנג געוויינט ביז השי״ת האט איהם מקבל תשובה געוועזען און איהם דרויף מוחל געוועזן און די עבירות וואס זענען געוועזען אויף געשריבען זענען אליין אב געמעקט געווארען. זיין זכות זאל אינז ביי שטיין אמן:

א וואונדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ זושא זצ״ל.

דער רבי ר׳ זושא ווען ער איז ארום געגאנגען ליידין גלות. איז ער געגאנגען מיט א חברה ארימע לייט איז געוועזען צווישען זיי איין ארימאן וואס ער האט מיט געפיהרט מיט זיך א מיידיל און זי האט דערקענט און איהם אז ער איז א בעהאלטינער צדיק. אזוי ווי אינזערע חכמים האבען געזאגט אז א אשה דערקענט גיכער די מעלה פון א אורח ווי אמאנספערזאן, האט איינמאהל דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה געוואלט גיין עסין און ער האט זיך געוואשען איז דאס מיידיל צו געגאנגען און האט איהם דערלאנגט צום טיש א גלאז טעה. איז ער שטארק דערשראקען געווארען און איז אזוי ארויס געלאפען אפאהר וויארסט און האט מורא געהאט צו קוקען אינטער זיך. האבען איהם מענטשין גיפרעגט וואס ער לויפט אזוי האט ער זיי געזאגט עס שטייט דאך און דער משנה „והוי בורח מן העבירה״ דאס איז טייטש די זאלסט אנטלויפען פון דער עבירה דריבער אנטלויפט ער

א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא זצ"ל.

ווי בעוויסט איז דער רבי ר' זושא זכרונו לברכה ניט געוועזען מפורסם פאר קיין למדן און ש"ס און פוסקים. נאר פון דעסטוועגין איז פאר איהם ניט געוועזען קיין שום שווערע זאך און וואס מען האט איהם גיפרעגט האט ער גיענטפערט א גלייכען תירוץ וואס אלע לומדים. און אויך גאונים האבין די זאך שטארק בעווינדערט. און אלעס האט ער זוכה געוועזען דורך זיין בעטין השי"ת מיטען גאנצען הארץ. און דורך זיינע פיהל טרערען וואס ער האט פאר גאסען אז השי"ת זאל דערלייכטען זיינע אויגען און זאל איהם אנטפלעקין די ריכטיגע פשטים און די הייליגע תנאים'ס ווערטער. איינמאהל האט ער געלירענט מיט א חבר א גרויסען למדן. און ער פלעגט איהם צו פרעגען קשיות און ער האט איהם אלע מאהל גיענטפערט אזעלכי גלייכע תירוצים אז דער חבר האט זיך זייער פערווינדערט פון וואנען ער האט אזעלכע גיטע איינפאלען. און אזוי איז גיוועזען זיין אויף פיהרען אז דער חבר האט איהם גיפרעגט עפיס א קשיא איז ער אריין געגאנגען אין א בעזינדער חדר אריין און האט זיך דארט געזוימט א ווייליע דער נאך איז ער צוריק ארויס געקומען און האט איהם געזאגט א תירוץ אז ער איז געבליבען פערווינדערט פונם גלייכקייט פון דעם תירוץ:

איינמאהל האט זיך דער חבר מיישב געוועזען ער וועט איהם נאך קוקען ווען ער וועט אריין גיין און דעם חדר אריין. ווער עס זאגט איהם די תירוצים דען ער האט גירעכענט פארגעוויס בעווייזט זיך צו איהם אליהו הנביא און זאגט איהם די אלע תירוצים. ווארין עס איז ניט געוועזען קיין מענשליכער פערשטאנד. איז ער איינמאהל אריין גיגאנגען און זיין חדר אזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען און דער חבר איז צו געגאנגען און האט געקוקט דורך א שפארע פון דער טיהר האט ער גיזעהן אז זיין חבר דער רבי ר' זושא זיצט און שלאגט זיך דעם קאפף און דער וואנט און וויינט זייער שטארק אז השי"ת זאל איהם דערלייכטען די אויגען ער זאל וויסען א תירוץ אויף די קשיות וואס דער חבר האט איהם גיפרעגט. און דער נאך איז ער ארויס גיגאנגען און האט איהם געזאגט א תירוץ גאר א ווינדערליכען. און ווי דער חבר האט גיזעהן די עגמת נפש מיט די יסורים וואס ער פערשאפט דעם רבי'ן ר' זושא מיט זיינע קשיות. האט ער ביי זיך בעשלאסען ער זאל שוין מעהר ניט פרעגין דעם רבי'ן ר' זושא. און ווי זיי האבען גילערינט און עס איז איהם עפיס שווער געוועזען און ער האט ניט גיפרעגט. האט

איהם

איהם דער רבי ר׳ זושא געזאגט איך ווייס אז דאה איז דיר שווער פאר וואס פרעגסטו ניט האט איהם דער חבר אבגעלייקענט און האט געזאגט עס איז גאהר ניט שווער. און ווי דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה האט בעמערקט אז ער וויל איהם ניט פרעגען האט ער מיט איהם אויפגיהערט צו לערנען:

איינמאהל האט ער אויסגעשטרעקט די האנד צום פייער און ער האט זיך אב געבריהט. האט ער געזאגט זעהט נאר ווי זושא איז פערברענט אז ער בריהט זיך אב ביי אזא פייער און וואס וועט נאך זיין און גיהנם ח״ו השי״ת זאל אב היטען פון אלעם ביינז אמן:

א וואונדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ זושא זצ״ל.

עס איז בעוויסט צווישען חסידים אז עס האט זיך איינמאהל געטראפען א שרעקליכע טרעפונג דאס איינער איז ל״ע געשטארבען און אין צווייטען טאג איז ער געקומען צו זיין זוהן צום חלום אז ער זאל זיך שמאדען ר״ל און ווי דער שטייגער האט ער זיך דאס ערשטע מאהל גאהר נישט געמאכט דערפון און ער האט געטראכט אז דאס איז א נארישער חלום. אבער עס האט זיך איהם א סאך מאהל אזוי געחלומט און דער פאטער פלעגט צו איהם צו קימען מיט א גרויסער געשריי און געבייזער פאר וואס ער שמדיט זיך נישט ר״ל. ביז ער האט שוין נישט געקענט שלאפין דען אזוי ווי ער האט נאהר צו געמאכט די אויגען האט זיך איהם געדאכט אז דער פאטער בייזערט זיך און שרייט אויף איהם און ער איז פון טאג צו טאג געווארען שוואכער דען ער איז נישט געשלאפען און ווען ער איז געשלאפען האבען איהם די שלעכטע חלומות מצער גיוועזען און וייל ער איז געוועזען אתלמוד פון ווילנער גאון זכרונו לברכה איז ער געגאנגען צום גאון און איהם דערצייהלט די צרות זיינע מיט די חלומות. אבער ער האט איהם גאהר נישט גיענטפערט נאהר ער האט איהם געהייסען זיצען און לערנען בהתמדה:

און וייל דעמאלט איז בעוויסט געוואהרען דער רבי ר׳ זושא פאר א גרויסען צדיק און אז וואס ער זאגט טוהט מען איהם צוליעב און הימעל האט זיך

זיך דער מענטש איבער געדרעכענט האָט ער איז אַ מתנגד פינדעסטוועגין וועט ער פריוועך גיין צום רבין ר׳ זושא אפשר וועט ער איהם קענען העלפען. און ווי ער איז געקומען צום רבין ר׳ זושא זכרונו לברכה האָט ער איהם געזאָגט ער זאָל זיך גאָהר נישט שרעקין. נאָהר ער זאָל אַהיים פאָהרען אויף גראָבען זיין פאָטערס קבר וועט ער זעהן אַז און דעם קבר. ליגט צווי שטיקלעך האָלץ וואָס זענען און דעם פאָהרים פון אַ עתי וערב וואָס דיא חברה האָבען איהם בעגראָבען און זיין האָבען זיך זייער געיאָגט האָבען זיי נישט ווילענדיג אַזוי ארויף געוואָרפען די ברעטלעך און ער זאָל די ברעטלעך אַרויס נעמען וועט ער שוין פון דעמאָלט אָהן חלילה נישט האָבען קיין שלעכטי חלומות.

דער מענטש איז באַלד פריילך אַהיים געפאָרען דען ער האָט שוין געשפירט אַז מיט השי״ת הילף איז ער געהאָלפען. און ווי ער איז אַהיים געקומען האָט ער באַלד אויסגעגראבען זיין פאָטערס קבר און ער האָט טאַקע געפינען אַז עס איז געלעגען די צווי ברעטלעך אַזוי ווי דער רבי ר׳ זושא האָט געזאָגט און ער האָט זיי אַרויס גענומען. און פון דעמאָלט איז ער רוהיג געשלאָפען און די בייזע חלומות האָבען איהם שוין נישט איבער געשראָקען און ווי די שטאָדט לייט זענען געוואָהר געוואָרען פון דער מעשה האָבען אַלע מענטשין זיך זייער פערוואונדערט פין דעם רוח הקודש וואָס עס איז דאָה און רבי׳ן ר׳ זושא ביז די זאַך איז אָהנגעקומען צום ווילנער גאון זכרונו לברכה האָט זיי דער ווילנער גאון געזאָגט אַז די זאַך געפינט זיך און ירושלמי נאָהר איהם וואונדערט דאָס לויט ווי ער האָט געהערט איז דאָך דער רבי ר׳ זושא נישט קיין למדן פון וואַנען ווייסט ער פון דעם ירושלמי אוז ווי מען האָט דאָס אָב דערציילט דעם רבי׳ן ר׳ זושא האָט ער געזאָגט אמת זושא איז אַגראָבער יונג און ווייסט גאָהר נישט וואָס און ירושלמי שטייט אָבער השי״ת וואָס האָט דאָס מגלה געוועזען דעם ירושלמי האָט זושא אויך מגלה געוועזען זכותו יגן עלינו:

אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ זושא זצ״ל.

איינמאָהל ווען דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה האָט געוואַנדערט אויף דער וועלט איז ער גיוועזען און אַ דאָרף וואָס דער קרעטשמער איז

איז געוועזען א ארימאן און ער האט שוין עטליכע ראטעס נישט געצ..
בעצאהלט און דאמאלס האט ער ווידער געדארפען און א פאהר וואכען
ארום צאהלען דעם פריץ א ראטע און ער האט ניט געהאט. און דער פריץ
האט איהם געשיקט זאגען אויב ער וועט איהם דאס מאהל אויך נישט
בעצאהלען וועט ער איהם לאזען איינזעצען און ער וועט איהם ניט צולאזען
קיין עסין ביז ער וועט מוזען שטארבען פון הינגער ח״ו איז דער קרעטשמער
מיט זיינע ווייב און קינדער געזעסען און געוויינט זייער ביטער. ווי דער
רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה איז אריין געקומען האט ער זיי געפרעגט וואס
זיי וויינען האבען זיי איהם ניט געוואלט דערציילען דען זיי האבען געזאגט
וואס קען ער זיי העלפין אז ער אליין איז א ארימאן. אבער דער רבי ר׳
זושא האט זיי זייער געבעטען וואס וועט דען קאליע מאכען אז זיי וועלען
איהם דערציילען, האבען זיי איהם דערציילט זייער גאנץ ארימקייט און אז
יעצט האלט עס שוין ביי סכנות נפשות ר״ל. האט זיי דער רבי ר׳ זושא
געטרייסט און געזאגט זארגט ניט. און א פאהר וואכען קען אייך השי״ת
העלפין אז איהר זאלט האבען צו בעצאהלען. און ביי זיך האט ער בעשלאסען
אהנצוהייבען קלויבען פערזייערט וועגען געלד:

איינמאהל איז ער געקומען און א שטאדט אריין און איז אריין געקומען
צו א גרויסען גביר נאך א נדבה איז דער גביר ניט געוועזען
און דער היים. האט מען איהם געוואלט געבין א קליינע נדבה האט ער געזאגט
דאס ער דארף אויף פדיון שבויים און די צייט איז שוין קארץ מיז ער
האבען גרעסערע נדבות ער זאל קענין די יודען אבראטיווען. האבען זיי
איהם געהייסען אריין גייען און דער צווייטער שטיב אריין אוןווארטין ביז
דער גביר וועט קומען. ווי ער איז אזוי געזעסען האט ער געזעהן אז עס
שטייט א שטייגעל מיט פייגעלעך און די פייגעלעך זענין אלע מאהל צו
געלאפען צו א אנדערע שפארען פון שטייגעל און האבען אריין געשטעקט
דעם קאפף גלייך ווי זיי ווילען דאה ארום ארויס פליהען אבער זיי האבען
ניט געקענט. זענען זיי צוריק געפלויגען. איז דעם רביין ר׳ זושא איינגעפאלין
צו קלערען די לאגע פון די פייגעל. וואס זיי זענין אריין געפאלען צו דעם
מענטש און שטייגעל און זיי ווילען ארויס פליהען און דער וועלט אריין
און פריבען אלע מאהל זייער הצלחה אפשר וועלין זיי דאך קענין ארויס.
און זיי האבען געוויס דערפין עגמת נפש. האט ער זיך בעקלערט ער גייט
בעזארגען די מענשין וואס זענין נאך ניט אריין געפאלען און דעם געפענגעניש
און דאה קען ער דאך מציל זיין א זעלכי וואס זענין שוין געפאנגען. און ווי

ער

ער האט אזוי גיקלעהרט איז ער צו געגאנגען צום שטייגעל און האט גיעפינט דאס טוהרל און די פייגעל זענען זיך באלד צו פלויגען. און דער רבי ר׳ זושא האט דערפין זייער הנאה געהאט :

און ווי דער בעל הבית איז אהיים געקומען האט ער געזעהן אז דאס שטייגעל איז אפען און די פייגעל זענען נישטא האט ער אהנגעהויבען צו שרייען אויף בני בית ווער עס האט ארויס געלאזט די פייגעל פון דער שטייג. האבען זיי געזאגט אז דער מענטש וואס זיצט און דער צווייטער שטיב, איז ער ארייו געלאפען און דער צווייטער שטיב אריין און האט געגעבען א געשרייא צו זענט איהר משוגע וואס איהר האט ארויס געלאזט די פייגעל פון דער שטייג וואס איך האב פון זיי דעם גרעסטען פערגעניגען געהאט. האט איהם דער רבי ר׳ זושא גיענטפערט עס שטייט דאך און תהילים „ורחמיו על כל מעשיו״ דאס איז די טייטש, השי״ת רחמנות איז אויף אלע זיינע בעשעפענישען און מיר יודען דארפין דאך גייען און השי״ת וועגין דריבער האט מיך דאס רחמנות איבער גענומען איך זאל זיי ארויס לאזען. איז דער מענטש נאך בייזער געוואהרען דען ער האט דאס גאהר נישט פערשטאנען. און אויך האט איהם פערדראסען פלוצלינג א יוד א ארימאן וואס קומט ביי איהם בעטען א נדבה קומט ער אריין און פארעט זיך ביי איהם אין שטיב און זאגט איהם גאר נאך מוסר. האט ער אהנגעהובען דעם רבי׳ן ר׳ זושא צו שלאגען זייער מערדערליך. האט איהם דער רבי ר׳ זושא געזאגט די זאלסט וויסען אז איך האב יעצט מקיים גיוועזען די מצוה פון פדיון שבוים. און איך גיי ארום זאמלען געלד אויך אויף דער מצוה פון פדיון שבוים. און די ווילסט מיר ניט געבין קיין נדבה און די האסט מיך נאך געשלאגען. זאלסטו וויסען אז השי״ת וועט זיך פאר מיר אהנעמען און דיין גאנץ רייכטהום וועט פון דיר פערלוירען ווערין און די וועסט זיין א ארימאן וועסטו מיזען גיין בעטען אין די הייזער א שטיקעל ברויט ר״ל. און דער רבי ר׳ זושא איז אוועק געגאנגען און זיין וועג און האט געשאפט די סומע געלד. וואס דער קרעטשמער האט גענדארפען און האט איהם אינטער געווארפען ער זאל ניט וויסען פון וואנען דאס איז. און דער קרעטשמער האט אב גיגעבען א לויב צו השי״ת וואס ער האט איהם געהאלפען פון זיין נויט :

און א צייט ארום זענען דער רבי ר׳ זושא מיט זיין ברודער דער רבי ר׳ אלימלך גיזעסען. איז אריין געקומען א ארימאן האט דער רבי ר׳ זושא געזאגט דאס איז דער ארימאן וואס איך האב איהם מעניש גיוועזין

און

אַן האָט איהם דערצײלט די גאַנצע מעשה. און זײ האָבען דעם אָרימאַן גיפרעגט צו ער איז אַ איבּיגער הײזיר גײער. האָט דער אָרימאַן אָהנגעהובען צו װײנען און האָט זײ דערצײלט אַז ער איז גיװעזען אַגרױסער גביר. נאָר אײנמאָהל איז צו איהם געקומען אַ אָרימאַן און האָט געזאָגט אַז ער נעמט צוריק געלד אױף פדיון שבוים און ער איז ניט גיװעזען און דער הײם האָט דער אָרימאַן געװאַרט און שטיב דערװײל האָט ער אַרױס געלאָזט די פײגעל פון דעם שטײגעל װי זײ זענען געשטאַנען און װי ער איז געקומען האָט איהם פערדראָסען און ער האָט דעם אָרימאַן געשלאָגען. און דער אָרימאַן האָט געשאָלטען ער זאָל אָרים װערען ר״ל און אַזױ װי דער אָרימאַן איז אַװעק געגאַנגען האָט בײ איהם זײן גאַנץ פערמעגין אָב גיברענט. השי״ת זאָל אינז אָבהיטען פון אַלעס בײזען אמן:

אַ װוּנדערליכע מעשה פון רבּי׳ן ר׳ זושא זצ״ל.

װען דער רבּי ר׳ זושא מיטען רבּי׳ן ר׳ אלימלך זכרונם לברכה האָבען געװאַנדערט זענען זײ אַמאָהל געקומען און אַ דאָרף און אַ קרעטשמע אַרײן און עס איז פונקט און דער קרעטשמע גיװעזען אַ חתונה. און די אַלע בעלי עגלה יונגען װאָס זענין דאָרט אַ דורך געפאָהרען האָבען דאָרט גינעכטיגט צוליעב דער חתונה. און זײ האָבען דאָרט געשיכורט און געטאַנצט און דער רבּי ר׳ זושא מיטען רבּי׳ן ר׳ אלימלך זענין גיזעסען און אַ װינקעלי דער רבּי ר׳ אלימלך איז גיזעסען בײ דער װאַנד און דער רבּי ר׳ זושא לעבין איהם. און װי די חברה האָבען זיך גיט אָהנגעשיכורט האָבען זײ גענימען טאַנצען און נאָך יעדען טאַנץ האָבען זײ גענימען דעם רבּי׳ן ר׳ זושא און אַנידער געלײגט אױף דער פאָדליגע און געשלאָגען. און דערפין געמאַכט אַ גישפעט. און װי דער רבּי ר׳ אלימלך האָט גיזעהן אַז מען נעמט אַלע מאָהל דעם רבּי׳ן ר׳ זושא. האָט ער איהם גיבעטען אַז ער זאָל גײן און װינקעל אַרײן און איהם זאָל ער לאָזען און עק. כדי אַז זײ װעלין קומען נעמין צום שלאָגען זאָלען זײ נעמין דעם רבּי׳ן ר׳ אלימלך ניט דעם רבּי׳ן ר׳ זושא. און װי די חברה האָבין געטאַנצט האָבען זײ זיך איבער געבּיטען

מיט

מיט די ערטער. און ווי זיי האבען אב געטאנצט זענען זיי צו געגאנגען בעמין דעם רבי'ן ר' אלימלך צו שלאגען דען ער איז דאך יעצט גיזעסען דער ערשטער. האט זיך איינער פון דער חברה אהנגערופען עס איז דאך ניט קיין יושר אז מען זאל אלעס שלאגען איינעם. יעצט דארף מען נעמען דעם צווייטען וואס זיצט די גאנצע צייט און ווינקעל זא' ער אויך גידענקען אז ער איז גיוועזען אויף דער חתונה. און וויל זיי זענען גיוועזען שיכור האבען זיי ניט בעמערקט אז דאס איז דער אייגינער נאר זיי האבען יעצט זיך געטוישט מיט די ערטער. און האבין נאך אמאהל גענימען דעם רבי'ן ר' זושא און אנידער געלייגט אויף דער פאדלאגע און געשלאגען. דער נאך ווי דער רבי ר' זושא האט זיך אויף געהויבען און אנידער גיזעצט אויף דער באנק האט ער געזאגט צום רבי'ן ר' אלימלך נו ברודער זעהסטו אז ווער עס דארף בעקומען קלעפ. קען זיך ניט בעהאלטען און ווי ער איז זיכען איהם די קלעפ אב. השי"ת זאל אינז אב היטען פון כל מיני שלעכטס אמן:

א וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא זצ"ל.

דער רבי ר' זושא ווען ער האט גיזעהן א מענטש האט ער באלד און איהם דערקענט אלע זיינע מעשים און ווען און ווי ער האט זיי געטוהן. איינמאהל איז ער געקומען און א דארף אריין האט ער דערקענט. און דעם בעל הבית אז ער איז פיהל מיט זייער גראבע עבירות ר"ל. און ווי עס איז געקומען ביי נאכט האט דער רבי ר' זושא זיך א נידער גיזעצט אויף דער פאדלאגע און האט גענימען דאס תהלים און האט אהנגעהויבען צו זאגען און שטארק צו וויינען און געשריגען זושא. זושא. ווי לאנג נאך וועסטו קיין תשובה ניט טוהן דאמאלט האסטו געטוהן אזא עבירה אויף דעם ארט און דאמאלט האסטו געטוהן א אנדערע עבירה אויף א אנדער ארט. און האט אזוי אויס גירעכינט אלע עבירות וואס דער דארפסמאן דער בעל הבית האט געטוהן און האט אויף זיי שטא"ק געוויינט:

און ווי דער בעל הבית האט גיהערט דעם רבי'ן ר' זושא אויסרעכינען די אלע עבירות וואס ער האט געטוהן. און יעדער עבירה אויף וועלכען ארט

ארט. און אלע סימנים. איז ער שטארק דערשראקען געווארען. און האט זיך געהך אויף געהויבען פון בעט און האט אהנגעהויבען זייער צו שרייען די אלע עבירות האב איך געטוהן און וויי איז מיר וואס איך האב מיך גילאזט אזוי איבער רעדין פון יצר הרע. און האב אזוי פיהל דערצערינט השי״ת. און דער רבי ר׳ זושא האט איהם געטרייסט און האט איהם גיזאגט אז ווי באלד ער וועט תשובה טוהן וועט איהם השי״ת אלעס מוחל זיין. און דער דארפסמאן איז אזוי גיזעסען לעבין איהם אויף דער פאדלאגע א גאנצע נאכט און האט געוויינט און זיך געהאקט און קאפף אריין אויף זיינע גרויסע עבירות און דער פריה ווען דער רבי ר׳ זושא האט זיך צו געגרייט שוין צום אוועק גיין. איז דער דארפסמאן מיט איהם מיט געגאנגען. און ער האט פון איהם גילערינט ווי אזוי ריכטיג תשובה צו טוהן און ער איז דערנאך געווארען א גרויסער ערליכער יוד. השי״ת זאל אינק העלפין אז מיר זאלען זוכה זיין צו טוהן תשובה מיטען גאנצען הארץ. און מיר זאלין שטענדיג גייען און זיינע גיטע וועגען און טוהן א נחת רוח פאר השי״ת און מיר זאלין זוכה זיין צו אלעס גיטען אמן:

א ווינדערליכע מעשה פון רבי׳ן ר׳ זושא זצ״ל

איינמאהל איז דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה געפאהרן קיין אוקראנא און עהר האט גידארפען ארורך פאהרען דורך דער שטאט באר וואס איז אין אוקראנא. נאר ווייל די שטאדט באר איז געוועזען שטארק פעדארבען. און עס איז אין איהר געוועזען א סאך אויסגעלאסענע און אפיקורסים ר״ל האט עהר זיך אויסגענומען מיט דעם בעל עגלה אז עהר זאל נישט פאהרען דורך דער שטאדט נאהר ער זאל פאהרען און דער זייט און דער פאר וועט עהר איהם מעהר בעצאלען נאהר עהר האט איהם אנגעזאגט למה״ש ער זאל נישט משנה זיין און פאהרען דורך דער שטאדט דאן וועט עהר איהם שעלטען און וועט אוודאי נישט האבען קיין גוטען פסק דער פאר. דער בעל עגלה האט איהם צו געזאגט אז עהר וועט פאהרען און דער זייט און עהר וועט ניט אדורך פאהרען די שטאדט באר:

און

תפארת האחים

און וויא זיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען דָארט ווי די ווֶעגֶען שיידֶען זיך. איז דֶער רבי ר׳ זושא אַנטשלָאפֶען גֶיוואָרֶען און עֶס איז אָהנגֶעפַארֶען אַפִיהר וואָס דֶער רבי ר׳ משה פשֶעוואָרסקֶער איז גֶיפאָהרֶען און דֶער בעל עגלה האָט גֶעקֶענט דֶעם רבין ר׳ משה פשֶעוואָרסקֶער ז״ל איז עֶהר אַראָב גֶעשפּריגגֶען פון דֶער פיהר און איז צו גֶעגאַנגֶען שלום נֶעהמֶין פון דעם רבין ר׳ משה פשֶעוואָרסקֶער זכרונו לברכה. האָט ר׳ משה גֶעפרֶעגט דֶעם בעל עגלה ווֶער עֶס פאָהרט מיט איהם האָט דֶער בעל עגלה גֶיעֶנטפֶערט דֶער רבי ר׳ זושא פון אָניפּאָליע האָט איהם דֶער רבי ווידֶער גֶעפרֶעגט ווי אַ הין עֶר פאָהרט האָט עֶר איהם גֶעזאָגט אין ווֶעלכֶער שטאָדט אַריין עֶהר פאָרט האָט אים דֶער רבי גֶעפרֶעגט צו עֶר ווֶעט אַ דורך פאָהרֶען דורך דֶער שטאָדט „באַר" האָט עֶר גֶעזאָגט אַז ניֶשט דֶען דֶער רבי ר׳ זושא האָט זיך מיט איהם אַזוי אויסגֶענומֶען און עֶהר האָט איהם דֶער פאַר צו גֶעזאָגט צו גֶעבֶען טייעֶרֶער אַז עֶר זאָל פאָהרֶען און דֶער זייט און נישט דורך דֶער שטאָדט און אויב עֶר ווֶעט אַנדֶערשט טוהן און ווֶעט פאָהרֶען דורך דֶער שטאָדט ווֶעט עֶהר ביי איהם נישט אָהנעֶמין קיין שום תירוץ נאָר עֶר ווֶעט איהם שעֶלטֶען און עֶר ווֶעט חלילה נישט האָבֶען קיין גוטֶען סוף:

האָט דֶער הייליגֶער רבי ר׳ משה פשֶעוואָרסקֶער גֶעזאָגט צו דֶעם בעל עגלה, און איך זאָג דיר אָהן אַז די זאָלסט טאַקֶע יאָה פאָהרֶען דורך דֶער שטאָט באַר און איך זאָג דיר צו אַז עֶס ווֶעט דיר גאָהר נישט זיין דֶען דֶער רבי ר׳ זושא ווֶעט דיך נישט שֶעלטין. אָבֶער ווי באַלד די ווֶעסט נישט פאָהרֶען דורך דֶער שטאָדט ווֶעל איך דיך שֶעלטֶען און פון דֶעם ווֶעסטו אוודאי נישט קיין גוטֶען סוף האָבֶען. האָט זיך דֶער בעל עגלה ניט גֶעוויסט וואָס פאַר אַ עצה צו טוהן דֶען ער האָט גֶעוויסט אַז זיי זֶענֶען ביידע גרויסֶע צדיקים. און ביידֶעס ווֶערטֶער האָט עֶר דאָך ניט גֶעקֶענט מקיים זיין האָט עֶר זיך מיישב געווֶעזֶען דֶער אמת איז דאָך דֶער ווֶעג דורך דֶער שטאָדט איז בֶעסער צו פאָהרין. און דֶער רבי ר׳ משה פשֶעוואָרסקֶער האָט איהם צו גֶעזאָגט אַז דֶער רבי ר׳ זושא ווֶעט איהם ניט שֶעלטֶען אין ווי באַלד עֶר ווֶעט נישט פאָהרען דורך דער שטאָדט ווֶעט אים דֶער רבי ר׳ משה פשֶעוואָרסקֶער יאָה שֶעלטֶען. און דֶער רבי ר׳ זושא האָט שוין גֶעהאַט בֶּעצאָהלט פוהרמאַנקֶע וואָס שטעלט עֶר איין אַז עֶר ווֶעט יאָה פאָהרֶען דורך דֶער שטאָדט. איז עֶר געפּהאָרין און דֶעם וֶועג וואָס מען דאַרף אַדורך פאָהרען דורך דֶער שטאָדט. און דֶער רבי ר׳ משה פשֶעוואָרסקֶער איז געפאָהרֶען און דֶעם שטֶעטיל דֶער לֶעבין

און

און ווי דער רבי ר׳ זושא האָט זיך אויף געכאַפּט האָט ער געזעהן אַז זיי פאָהרען אויף דעם וועג וואָס מען דאַרף אַ דורך פאָהרען די שטאָדט און דער בע״ג האָט זיך געמאַכט שלאָפענדיג און האָט געלאָזט גיין די פערד אַליין. האָט דער רבי ר׳ זושא אָהנגעהויבען צו שרייען אַזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען אַז ער האָט אַלעס אַרויף געלייגט אויף זיך און ער האָט אָהן געהויבען צו שרייען רשע זושא. רשע זושא. ווי גייסטו פאָהרען דורך אַזאַ שמא אָרט. האָט זיך דער בעל עגלה געמאַכט גלייך ווי ער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף. און האָט גענומען די לייצען און דער האַנד אַריין און האָט זיך פערענטפערט אַז ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען און די פערד זענען אַליין געגאַנגען און ער איז גאָר ניט שולדיג דרינען. און אויב דער רבי וויל וועט ער אויסדרייען און צוריק פאָהרען. מיט אַ זייטיגען וועג אַזוי ווי דער רבי האָט איהם געהייסען. נאָר עס איז שוין אָבער געוועזען פאַר נאַכט שפּעהט און אויב ער זאָל געוועזען צוריק פאָהרען וואָלט זיי געוועזין אויסגעקומען צו פאָהרען ביי נאַכט און דער רבי ר׳ זושא האָט זיך געפיהרט אַז ער איז ניט געפאָהרען ביי נאַכט האָט איהם דער רבי ר׳ זושא געזאָגט יעצט צוריק פאָהרען מיט אַ אַנדערין וועג צו פאָהרען איז ניט מעגליך דען איך וועל בשום אופן ביי נאַכט ניט פאָהרען. נאָר דאָס מיזטו מיר צו זאָגען אַז ווי מיר וועלין קומען נאָהנט פון דער שטאָדט זאָלסטו גיין פאָהר אויס און שטאָדט אַריין. און אויס זיכען פאַר מיר און וועלכין אינטער געסיל אַ סטאַנציע כדי די שטאָדט מענטשין זאָלען ניש וויסען אַז איך נעכטיג און שטאָדט. און איך זאָל אויך האָבען אַ בעזינדער חדר פאַר מיינין וועגען. האָט איהם דער בעל עגלה צו געזאָגט. און ווי זיי זענין געקומען נאָהנט פון שטאָדט איז דער בעל עגלה אַריין געגאַנגען און שטאָדט אַריין און האָט אויס געזיכט פאַרען רבין ר׳ זושא אַ סטאַנציע און אַ אינטער געסיל. נאָר קיין בעזינדער חדר האָט ער ניט בעקומען. און זיי זענען באַלד צו געפאָהרען צו דער סטאַנציע. און ווייל עס איז ניט געוועזען קיין בעזינדער חדר. איז דער רבי ר׳ זושא אַרויף געגאַנגען אויפ׳ן פיעקילעק און איז דאָרט געלעגין כדי עס זאָל איהם קיינער ניט בעמערקען:

אָבער איידער ער איז נאָך געקומען און שטאָדט אַריין זענען שוין די שלעכטע מענשען פון שטאָדט געוואָהר געוואָרען אַז דער רבי ר׳ זושא פאָהרט און זיי האָבען גוט נאָכגעקוקט ווי ער וועט צו פאָהרען ער זאָל דאָרט נעכטיגען. און זיי האָבען אויסגעקליבען פון זייער חברה פיער פּערזאָן וואָס זיי זענען געוועזען די אויסגעלאַסענסטע און בעוויסט מיט

זייערע שלעכטע מעשים. אין אויך א גויה א מופקרת ר״ל און זיי האבען זיי געשיקט צום רבין ר׳ זושא׳ס סטאנציע אז זיי זאלען איהם מצער זיין מיט זייערע שלעכטע מעשים. און ווי די פינעף חברה לייט זענען דארט אריין געקומען און האבען אנגעהויבען צו טאנצען אין צו שטיפען מיט דער גויה און זיי האבען זיך געזעצט א קייגען דעם רבין ר׳ זושא שפילען אין קארטען, האט דער רבי ר׳ זושא נישט געקענט אויסהאלטען, אין האט אהן געהויבען צו שרייען אזוי ווי זיין שטייגער מיט א גרויס התלהבות רשע זושא וואס וועט זיין דיין תכלית געדענק ווי פיעל די האסט דערצערינט השי״ת און וויפיעל עבירות די האסט געטוהן, דעמאלט האסטו געטוהן אויף יענים ארט אזוי א עברה, און א אנדערט מאהל האסטו געטוהן אויף א צווייט ארט א אנדערע עברה אין אזוי האט ער אויסגירעכענט ביסלעכווייס אלע עבירות וואס די פיער פערזאן האבען געטוהן ביי זייער גאנץ לעבען ביז דעם טאג, און האט דער ביי זייער שטארק געוויינט. און די פיער פערזאן וואס זענען דארט געזעסען האבען געשפירט און זיך אז דער רבי ר׳ זושא איז ריין דער פון נאר ער איז דער זינדיגער און דער רבי ר׳ זושא ווייסט אזוי אלעס וואס. אין ווי. זיי האבען געטוהן די גרויסע עבירות:

און דער נאך האט ער אנגעהויבען צו שרייען צו מיינסטו טאקע אז קיינער ווייסט נישט דיינע גרויסע זינד. וואס וועסטו טוהן ווען די וועסט שטארבען דען די וועסט דאך נישט אייביג לעבען. און די וועסט קומען פאר דעם בית דין של מעלה וואס זיי ווייסען אלע דיינע עבירות דען זיי זענען פערשריבען אויף דיינע ביינער און עס ווערט נישט פערגעסען, נאר פער אזוי א זינדיגען מענש ווי די דאכט זיך אז עס ווייסט קיינער נישט אין זיי וועלען דיך משפט׳ען לויט דיינע מעשים און מען וועט דיך איבער געבען צו דער מלאכי חבלה וואס זיי וועלען ווארפען דיין נשמה אזוי ווי א שליידער שטיין און די וועסט נישט האבען קיין רוה. און האט נאך געזאגט א זעלכע שרעקעדיגע ווערטער וואס זיי קענען צו ברעכען אפילו א זעלכען וואס זיין הארץ איז פערשטיינערט פון פיעל עבירות און עס מאכען צו גייען ווי וואקס און ער האט דערביי זייער שטארק געוויינט

און ווי די חברה לייט האבען געהערט זיינע הייליגע רייד. האבען די רייד אויף זיי געמאכט א גרויסען איינדריק. און זייער הארץ איז צו גיגאנגען ווי פיטער ביים פייער. און זיי האבען אויף אהנגעהויבען צו שרייען און צו וויינען און האקען זייערע קעפף און דער וואנד. און האבען געזאגט מיר

ווייסען

ווייסען אַז די אַלֶע שלעכטע מעשים וואָס דער הייליגער רבי האָט אויס גירעכינט איז דער רבי פון זיי ריין. נאָר מיר זענען די זינדיגער פון די אַלֶע גרויסע זינד. און מיר האָבען חרטה אויף אינזער שלעכט אויפיהרונג ביזען היינטיגען טאָג און מיר בעטען דעם רבי׳ן ער זאָל רחמנות האָבען אויף אינזערע נשמות און זאָל אינז אַרויס געבין אַ תשובה אויף אינזערע גרויסע זינד און פון היינט אָהן וועלין מיר שוין גיין און גוטען וועג. און ווי די מופקרת וואָס איז מיט זיי געקומען, האָט גיזעהן זייער גרויס עגמת נפש און האָט גיהערט זייערע געוויינען און געשרייען. איז זי פון זיי אַוועק געגאַנגען. און זיי זענין דאָרט געבליבען זיצען דען זיי האָבען זיך ניט גיקענט רוהרען פון דעם אָרט אַזוי איז זייער האַרץ צובראָכען געוואָרען:

און דער רבי ר׳ זושא האָט ווייטער אָהנגעהויבען צו רעדין צו זיך און געזאָגט. זושא. זושא. וואָס מיינסטו מיט די פאָהר ווערטער ביסטו שוין יוצא. און עס וועט שוין גענוג זיין תשובה אויף דיינע שווערע זינד. און די אַליין ווייסט דאָך אַז די רעדטס נאָר מיטען מויל און אין האַרץ האָסטו ניט אַזוי און זינען, און אפילו אויב די רגע איז און דיין האַרץ אַריין געגאַנגען די שטראָף רייד און אַ מינוט אַרום אַז די וועסט נאָר אַרויס גיין און גאַס אַריין צו דיינע שלעכטע חבירים וועסטו אַלעס פערגעסען און וועסט צוריק גיין און דיינע שלעכטע וועגען וואָס ביסט געגאַנגען ביז אַהער. דריבער וועט דיר השי״ת מיט די פאָהר ווערטער ניט פערגעבען דיינע פיהל עבירות וואָס די האָסט געטוהן מיט אַזאַ קליינע תשובה וואָס מיט דער רגע איז זי געקומען. און אין אַ רגע וועט זי אַוועק גיין. און עס וועט זיין גלייך ווי עס וואָלט זיך גאָר ניט אָהנגעהויבען. האָבען איהם די מענטשין גיענטפערט רבי מיר זאָגען אייך צו דאָס מיר וועלין שוין זיך קיינמאָהל ניט אומקערען צו אינזערע שלעכטע מעשים. און מיר ווילען אמת׳דיג מיט דעם גאַנצען האַרץ תשובה טוהן, און מיר וועלען זיך ניט אומקערען צו אינזערע חבירים צייטען זיי וועלען אויך אַ וועק וואַרפען זייערע שלעכטי מעשים און וועלין אויך תשובה טוהן. נאָר מיר בעטען דעם הייליגען רבין ער זאָל אינז אַרויס געבין א תשובה און מיר וועלען האלטען אלעס וואס דער רבי וועט אינז הייסען. און ווי דער רבי ר׳ זושא האָט גיזעהן אַז זיי מיינען טאַקע אמת׳דיג תשובה צו טוהן האָט ער אָב גיגעבען אַ לויב צו השי״ת וואָס ער האָט איהם מזכה גיוועזען אַזעלכע אויסגעלאַסענע מחזיר בתשובה צו זיין. און איז אַראָב געגאַנגען פון פיעקילעק. און האָט זיי מסדר גיוועזען ווי זייערע תשובות דאַרפען זיין יעדער אויף וואָס ער האָט געזינדיגט. און זיי האָבען

אַלעס

אַלעס אויף זיך גענומען צו האַלטען אַזוי ווי דער רבי ר׳ זושא האָט זיי געלערינט :

אין די אַללע שלעכטע לייט פון שטאָדט וואָס זיי האָבען גאָר נישט געוויסט וואָס עס איז דאָה ביי נאַכט פאָרגעקומען מיט זייערע חברים האָבען זיי זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטען אין אַזוי ווי עס איז נאָר טאָג געוואָרען זענען זיי געקומען צו לויפען צו דער סטאַנציע, ווי דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה איז געוועזען, זיי זאָלען זיך זעהן מיט זייערע חברים און זיי פרעגען ווי עס איז זיי אַדורך געגאַנגען די נאַכט. און אַז זיי זענען אַריין געקומען האָבען זיי מיט אַ גלעכטער געזאָגט, אַזוי ווי זייער שטייגער איז. נו גוטע ברודער ווי איז אייך אַדורך געגאַנגען די נאַכט האָט איהר מיט איהם געלערענט ער זאָל שוין געדענקען אויף נאָך אַמאָהל. אָבער ווי פערווינדערט זענען זיי געוואָרען אַז זיי האָבען געהערט דעם ענטפער פון זייערע חברים די ערגסטע, וויי איז אונז אַז איהר רופט אונז גיטע ברודער. אין מיר זענען אייערע ברודער, און זיי האָבען זיך שטאַרק צו וויינט און געזאָגט. דער רבי וואָס איז דאָה איז אַ הייליגער מענש און ער האָט אונז געזאָגט אַלע מעשים וואָס מיר האָבען געטוהן ביי אונזער לעבען און אַלע סימנים ווען און אויף וועלכען אָרט און אויך אייערע אַלע שלעכטע מעשים זענען פאַר איהם נישט פערבאָרגען. אין בפרט פאַר השי״ת איז דאָך אוודאי אַלעס בעוויסט. האָבען זיך די חברה לייט זייער פערווינדערט וואָס איז זיי עפיס פלוצלינג געשעהן זיי זענען דאָך געוועזען די ערגסטע צווישען די חברה. און איבער דער איינער נאַכט זענען זיי איבער געאַנדערט געוואָרען און זענען גאָר פרום געוואָרען און זאָגען נאָך זיי מוסר :

דער נאָך איז אָנגעקומען דער רבי ר׳ משה פשעוואָרסקער זיך צו זעהן מיט׳ן רבי׳ן ר׳ זושא. און ווי ער האָט געהערט פון דער מעשה אין ווי דער רבי האָט די פיהער ערגסטע פון דער חברה מחזיר בתשובה געוועזען, האָט ער זיך שטאַרק פערווינדערט אַז אין אַזוי אַ קליינע צייט האָט ער געקענט אַזוי פיהל אויף טוהן, און האָט פון דעם געזעהן דאָס גרויסקייט פון הייליגען רבי׳ן ר׳ זושא זכרונו לברכה און עס האָט איהם הנאה געטוהן וואָס עס איז אויסגעפיהרט געוואָרען צום גוטען זיין פערלאַנג, וואָס ער האָט געמיינט דער מיט ער זאָל הייסען דעם בעל העגלה פאָהרען דוקא דורך דער שטאָדט באַר, דען ער האָט פערשטאַנען אַז דער רבי ר׳ זושא וועט זיי מחזיר בתשובה זיין, און די רעשט פון די חברה האָבען אויך חרטה געהאַט אויף זייערע שלעכטע מעשים. אין האָבען געבעטען

דעם

דעם רבי'ן ר' משה פשעווארסקער ער זאל שלום מאכען צווישען זיי און דעם רבי'ן ר' זושא כדי זיי זאלען פון איהם מקבל זיין א סדר תשובה צו טוהן אויף זייערע עבירות. אין זיי זענען אלע געוואהרען גרויסע ערליכע יודען אזוי ווי דער רבי ר' זושא האט זיי גילערענט און זיי האבען פיהל מאהל ספעציעל געבעטען דעם רבי'ן ר' זושא ער זאל קומען אין זייער שטאדט אריין אויף שבת און ער זאל זיי לערנען צו דינען השי"ת אין גייען און זיין וועג. זיין זכות זאל אונז ביי שטיין מיר זאלען געהאלפען ווערין מיט כל טוב אמן:

א וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא זצ"ל.

אמאהל איז געקומען א קרעטשמער צום רבי'ן ר' זושא זכרונו לברכה און האט שטארק געוויינט. אז ער וואהנט און א קרעטשמע שוין א סאך יאהרען און אויך זיינע עלטערין און זיין זיידע האבען דאה געוואהנט. און פלוצלונג איז דער פריץ פון דארף אויף איהם בייז געווארען און האט נאך איהם געשיקט און האט איהם געזאגט אז ער זאל זיך שוין ארויס צוהען פון דער קרעטשמע אהן א שום תירוץ. און ער ווייסט גאר ניט וואס פאר א עצה זיך צו טוהן און ווי וועט ער גיין מיט זיין בני בית. האט דער רבי ר' זושא גיגעבען אויף איהם א געשריי. דער פריץ איז דאך גירעכט וואס ער הייסט דיך שוין ארויס צוהען דען די טאהרסט דאך ניט וואהנען און דער דירה ווייל עס איז ניט דאה קיין מזוזות כשרה. און דריבער ווייל דיך דער פריץ ארויס ווארפען, פרוב נאר גיי צום סופר און קויף שוין כשרה מזוזות און שלאג אהן וועסטו זעהן אז דער פריץ וועט באלד בעסער ווערין האט דער יוד אזוי געטוהן און האט געקויפט נייע מזוזות כשרה און אהן געשלאגען. און דער פריץ האט טאקע נאך איהם באלד געשיקט און האט איהם איבער גיבעטען וואס ער האט איהם פריהער איבער געשראקען אז ער וועט איהם ארויס ווארפען און האט איהם אינטער געשריבען דעם קאנטראקט אויף נאך צעהן יאהר:

אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא זצ"ל.

איינמאהל איז דער רבי ר' זושא זכרונו לברכה געוועזען און שטיב ביים רבי'ן ר' בער זכרונו לברכה איז אריין געקומען אַ מענטש וואָס דער רבי ר' זושא האָט און איהם דערקענט אַז ער האָט געטוהן זייער אַ גרויסע עבירה ר"ל. האָט עס איהם זייער פערדראָסען וואָס ער האָט גאָר ניט קיין בושה אריין צו קומען צום היילינען מגיד אָהן אַ הירהור תשובה און ער האָט זיך ניט גיקענט איינהאַלטען און האָט געזאָגט אַז אַמענטש וואָס האָט גיטוהן אַזאַ גראָבע עבירה זאָל האָבען אַ חוצפה אריין צו קומען צום רבי'ן און שטיין פאַר איהם אָהן תשובה. דער נאָך אַז דער מענטש איז אַוועק גיגאַנגען האָט דעם רבי'ן ר' זושא באַנק געטוהן פאַר וואָס ער האָט גירעדט פאַר זיין רבי'ן דעם היילינען רבי'ן ר' בער דען דער רבי האָט דאָך אויך אַלעס גיזעהן און פון דעסט וועגען האָט ער דעם מענטש גאָהר ניט געזאָגט. און ער איז צו געגאַנגען איבער בעטין דעם רבי'ן, האָט איהם דער רבי גיבענטש אַז ער זאָל שוין מעהר פון היינט ניט זעהן קיין שלעכטץ אויף קיין יוד און פון דאַמאָלס אָהן אפילו ער האָט גיזעהן אַז אַ יוד האָט אַמאָהל גיטוהן אַ זאַך וואָס עס איז ניט גלייך האָט ער אויך ניט גיזעהן קיין שלעכטץ נאָר דאָס גיטע וואָס עס וועט דערפין אַרויס קומען. זיין זכות און דער זכות פון אַלע צדיקים זאָל אינז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפין ווערין מיט אַלעס וואָס מיר דאַרפען, און מיר זאָלען איהם קענען דינען מיטן גאנצען האַרץ אמן:

אַ ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא זצ"ל

אַמאהל ווען דער רבי ר' זושא איז געגאַנגען גלות ליידען אין דייטשלאַנד איז ער אַריין געקומען און אַ רעפּאָרמירטע שטאָדט און ווי זיי אַ האָבען געזעהן זיין אויפפירעכטץ האָבען זיי פון איהם שפּאַס געמאַכט און האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגענעם, און אַז ער איז געקומען און שוהל אריין האָבען אויך אַטייל פון זיי פון איהם ליצנות געמאַכט און ווי די קינדער האָבען דערזעהן אַז די עלטערע שפּעטען פון איהם האָבען זיי געמיינט

געמיינט אַז ער איז אַ משוגענער און האָבען אויף איהם אָנגעהויבען צו שלעפען און זיי האָבען איהם געצויגען ביי דער גאַרטעל. האָט ער צו גערופען די קונדער און האָט זיי געזאָגט מיינע ליבע קונדער נעמט אייך אַלע צוזאַמען ווייל איך אייך עפּיס זאָגען די קינדער האָבען געמיינט אַז ער וויל זיי עפּיס ווייזען אַ קונץ האָבען זיי זיך אַלע אַרום געשטעלט אַרום איהם אין ער איז געשטאַנען אין דער מוט. און האָט צו זיי געזאָגט מיינע ליבע קינדער קוקט מיך גוט אָהן איהר זאָלט פון מיר קיין אויג נישט אָב לאָזען און די קונדער ווייל זיי האָבען געמיינט אַז ער וועט זיי עפּיס ווייזען האָבען זיי איהם גוט אָנגעקוקט, און ער האָט אויף יעדין קינד בעזונדער גוט אָנגעקוקט. און דער נאָך האָט ער זיי געהייסען אַ היים גיין: ווי די קונדער זענען אַ היים געקומען און מען האָט זיי דערלאַנגט עסען האָבען זיי נישט געוואָלט עסען, איינער האָט געזאָגט אַז דאָס פליייש איז נישט געזאַלצען, טאָהר מען עס נישט עסען. דער צווייטער האָט געזאָגט ווי קען ער עסען טרפה פליייש. און אַזוי אַלע קינדער האָבען נישט געוואָלט עסען און האָבען געזאָגט אַז די כלים זענען טרפה. און דאָס גאַנצע עסען איז אויך טרפה. און ווי דער שטייגער פון די ווייבער איז איינע אַריין געקומען צו דער צווייטע און האָט איר דערציילט אַז פלוצלינג איז איהר יונגעל אַ היים געקומען פון בית המדרש און ער וויל נישט עסען און וואָס מען גיט איהם זאָגט ער אַז עס איז טרפה האָט די שכנתה איהר געזאָגט אַז מיין יונגעל וויל דאָך אויך נישט עסען און שרייט אויך אַז אַלעס איז טרפה. און האָט מיר געזאָגט אַז מען טאָר נישט דאַווענען ביי מיר אין שטוב ווייל איך גיי אין די האָר פון קאָפּף אויפגעדעקט. און זיי האָבען זיך אַזוי ווי צו שמועסט. איז נאָך איינע אַ ריין געקומען און האָט אויך דערציילט פון איהר יונגעל אַ זעלכע זאַכען ביז די גאַנצע שטאָדט האָט זיך פערווונדערט דען אַלע זענען געוואָהר געוואָרען אַז זייער יונגעל איז נישט דער איינציגער וואָס איז פליצלונג פרום געוואָרען האָבען זיי געזאָגט אַז דאָס איז נישט אַנדערש דער אורח וואָס זיי האָבען פון איהם שפּאַס געמאַכט. און געהאַלטען פאַר אַ משוגענעם. איז אַ צדיק און מיט זיין קוקען אויף די קינדער האָט ער און זיי אַריין געגעבען אַ געדאַנק פון יודישקייט האָבען זיי מורא בעקומען וואָס זיי האָבען איהם מבזה געוועזען און זענען איהר געגאַנגען איבער בעטען. און דער רבי ר׳ זושא האָט זיי אַלע מחזיר בתשובה געוועזען זכותו יגן עלינו:

אַ וואונדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא זצ"ל

דער הייליגער רבי ר' זושא זכרונו לברכה האָט געהאַט אַ מנהג אַז אין דער פריה אַזוי ווי ער האָט אָב געדאַווינט און אָב גילערענט זיינע שיעורים, האָט ער ניט געזאָגט צו די משמשים זיי זאָלען איהם ברענגען עפיס עסען. נאָר ער האָט גיפלעגט צו זאָגען רבונו של עולם זושא איז הינגעריג שיק איהם צו עפיס עסין. און די משמשים אַז זיי האָבען איהם גיהערט אַזוי זאָגען האָבען זיי איהם אַריין גיברענגט עסין. איינמאָהל האָבין זיך די משמשים אָב געשמיסט זיי זאָלען איהם ניט אַריין געבען קיין עסין ביז ער וועט זיי בפירוש זאָגען אַז זיי זאָלען איהם געבען עסין. און אין דער שטאָדט אניפאָליע איז גיוועזען זייער גרויסע בלאָטעס נאָר לעבען די הייזער איז גיוועזען געלייגט אַ שמאָלע לאַווע פון איין ברעט. און אין דעם טאָג וואָס די משמשים האָבען זיך אַזוי געהאַט אָב געשמיעסט. ווען דער רבי ר' זושא איז געגאַנגען באַלד און דער פריה אין מקוה אַריין און ער איז גיוועזען פערקלערט און זיינע הייליגע געדאַנקען. איז אַ דורך געגאַנגען אַ פרעמדער סוחר וואָס ער האָט ניט גיקענט דעם רבי'ן ר' זושא און ווייל דער רבי איז געגאַנגען און פראָסטע מלבושים האָט ער אויס גיזעהן ווי אַ אָרימאַן. און ער איז געגאַנגען אַזוי פערקלערט און דער סוחר איז איהם געקומען און פנים אַריין. האָט דעם סוחר פערדראָסען וואָס דער אָרימאַן טרעט איהם ניט אָב און וועג ער זאָל קענען אַ דורך גיין. און ער האָט מיט שפּאַס דעם רבי'ן אַראָב געשטויסען פון דער לאַווע און דער בלאָטע אַריין און ווי ער איז געקומען אויף דער סטאַנציע האָט ער דערציילט ווי דער אָרימאַן האָט אים נישט געוואָלט אָבטרעטען דעם וועג און ער האָט איהם דערפאַר אַראָב געוואָרפען פון דער לאַווע און דער בלאָטע אַריין האָט איהם דער בעל הבית גיפרעגט ווי דער אָרימאַן האָט אויס גיזעהן דען ער האָט געוויסט אַז און דער פריה גייען ניט קיין אָרימע לייט און שטאָדט. האָט איהם דער סוחר אויס געמאָהלט ווי ער האָט אויס גיזעהן. האָט ער אָהן געהויבין צו שרייען וואָס האָט איהר געטוהן דאָס איז דאָך דער הייגער רבי וואָס ער גייט אַלע טאָג און מקוה אַריין און אַזעלכע מלבושים ווי אַ אָרימאַן און אָהן אַ משמש:

ווי דער סוחר האָט דאָס גיהערט איז ער זייער דערשראָקען געוואָהרען. און האָט געפרעגט דעם בעל הבית וואָס פאַר אַ עצה ער האָט. וויאַזוי ער זאָל קענין דעם רבי'ן איבער בעטען האָט איהם דער בעל הבית גיזאָגט

איך

איך ווייס דאָס דער רבי איז זייער אַ גיטער און אַזוי ווי איהר וועט אַריין קומען איהם איבער בעטען וועט ער אייך באַלד מוחל זיין מיטען גאַנצען הארץ. נאָר פון דעסט וועגען זאָלט איהר ניט אַריין גייען צו איהם לעדיג נאָר איך ווייס אַז דער רבי דארף נאָך דעם דאווינען און ווי ער קאָנצשעט זיינע שיעורים עפּיס נעמין און מויל אריין. דריבער זאָלט איהר נעמין לעקאך און בראָנפּען. און זאָלט אריבער גיין צום רבי'ן און וואַרטען ביז ער וועט אָב לערנען און זאָלט איהם אריין געבין דעם לעקאך און בראָנפען ער זאָל פון אייך עפּיס נהנה זיין. דערנאָך זאָלט איהר איהם איבער בעטען. אויף דעם וואָס איהר האָט איהם מבזה גיוועזען. האָט דער סוחר אַזוי געטוהן און ער איז פונט אָהנגעקומען ווען דער רבי ר׳ זושא זוכרונו לברכה האָט געזאָגט רבונו של עולם זושא איז זייער הינגעריג שיק איהם צו עפּיס צו עסען. נאָר אַלע טאָג פלעגען די משמשים איהם באַלד צו צי ברענגען. און דעם טאָג האָבען זיי אַלע זיך בעהאַלטען זיי זאָלען זעהן. וואָס עס וועט ווערען. אויב זיי וועלען איהם ניט געבען. האָט ער געמוזט עטליכע מאָהל אַזוי שרייען רבונו של עולם זושא איז הינגעריג שיק איהם צי עפּיס צו עסין. איז דער מענטש אַריין געגאַנגען און האָט אַנידער גישטעלט דעם בראָנפען מיט דעם לעקאַך. און דער רבי האָט געטרונקען צו איהם לחיים. און האָט איהם מוחל גיוועזען מיטען גאַנצען הארץ. און ווי די משמשים האָבען גיהערט אַז דער רבי ר׳ זושא איז שוין שטיל זעגין זיי אַרויס געגאַנגען פון זייער בעהעלטיניש זיי זאָלען זעהן וואָס דער רבי איז שטיל געוואָהרען. אָבער ווי פערווינדערט זענין זיי געוואָהרען אַז זיי האָבען גיזעהן דאָס עס שטייט אויפען טיש לעקאַך און בראָנפען. האָבען זיי פערשטאַנען אַז ווייל זיי האָבען איהם ניט געוואָלט געבין האָבען אַנדערע מענטשען זוכה גיוועזען אַז השי״ת האָט זיי גיגעבען אין זייערע געדאַנקען אַריין איהם צו ברענגען עפּיס צו נעמען און מויל אַריין. און אַז אין הימעל איז חשוב זיין אויפפיהרונג. און מען גיט אַכטונג אַז ער זאָל ניט דאַרפען מבטל צו זיין זיינע גיטע אויף פיהרונג. האָבען זיי פון דאַמאָלס אָהן גיט אַכטונג גיגעבען אַז זיי זאָלען פונקטליך אויס פיהרען אַלע זיינע פערלאַנגען. זיין זכות און דער זכות פון אַלע הייליגע צדיקים זאָל אינז ביי שטיין דאָס מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעס וואָס מיר דאַרפען און מיר זאָלען קענען דינען השי״ת מיטען גאַנצין הארץ:

א ווינדערליכע מעשה פון רבי'ן ר' זושא זצ"ל.

אמאהל איז דער הייליגער רבי ר' זושא זכרונו לברכה געקומען קיין חאדריקאב אין סוף חודש שבט און איז איינגעשטאנען ביי דעם רבי'ן ר' מאיר קריסקשובער זכרונו לברכה. וואס איז דאמאלס געוועזען אין חאדריקאב רב. און וייל דער שניי איז שוין דאמאלס צעגאנגען. איז דער וועג געווארען זייער שלעכט און דער רבי ר' זושא זכרונו לברכה האט בשום אופן נישט געקענט א היים פאהרען, האט דער רבי ר' זושא געזאגט עס שטייט דאך „הנותן שלג כצמר כפור כאפר יפזר" דאס איז טייטש השי"ת גוט שניי און פראסט. איז געווארען א גרויסער פראסט און עס איז אנגעפאלען א שניי איז געווארען א גוטער וועג צו פארען און דער רבי ר' זושא זכרונו לברכה איז אהיים געפאהרען. אבער די פרעסט האבען אזוי געהאלטען ביז ראש חודש אייר. און מען האט נישט געקענט ארבייטען אין די פעלדער און ווי מען האט געשמועסט פון דעם ווינדער וואס די פרעסט האלטען אזוי לאנג האבען טייל מענשען זיך דערמאנט און דעם רבי'ן ר' זושא'ס ווערטער און זיי האבען זעזאגט אז דאס איז נישט אנדערש נאר דעם רבי'ן ר' זושא'ס תפילה האט דאס געבערענגט די פרעסט און ווי דער רב איז דערפון געוואהר געווארען, האט ער זיי געפרעגט פאר וואס האט איהר מיר באלד נישט דערציילט אז דער רבי וויל אהיים פארען אין ער קען נישט דורך דעם שלעכטען וועג וואלט איך דאך געוועזען איהם געדינגען א גוטע פיהר אז ער זאל יא קענען פאהרען און דאן וואלטען מיר נישט געדארפען ליידען אזוי לאנג קיין פרעסט. און דער רב האט באלד געשיקט עטליכע מענשען צום רבי'ן ר' זושא זכרונו לברכה קיין אניפאלע אז ער זאל בעטען אז השי"ת זאל אב טהון פון זיי די פרעסט זענען זיי געפארען צום רבי'ן ר' זושא זכרונו לברכה. און האבען איהם דערציילט די מעשה. אז דער רב האט זיי געשיקט צים רבי'ן ר' זושא ער זאל בעטען השי"ת אז די פרעסט זאלען אויף הערין. האט דער רבי ר' זושא געזאגט עס שטייט ווייטער און דעם פסוק „ישלח דברו וימסם" דאס איז טייטש השי"ת זאגט ווערט דער שניי צו געהן. און ווי זיי זענען אהיים בעקומען האבען זיי שוין נישט געטראפען קיין צייכען פון איין אדער שניי. זיין זכות זאל אינז ביי שטיין אמן:

אַמָאהְל איז דער הייליגער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה געקומען קיין זוטאָמער. און מען האָט פער זיינעט וועגען אָב גענומען אַ שיינע סטאַנציע. און אויף שבת האָט מען אויף געשטעלט אַ גרויסען טיש עס זאָל זיין גענוג פאַר דעם גרויסען עולם חסידים וואָס זענען דאָרט אָהגנעקומען, נאָר ווייל עס איז דאָרט געווען ענק האָבען זיי זוך נישט געהאַט ווי אָנצעשפּאַרען די פיס. האָבען זיי געזוכט עפּיס פאַר אַ פיסען בענקעל, איז דאָרט געוועזען אַ קליין קעסטלע וואָס אַ פרעמדער אורח האָט עס געלאָזט שטיין און ער מיז דערוויל אַוועק געפאָהרען און אַ צווייטי שאָטדט אַריין האָט ער געלאָזט שטיין אויף דער סטאַנציע האָבען זיי עס גענומען אין אַריינטער געשטעלט אינטער דעם טיש אַז דער רבי ר׳ זושא זאָל זיך האָבען אויף וואָס אָהן צו שפּאַרען די פיס, אָבער ווי עס איז געקומען שבת צום טיש און דער רבי ר׳ זושא האָט אַרויף געשטעלט די פיס אויף דעם קעסטעל האָט ער זיי באַלד אַראָב געחאַפּט און געשריגען אוי וויי, און ווי ער האָט נאָך אמאָהל ארויף געשטעלט די פיס האָט ער אויך באלד אראָב געחאַפּט אין געשריגען און אַזוי איז געוועזען אויף דאָס דריטע מאָהל האָט דער רבי ר׳ זושא זכרונו לברכה געהייסען אַ פער נעמין דאָס קעסטילע און האָט געזאָגט אַז עס איז ניט אַנדערש נאָר עס מוז ליגען און דעם קעסטעלע אַ ספר תורה דריבער קען ער נישט האַלטען דרוף די פיס. האָט מען עס באַלד גיעפינט און מען האָט טאַקע אַזוי געפינען אַזוי ווי ער האָט געזאָגט׃